STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02449

GESHLEKHT UN KHARAKTER

Otto Weininger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאטשקאווסקי׳ס
„פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

אָטאָ ווײַנינגער

געשלעכט און כאראקטער

צווייטע טייל

דריטער באנד

ווארשע — ניו־יאָרק 1929

Printed in Poland

Druk. „Br. Lewin-Epstein i S-ka", Warszawa, Pawia

ד י ג ע ש ל ע כ ט ל ע כ ע ט י פ ן

קאַפּיטל XI

ערָאטיק און עסטעטיק

די אַרגומענטן, מיט וועלכע מ׳האָט זיך נישט איינמאָל באַנוצט, כּדי צו באַגרינדן די הויכע אָפּשאַצונג פון דער פרוי, זענען, אַחוץ עטלעכע, צום אַרומרעדן נאָך פאַרבליבענע אויסנאַמען, אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַן אַלזייטיקן אַנאַליז פון שטאַנדפּונקט פון דער קריטישער פילאָזאָפיע, אָן וועלכער עס האַלט זיך, נישט אָן יסוד, אונזער אונטערזוכונג. געוויס איז ווייניק באַרעכטיקט די האָפענונג׳ אַז מ׳זאָל זיך וועלן אין עפּעס אַ דיסקוסיע שטעלן אויפן דאָזיקן האַרטן באָדן. כּדאַי צו דערמאָנען דעם גורל פון ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר ן, וועמעס נידריקע מיינונג „וועגן די פרויען” מען פלעגט זיך געוויינלעך דערקלערן דערמיט, וואָס עפּעס אַ ווענעציאַניש מיידל, מיט וועלכער ער איז אַמאָל געגאַנגען, האָט זיך פאַרגאַפט אויף דעם פאַרבייגאַלאָפּירנדיקן, קערפּערלעך שענערן ב י ר אָ ן: גלייך ווי די ערגסטע מיינונג וועגן די פרויען וואָלט באַקומען דער, וועלכער האָט אַמווייניקסטן געהאַט באַ זיי גליק, און נישט גיכער יענער׳ וואָס האָט עס געהאַט אַמייסטן.

אָנשטאָט אָפּצווועגדן די אָנשויונגען פון דעם מחבר מיט איבערצייגנדיקע באַווייזן, איז גאַנץ געֵנוג אים פּשוט צו באַצייכענען אַלס פרויענפיינט. אַזאַ מעטאָד פון קאַמף האָט באמת מער פּעולה. די שנאה הויבט זיך קיינמאָל נישט אויף העכער פון איר אָביעקט און דערפאַר, זאָגנדיק׳ אַז דער מענטש איז דורכגעדרונגען מיט אַ שנאה צו דעם אָביעקט, וועגן וועלכן ער אורטיילט, שטעלן מיר דערמיט גופא אונטערן ספק די אויפריכטיקייט, ריינקייט און גלויבנסווערדיקייט פון זיינע אָנשויונגען. וואָס אַן אמת, איז די לאָגישע באַווייזבאַרקייט אין אַזאַ אויפפאַסונג אַ גאַנץ קנאַפּע, אָבער זי דעקט זיך פולשטענדיק

מיט דעם היפערבאָלישן כאַראַקטער פון דער באַשולדיקונג, וועלכע ווערט אַרויסגערוקט קעגן אים, און דורך דעם פּאַטעטישן אָפּוואָר, מיט וועלכן מען שיצט זיך קעגן די אָנפאַלן פון זיין זייט. און אַזוי זעען מיר, אַז אַזאַ מין ענטפער פירט תּמיד צום געוואונטשטן צוועק: צו באַפרייען די פּאַרטיידיקער פון פון יעטוועדן אַריינלאָזן זיך אין דער אייגנטלעכער פראַגע: ער איז דער געשיקטסטער און טרעפלעכסטער כּלי-זין פון יענער אומגעהויערער מערהייט פון די מענער, וועלכע ווילן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון פון דער פרוי. מחמת ס'איז נישט פאַראַן קיין מענער, וועלכע זאָלן וועגן די פרויען פיל באַכדענקען און זיי פונדעסטוועגן שעצן הויך; ס'זענען נאָר פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַר דער פרוי פאַראַכטונג און אַזעלכע, וועלכע האָבן קיינמאָל איבער איר לענגער און טיפער נישט געטראַכט.

ס'איז בכן אַלנפאַלס אַן אומאָנשטענדיקע זאַך, צו פאַררופן זיך אויף די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון פון דעם קעגנער אין אַ טעאָרעטישן שטרייט און זיך צו באַנוצן מיט דעמדאָזיקן רעקורס, אָנשטאָט באַווייזן. כ'בין דאָ כּלל נישט אויסן עמיצן טעאָרעטיש וועגן דעם אויפצוקלערן, אַז אין אַ זאַכלעכן שטרייט דאַרפן ביידע קעגנערס צו שטעלן איבער זיך די איבערפּערזענלעכע אידעע פון אמת און זיך באַמיען צו דערגרייכן אַן ענדגילטיקן רעזולטאַט אומאָפּהענגיק דערפון, צי און ווי זיי ביידע עקזיסטירן אַלס קאָנקרעטע פּערזענלעכקייטן. וויבאַלד אָבער פון דער איינער זייט איז די לאָגישע באַטראַכטונג געוואָרן קאָנסעקווענט דורכגעפירט ביז צו אַ געוויסן ענדגילטיקן רעזו-טאַט, אינדערצייט ווען דער צווייטער צד באַנוגנט זיך בלויז מיט אָנפאַלן אויף די אויספירן פון קעגנער, נישט אויפווייזנדיק פון זיין זייט גאָרנישט: דאַן קאָן זיך דער ערשטער צד אין געוויסע פאַלן דערלויבן צו באַשטראָפן דעם צווייטן פאַר די-דאָזיקע אומאָנשטענדיקייט, פאַרוואָס ער לאָזט זיך נישט באַוועגן אַריינצולאָזן זיך אין גענויע דעדוקציעס — אויפווייזנדיק אים באַשיימפּערלעך די מאָטיוון פון זיין עקשנות. וויבאַלד דער אַנדער צד וואָלט געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון דידאָזיקע מאָטיוון וואָלט ער זיי אויך זאַכלעך אָפּגעוויגן אין דער באַציונג צו דער

ווירקלעכקייט, וועלכע שטייט אין אַזאַ סתירה צו זיינע ווונטשן. טאַקע דערפאַר, וואָס דידאַזיקע מאָטיוון ליגן מחוץ דער ספערע פון זיין באַוווסטזיין, קאָן ער נישט דערלאַנגען צו קיין אָביעקטיווער שטעלונג לגבי זיך גופא. דעריבער וועלן מיר אין איצטיקן מאָמענט, נאָך אַ לאַנגער ריי פון שטרענג לאָגישע און זאַכלעכע אויספירן, אומקערן די שפיז פון דעם אַנאַליז און באַטראַכטן, פון וועלכע געפילן עס שטאַמט דער פּאַטאָס פון דעם פרויען-מליץ, אויף וויפל ער האָט זיינע וואָרצלען אין לויטערע, און ווי ווייט אין פאַרדעכטיקערע ספערן פון דענקען.

אַלע פאָרווורפן, וועלכע ווערן געמאַכט די פּאַראַכטער פון דער ווייבלעכקייט, פליסן אַרויס געפילמעסיק פון דער עראָטישער באַציונג פונם מאַנסביל צו דער פרוי. דידאָזיקע באַציונג דאַרף מען פּרינציפּיעל אונטערשיידן פון דער אויסשליסלעך סעקסועלער באַציונג באַ חיות, וועלכע שפּילט צוליב איר אומפאַנג די ווייט גרעסטע ראָלע אויך צווישן די מענטשן.

ס'איז לגמרי אַ טעות צו טראַכטן, אַז סעקסואַליטעט און עראָטיק, געשלעכטס-אינסטינקט און ליבע, זענען אין תוך איינס און דאָסזעלביקע, און אַז די ליבע איז נאָר אַ געוויסע דעקאָרירונג, פאַרפיינערונג, פאַרנעפלונג און „סובלימאַציע" פון דעם געשלעכטס-דראַנג, הגם דערויף וועלן זיכער שווערן אַלע מעדיקער, און אַפילו אַזעלכע גייסטער, ווי קאַנט און שאָפּענהויער האָבן אויך נישט אַנדערש געגלויבט.

איידער כ'וועל צוטרעטן צו דער באַגרינדונג פון דער-דאָזיקער שאַרפער טיילונג, וויל איך נישט אויסמיידן די געלעגנהייט, כדי בנוגע דידאָזיקעביידע מענער צו באַמערקן אָט וואָס. קאַנטס מיינונג קאָן נישט זיין מאָסגעביק צוליב דעם, ווייל ער האָט געמוזט האָבן נאָר אין אַזאַ שוואַכער מאָס געקענט אי די ליבע, אי דעם געשלעכטס-דראַנג, ווי איבער-הויפּט קיין מענטש אַחוץ אים. ער איז געווען אַזוי ווייניק עראָטיש, אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט דאָס עראָטישע באַדערפעניש פון אַרומרייזן. ער שטייט בכן צו הויך און איז צו ריין, כדי צו נעמען אַ וואָרט אין דערדאָזיקער פראַגע, אַלס אויטאָריטעט; די איינציקע געליבטע, אין וועלכער ער האָט

זיך נוקם געווען, איז געווען די מעטאַפיזיק. און וואָס שייך שאָפּענהויער, האָט ער גראָד געהאַט ווייניק פאַר־שטענדעניש פאַר העכערער עראָטיק, באַזיצנדיק עס בלויז פאַר דער זינלעכער סעקסואַליטעט. דאָס לאָזט זיך זייער לייכט דערווייזן. דאָס פּנים פון שאָפּענהויערן ווייזט ווייניק גוטסקייט און פיל אכזריות (צוליב וועלכער ער אַליין האָט זיכער צום שרעקלעכסטן געמוזט ליידן: מען שאַפט נישט קיין שום מיט־ליידס־עטיק, וויבאַלד מען איז אַליין זייער רחמנותפול, די רחמנות־פולסטע מענטשן זענען די, וועלכע נעמען זיך אַמייסטן פאַראיבל זייער רחמנות: קאַנט און ניטשע). אָבער שוין דאָ דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, אַז נאָר די מענטשן, וועלכע זענען שטאַרק גענויגט צו מיטלייד, זענען פעיק צו העפטיקער עראָטיק; אַזעלכע, וועלכע „ס'גייט בכלל גאָרנישט אָן", זענען צו דער ליבע אומפעיק. זיי מוזן כלל נישט זיין קיין סאַטאַנישע נאַטורן, פאַרקערט, זיי קאָנען שטיין עטיש זייער הויך, נישט באַ־מערקנדיק רעכט, וואָס דער מיטמענטש דענקט גראָד, אָדער וואָס אין אים קומט פאָר; און נישט האָבנדיק קיין פאַרשטענ־דעניש פאַר אַן איבערסעקסועלן פאַרהעלטעניש צו דער פרוי. אַזוי איז אויך געווען מיט שאָפּענהויערן. ער איז געווען אַן עקסטרעם צווישן די פון געשלעכטס־אינסטינקט ליידנדיקע מענטשן, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געליבט; אַנדערש וואָלט דאָך אויך געווען אומדערקלערלעך, די איינזיי־טיקייט פון זיין באַרימטער „מעטאַפיזיק פון דער געשלעכט־ליבע" ווערעס וויכטיקסטע הנחה איז, אַז דער אומבאַוווסטזיניקער ענדציל פון יעטוועדער ליבע איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די „באַשאַפונג פון קומענדיקן דור".

דידאַזיקע אָנשויונג איז, ווי איך האָף צו דערווייזן, אין תוך פאַלש. וואָס אַן אמת, איז אין דער רעאַלערווירקלעכקייט נישט פאַראַן אַזאַ ליבע, וועלכע זאָל זיין לגמרי פריי פון זינ־לעכקייט. ווי הויך עס זאָל נישט שטיין דער מענטש, איז ער אָבער סוף־כל־סוף אויך אַ זינלעך וועזן. וועגן וואָס עס גייט דאָ און אָן וואָס עס צעקלאַפּט זיך ענדגילטיק די קעגנערישע אָנשויונג, איז דאָס, אַז איטלעכע ליבע פאַר זיך גופא – נישט ערשט דורכן איינפלוס פון אַסקעטישע פּרינציפּן – שטעלט זיך

פּיינטלעך אַקעגן אַלע יענע עלעמענטן, וועלכע שטויסן צו דער קערפּערלעכער באַהעפטונג, און פילט זיי אַפילו אָפּ אַלס איר אייגענע נעגאַציע. ליבע און באַגער זענען צוויי אַזוי פאַרשידענע, איינאַנדער אַזוי לחלוטין אויסשליסנדיקע, יאָ, אַפילו קעגנזעצלעכע צושטאַנדן, אַז אין די מאָמענטן, ווען אַ מענטש ליבט באמת, איז דער געדאַנק וועגן דער קערפּערלעכער פאַראייניקונג מיט דעם געליבטן וועזן פאַר אים פולשטענדיק אומדענקבאַר. דאָס, וואָס ס'איז נישט פאַראַן קיין האָפענונג, וועלכע זאָל זיין אינגאַנצן פריי פון מורא, ענדערט כלל נישט דעם פאַקט, אַז האָפענונג און מורא זענען זיך איינאַנדער דירעקט קעגנזעצלעך. נישט אַנדערש פאַרהאַלט עס זיך צווישן דעם געשלעכטס-אינסטינקט און דער ליבע. וואָס עראָטישער אַ מענטש איז, אַלץ ווייניקער פאַרמאָגט ער אין זיין סעקסואַליטעט, און פאַרקערט. וויבאַלד ס'איז נישט פאַראַן קיין פאַרהערלעכונג, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן פריי פון באַגער, דאַרף מען נאָכנישט דערפאַר אידענטיפיצירן די ביידע זאַכן, וועלכע קאָנען זיין העכסטנס קעגנזעצלעכע פּאָזעס, אין וועלכע אַ באַגאַבטערער מענטש קאָן נאָכאַנאַנד איינטרעטן. ס'איז משקר דער־יעניקער, אָדער ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס ס'איז אַזוינס ליבע, דער וואָס האַלט, אַז ער ליבט נאָך די פרוי, וועלכע ער באַגערט: אַזוי פאַרשידן זענען ליבע און געשלעכטס-אינסטינקט. דערפאַר ווערט עס אויך תמיד אָפּגעפּילט אַלס צביעות, ווען עמיצער רעדט וועגן ליבע אין דער חתונה.

דעם טעמפּן בליק, וועלכער, ווי אויס פּרינציפּיעלן ציניזם, הערט נישט אויף זיך איינצושפּאַרן אויף דער אידענטישקייט פון די ביידע דערשיינונגען, וועלן מיר רעקאָמענדירן אויפמערקזאַם אַ קוק צו טון אויפן פאָלגנדיקן: די סעקסועלע צוציונג וואַקסט צוזאַמען מיט דער קערפּערלעכע נאָענטקייט, די ליבע איז אַמשטאַרקסטן אין דער אָפּוועזנהייט פון דער געליבטער פּערזאָן, זי באַדאַרף די שיידונג, אַ געוויסן מהלך, כדי צו בלייבן באַם לעבן. יאָ, וואָס אַלע נסיעות אין די ווייטע לענדער קאָנען נישט דערגרייכן, אַז אמתע ליבע זאָל אָפּשטאַרבן, ווו קיין שום צייט-איינפלוס העלפט נישט צום פאַרגעסן, דאָרט קאָן אַ צופעליקע, אומבכיוונדיקע קערפּערלעכע באַרירונג מיט דער

געליבטער אויפוועקן דעם געשלעכטס-אינסטינקט און איז בכוח צו טויטן די ליבע אויפן אָרט. און פאַר דעם העכער דיפערענ-צירטן, באַדייטנדיקן מענטש האָט דאָס מיידל, וועלכע ער באַ-גערט, און דאָס מיידל, וועלכע ער קאָן נאָר ליבן, אָבער קיינמאָל נישט באַגערן, זיכער תמיד אַ גאַנץ פאַרשידענע געשטאַלט, אַ פאַרשידענעם גאַנג, פאַרשידענע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן: דאָס זענען צוויי גענצלעך פאַרשידענע וועזנס.

ס׳איז בכן פאַראַן „פלאַטאָנישע" ליבע, הגם די פראָ-פעסאָרן פון פסיכיאַטריע האַלטן לגמרי נישט דערפון. כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט: פאַראַן נאָר „פלאַטאָנישע" ליבע. מחמת אַלדאָס אַנדערע, וואָס ווערט נאָך אַזיסטן אָנגערופן ליבע, איז פשוטע חזיריי. פאַראַן בלויז איין ליבע: דאָס איז די ליבע צו בעאַטריטשע, די פאַרגעטערונג פון דער מאַדאָנע. פאַר דער באַהעפטונג איז דאָך פאַראַן די ביבלישע זונה.

קאַנטס אויפציילונג פון די טראַנסצענדענטאַלע אידעען וואָלט באַדאַרפט, וויבאַלד אונזער געדאַנק איז ריכטיק, אַ געוויסע פאַרברייטערונג: אויך די ריינע, הויכע, באַגערונגסלאָזע ליבע, די ליבע פלאַטאָנס און ברונאָס, וואָלט געווען עפּעס אַ טראַנסצענדענטאַלע אידעע, וועמעס באַדייטונג אַלס אידעע וואָלט דורכדעם נישט באַרירט געוואָרן, מחמת די דערפאַרונג קאָן זי קיינמאָל פולשטענדיק פאַרווירקלעכט נישט אויפווייזן.

דאָס איז דער פראָבלעם פון „טאַנהויזער". דאָ טאַנהויזער, דאָרט וואָלפראַם; דאָ ווענוס, דאָרט מאַריע. דער פאַקט, אַז אַ ליבעס-פּאָר, וועלכע האָט זיך באמת געפונען אויף אייביק — טריסטאַן און איזאָלדע — גייט גיכער צום טויט, איידער אין חתונה-בעט, איז פונקט אַזאַ אַבסאָלוטער באַווייז פון עפּעס העכערס, מעטאַפיזישס אין דעם מענטש, ווי דאָס מאַרטירערטום פון אַ דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ.

„Dir, hohe Liebe, töne
Begeistert mein Gesang,
Die mir in Engelschöne
Tief in die Seele drang!

Du nahst als Gottgesandte:
Jch folg' aus holder Fern; —
So führst du in die Lande,
Wo ewig strahlt dein Stern"

*

ווער איז דער געגנשטאַנד פון אַזאַ ליבע? צי איז עס די זעלביקע פרוי, וועלכע איז דאָ געשילדערט געוואָרן, די פרוי אָן אַלע קוואַליטעטן, וועלכע קאָגען צוגעבן אַ מענטשלעכן וועזן אַ געוויסן ווערט, די פרוי אָן דעם ווילן צו אַן אייגענעם ווערט? מסתם נישט: בלויז די איבערשיינע, די מלאכיש־ריינע פרוי קאָן געליבט ווערן מיט דערדאָזיקער ליבע. פונוואַנען נעמט אָבער יענע פרוי איר דאָזיקע שיינקייט און איר צניעות, דאָס איז בכן די פראַגע.

מ'האָט זיך אָפט געאַמפּערט וועגן דעם, צי דאָס ווייבלעכע געשלעכט איז באמת דאָס שענערע, און נאָכמער האָט מען קוועסטיאָנירט זיין באַצייכענונג אַלס דאָס שיינע איבער־הויפּט. כדאי צו פרעגן קודם־כל, דורך ועמען און אויף וויפל ווערט די פרוי באַטראַכט פאַר שיין.

כידוע, איז די פרוי נישט צום שענסטן אין איר נאַקעט־קייט. אמת, אין דער רעפּראָדוקציע פון אַ קונסטווערק, אַלס כטאַטוע אָדער אַלס בילד, קאָן די אומבאַקליידעטע פרוי זיין שיין. אָבער די לעבעדיקע נאַקעטע פרוי קאָן שוין דערפאַר קיינער נישט געפינען פאַר שיין, ווייל דער געשלעכטס־אינסטינקט מאַכט אוממעגלעך יעדע אומפאַראינטערעסירטע באַטראַכטונג, וועלכע בלייבט נויטווענדיקער באַדינג פון יעטוועדער אָפּפילונג פון שיינקייט. אָבער אויך אָפּגעזען דערפון מאַכט די פולשטענדיק נאַקעטע פרוי דעם איינדרוק פון עפּעס אומפולקאָמס, וואָס שטרעבט צו עפּעס מחוץ זיך, און דאָס פאַרטראָגט זיך כלל נישט מיט דער שיינקייט. די נאַקעטע פרוי איז אין די איינ־צלהייטן שענער, איידער אַלס גאַנצעס; אַלס אַזעלכע דערוועקט זי אומפאַרמיידלעך דאָס געפיל, אַז זי זוכט עפּעס און דערפאַר פאַרשאַפט זי דעם צושויער גיכער דאָס געפיל פון אומחשק,

איידער פון חשק. צום שטאַרקסטן טרעט אויף דערדאָזיקער מאָמענט פון אַן אינערלעכער צוועקלאָזיקייט, וואָס זוכט איר ציל מחוץ זיך, אין דער נאַקעטער, גלייך שטייענדיקער פרוי; דורך די ליגנדיקע פּאָזיציע ווערט דערדאָזיקער איינדרוק נאַטירלעך געמילדערט. די קינסטלערישע שילדערונג פון דער נאַקעטער פרוי האָט דאָס זייער גוט אָפּגעפילט; און פאַרשטעלנדיק די נאַקעטע פרוי אַ גלייך שטייענדיקע אָדער שוועבנדיקע, האָט זי זי קיינמאָל נישט געוויזן אַליין, נאָר תּמיד אין שייכות מיט עפּעס אַן אומגעבונג, פאַר וועלכער זי באַמיט זיך איר נאַקעטקייט מיט דער האַנט צו באַדעקן.

אָבער די פרוי איז אויך אין די איינצלנע טיילן נישט דורכויס שיין. אַפילו ווען זי רעפּרעזענטירט מעגלעכסט פולקאָם און גאַנץ פּאָרוווּרפסלאָז דעם קערפּערלעכן טיפּ פון איר געשלעכט. דאָס, וואָס קומט דאָ טעאָרעטיש אַמייסטן אין באַטראַכט, זענען די ווייבלעכע געניטאַליען*). ווײַבאַלד ס'וואָלט געקענט געווען די מיינונג, אַז יעטוועדע ליבע פונם מאַנסביל צו דער פרוי איז נאָר דער צום מוח געשטיגענער דעטומעסצענץ־דראַנג, ווײַבאַלד ס'וואָלט געווען באַגרינדעט שאָפּענהויערס באַהויפּטונג: „דאָסדאָזיקע נידריק געוואָקסענע, שמאָלפּלייציקע, ברייטהיפּטיקע און קורצפיסיקע געשלעכט אָנרופן דאָס שיינע האָט נאָר געקאָנט דער דורכן געשלעכטס־דראַנג פאַרנעפּלטער מענלעכער אינטעלעקט: אין דאָזיקן דראַנג געמלעך שטעקט זיין גאַנצע שיינקייט" — טאָ וואָלט מען געדאַרפט דערוואַרטן, אַז טאַקע די ווייבלעכע געניטאַליען זאָלן צום שטאַרקסטן געליבט ווערן און פון גאַנצן קערפּער פון דער פרוי פאַר דעם שענסטן באַטראַכט ווערן. אָבער אויסמיידנדיק עטלעכע עקלהאַפטע ליאַרם־מאַכערס פון די לעצטע יאָרן, וואָס מיט דער צודרינגלעכקייט פון זייער רעקלאַמע פאַר דער שיינקייט פון די ווייבלעכע געניטאַליען דערווייזן זיי פונקט אַזוי, אַז ס'איז ערשט נויטיק אַן אַגיטאַציע, כּדי מ'זאָל דערין גלויבן, ווי זיי וועקן אויך אַ חשד בנוגע דער אויפריכטיקייט פון זייערע רייד, וועגן וועמעס אינהאַלט זיי זענען כּלומרשט איבערגעצייגט; אָפּגעזען פון זיי, לאָזט זיך באַהויפּטן, אַז קיין שום מאַנסביל

*) געשלעכטס־אָרגאַנען

זעט נישט קיין שיינקייט אין די ווייבלעכע געניטאַליען, נאָר יעדער באַטראַכט זיי גיכער פאַר העסלעך; הגם געמיינע נאַטורן מעגן דורכן דאָזיקן קערפּערטייל פון דער פרוי באַזונדערס גערייצט ווערן צו זינלעכן באַגער, פונדעסטוועגן וועלן גראָד אַזעלכע זיי באַטראַכטן אפשר פאַר זייער אָנגענעם, קיינמאָל אָבער נישט פאַר שיין. די שיינהייט פון דער פרוי קאָן בכן נישט זיין קיין בלויזער עפעקט פון דעם סעקסואַל-דראַנג; זי איז גיכער גראָד זיין היפּך. מענער, וועלכע שטייען פולשטענדיק אונטער דער שליטה פון געשלעכטס-באַדערפעניש, האָבן קיין שום חוש נישט פאַר דער שיינקייט פון דער פרוי; אַלס באַוויז דערצו דינט דער פאַקט, וואָס אַזעלכע מענער באַגערן גאַנץ אומאיבערקלייבעריש יעדע פרוי, וועלכע זיי דערזען, בלויז אויפן סמך פון די מטושטשע פאָרמען פון איר קערפּערלעכקייט.

דעם גרונט פאַר די געבראַכטע דערשיינונגען — די העכלעכקייט פון די ווייבלעכע געניטאַליען און די אומשיינקייט פון איר לעבעדיקן קערפּער אין גאַנצן גענומען — קאָן מען נישט געפינען ערגיץ אַנדערש, ווי נאָר דערין, וואָס זיי באַליידיקן דאָס בושה-געפיל אינס מאַנסביל. די קאַנאָנישע פלאַכקעפּיקייט פון אונזערע צייטן האָט אויך דערפירט דערצו, אַז דאָס שעמעוודיקייט פירט מען אַרויס פונם פאַקט פון דער קליידונג, און יעטוועדן פּראָטעסט אַקעגן דער ווייבלעכער נאַקעטקייט באַטראַכט מען אַלס נטיה צום אומנאַטירלעכן, צו פאַרבאָרגענער אויסגעלאַסנקייט. אָבער אַ מאַנסביל, וועלכער איז געוואָרן אויסגעלאַסן, ווערט זיך שוין כלל נישט אַקעגן דער נאַקעטקייט, מחמת זי, אַלס אַזעלכע, וועקט שוין נישט זיין אויפמערקזאַמקייט. ער באַגערט בלויז, ער ליבט שוין נישט מער. יעטוועדע אמתע ליבע איז שעמעוודיק, פונקט אַזוי ווי יעטוועדעס אמתע מיטלייד. פאַראַן בלויז איין בושהלאָזיקייט: די ליבעסדערקלערונג, וועגן וועמעס אויפריכטיקייט דער מענטש וואָלט געווען איבערגעצייגט אין זעלבן מאָמענט, אין וועלכן ער מאַכט זי. זי וואָלט רעפּרעזענטירט דעם אָביעקטיוון מאַקסימום פון בושהלאָזיקייט, וועלכער איז נאָר דענקבאַר; דאָס וואָלט געווען עפּעס אַזוינס, ווי עמיץ וואָלט געזאָגט: כ׳בין פול מיט

בענקשאַפט. יענץ וואָלט געווען די אידעע פון בושהלאָזער האַנדלונג, דאָס ווידער די אידעע פון בושהלאָזע רייד. ביידע זענען קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט, ווייל יעטוועדער אמת איז שעמעוודיק. נישט פאַראַן קיין ליבעס-דערקלערונג, וועלכע זאָל נישט זיין קיין שקר: און אויך וויפל נאַריש די פרויען זענען אייגנטלעך, קאָן מען אַרויסזען דערפון, ווי אָפט זיי גלויבן אין ליבעס-פאַרזיכערונגען.

אין דער ליבע פונם מאַן, וועלכע איז תמיד שעמעוודיק, שטעקט די מאָס דערפון, וואָס מען באַטראַכט אין דער פרוי פאַר שיין און וואָס פאַר מיאוס. דאָ איז נישט אַזוי, ווי אין דער לאָגיק: ווו דער אמת איז די מאָס פון דענקען, דער ווערט פון אמת זיין שעפער; נישט ווי אין דער עטיק: ווו דאָס גוטע איז דער קריטעריום פון דער התחייבות, דער ווערט פונם גוטן איז אויסגעשטאַט מיט דער טענדענץ צו לענקען דעם ווילן צום גוטן: נאָר דאָ, אין דער עסטעטיק, ווערט די שיינהייט ערשט דורך די ליבע געשאַפן; נישט פאַראַן קיין נאָרמאַטיווער צוואַנג, צו ליבן דאָס, וואָס איז שיין, און דאָס שיינע טרעט נישט אַרויס צום מענטש מיט קיין טענה, אַז מען זאָל עס ליבן. (נאָר דערפאַר איז נישט פאַראַן קיין איבעראינדיווידועלער, איינציק „ריכטיקער” געשמאַק.) יעטוועדע שיינהייט איז גיכער אַליין ערשט אַ פראָיעקציע, אַן עמאַנאַציע פון דעם ליבעס-באַדערפעניש; און אַזוי איז אויך די שיינקייט פון דער פרוי נישט עפּעס פאַרשידנס פון דער ליבע, נישט קיין געגנשטאַנד, אויף וועלכן די ליבע ריכטעט זיך, נאָר די שיינהייט פון דער פרוי איז די ליבע פונם מאַן, ביידע זענען נישט קיין צוויי ערליי, נאָר איין און דערזעלביקער פאַקט. פונקט ווי העסלעכקייט שטאַמט פון האַסן, אַזוי שטאַמט אויך שיינקייט פון ליבן. דערדאָזיקער פאַקט דריקט זיך אויך אויס דערין, וואָס פונקט ווי די שיינקייט, אַזוי האָט אויך די ליבע קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט דעם געשלעכטלעכן דראַנג,

וואָס זיי זענען גלייך פרעמד דער זינלעכער תאווה. דאָס שיינע איז עפּעס אומבאַרירבאַרס, אומבאַטאַפּבאַרס, עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך מיט קיינזאַך נישט צונויפמישן; נאָר פון פולשטענדיקער וויטקייט קאָן זי ווי נאָענט געזען ווערן, און לגבי יעדער דערנענטערונג דערווייטערט זי זיך. דער געשלעכטס-אינסטינקט, וועלכער זוכט די פאַרייניקונג מיט דער פרוי, פאַרניכט איר שיינקייט; די באַטאַפּטע, די באַזעסענע פרוי ווערט שוין דורך קיינעמען צוליב איר שיינקייט נישט פאַרהערלעכט.

דאָס פירט אונז אויך צו דעם ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע: וואָס איז די אומשולד, און וואָס איז די מאָראַלישקייט פון דער פרוי?

אַלס אויסגאַנגס-פונקט ווע‌לן מיר נעמען עטלעכע פאַקטן, וועלכע באַגלייטן דעם אָנהויב פון יעטוועדער ליבע. די ריינקייט פונם גוף איז באַם מאַנסביל, ווי מיר האָבן שוין איינמאָל אָנגעטייט, אין אַלגעמיין אַ צייכן פון זיטלעכקייט און אויפריכ-טיקייט; ווייניקסטנס האָבן קערפּערלעך שמוציקע מענטשן זייער זעלטן אַ לויטערן אופן פון דענקען. און אָט קאָן מען באַאָ-באַכטן, אַז מענטשן, וועלכע לייגן אַזיסטן דורכויס נישט קיין גרויס אַכט אויף דער ריינלעכקייט פון זייער גוף, הויבן זיך אָן אין די מאָמענטן פון אויסשליסלעכער זיטלעכער עליה פלייסיקער און אָפטער צו וואַשן. אַזוי אויך מענטשן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געווען זויבער, הויבן פלוצלינג אָן אויפן משך פון עפּעס אַ ליבע אויס אינעווייניקסטן דראַנג צו זאָרגן זיך וועגן דער ריינקייט, און דערדאָזיקער קורצער צייט-שפּאַן, דער איינציקער אין זייער לעבן, ווען זיי זענען אונטערן העמד נישט אויס אומ-ציכטיק. איבערגייענדיק צו דער גייסטיקער ספּערע, זעען מיר, אַז באַ פיל מענטשן הויבט זיך די ליבע אָן מיט זעלבסט-באַשולדיקונגען, מיט סיגופים און תשובה-פּרווון. עס הויבט זיך אָן אַ מאָראַלישער באַקער, פון דער געליבטער שיינט אויך אַרויסצושטראַלן עפּעס אַן אינערלעכע לייטערונג, אַפילו ווען דער ליבנדיקער זאָל מיט איר קיינמאָל נישט האָבן גערעדט, אַפילו ווען ער האָט זי נאָר עטלעכע מאָל פונווייטנס געזען. דערדאָזיקער פּראָצעס קאָן בכן נישט האָבן זיין סיבה אין דעם געליבטן וועזן: די געליבטע איז צו אָפט נאָר עפּעס אַ

מיידעלע, צו אָפט אַ גענזל, צו אָפט אַ קאָקעטין, און געוויינלעך באַמערקט קיינער נישט באַ איר קיין איבערערדישע אייגנשאַפטן אַחוץ דעריעניקער, וועלכער ליבט זי. צי איז בכן צו גלויבן, אַז דידאָזיקע קאָנקרעטע פּערזאָן ווערט געליבט אין דער ליבע, דינט זי נישט גיכער בלויז פאַרן א ו י ס ג אַ נ ג ס - פּ ו נ ק ט פון אַ געוויסן אומפאַרגלייכלעך גרעסערן פּראָצעס?

אין יעדער ליבע ליבט דער מאַנסביל נאָר זיך גופא. אָבער ער ליבט זיך נישט אַלס סוביעקטיוו וועזן, וואָס איז באַלאַסטעט מיט יעטוועדער שוואַכקייט און געמיינקייט, מיט יעטוועדער שווערקייט און קליינלעכקייט פון זיין נאַטור. ער ליבט דאָס, וואָס ער וואָלט געדאַרפט זיין; ער ליבט זיין אייגנסטן, טיפסטן, אינטעליגיבלען וועזן, פריי פון יעטוועדן יאָך פון דער נויטווענדיקייט, פון יעטוועדן זומפּ פון דער ערדישקייט. אין זיין צייטלעך-רוימלעכער ווירקלעכקייט איז דאָסדאָזיקע וועזן פאַרמישט מיט דעם שמוץ פון דער זינלעכער באַגרע-ניצטקייט, אָבער זי עקזיסטירט נישט, אַלס ריין, שטראַלנדיק אורבילד; ווי טיף ער זאָל אין זיך נישט אַריינדרינגען, פילט ער זיך תמיד פאַרטונקלט און באַפלעקט און זעט קיינמאָל נישט דאָס, וואָס ער זוכט, אין ווייסער, אומבאַפלעקטער ריינקייט. און נישט פאַראַן באַ אים קיין שטאַרקערער, הייסערער, אויפריכ-טיקערער באַגער, איידער דער באַגער, צו פאַרבלייבן אינגאַנצן דאָס, וואָס ער איז. דאָס איינע אָבער, צו וועלכן ער שטרעבט, דערזעט ער נישט אין העלן גלאַנץ און אומדערשיטערלעכער פעסטקייט אויפן באָדן פון אייגענעם וועזן, א ו ן ד ע ר פ אַ ר מ ו ז ע ר ז י ך ע ס פ אָ ר ש ט ע ל ן מ ח ו ץ ז י ך׳ כדי עס אַזוינאָך לייכטער צו דערגרייכן. ער פּ ר אָ י ע ק צ י ר ט ז יי ן א י ד ע אַ ל פ ו ן אַ ן אַ ב ס אָ ל ו ט ו ו ע ר ט-פ ו ל ן ו ו ע ז ן, וועלכעס ער איז נישט בכוח צו איזאָלירן אין זיך גופא, אויף אַן אַנדער מענטשלעך וועזן, און דאָס און נישט עפּעס אַנדערש באַטייט עס, ווען ער ל י ב ט דאָס-דאָזיקע וועזן. נאָר דעריעניקער, וועלכער האָט זיך אין עפּעס פאַרשולדיקט און פילט אַליין אָפּ זיין שולד, איז פעיק צום דאָזיקן אַקט: דעריבער קאָן דאָס קינד נאָכנישט ליבן. נאָר דערפאַר, וואָס די ליבע שטעלט מיט זיך פאָר דעם העכסטן,

קיינמאָל נישט דערגרייכבאַרן ציל פון יעטוועדער בענקשאַפט-גלייך ווי ער וואָלט געווען ערגיץ אין דער דערפאַרונג פאַר-ווירקלעכט, און נישט בלויז עקזיסטירט אין דער אידעע; נאָר דערפאַר, ווייל זי לאָקאַליזירט אים אָן וועלכע ס'איז צומישונגען און פאָרמען-פלעקן אין אַן אַנדערן מענטש, געבנדיק צוגלייך אַזוינאַך אויסדרוק דעם פאַקט, אַז אין לייבנדיקן גופא איז דער אידעאַל נאָך ווייט פון דערפילונג: נאָר דערפאַר קאָן זיך צוזאַמען מיט דער ליבע ביי דערוואַכן די שטרעבונג נאָך ל י י ט ע ר ו נ ג, אַ באַגער צו אַ ציל, וועלכער איז פון העכסטער גייסטיקער נאַטור און פאַרליידט בכן נישט קיין שום קערפערלעכע פאַראומרייניקונג דורך שטחדיקע דערנעענטערונג צו דער געליבטער; דערפאַר איז די ליבע דער העכסטער און שטאַרקסטער אויסדרוק פון ווילן צום ווערט, דערפאַר קומט אין איר צום פאַרשיין, ווי אין קיין שום אַנדער זאַך אויף דער וועלט, דער אייגנטלעכער מהות פונם מענטש, וואָס איז גע-שליידערט צווישן גייסט און קערפער, צווישן זינלעכקייט און זיטלעכקייט, וואָס האָט אָנטייל אי אין דער גאָטהייט, אי אין דער חיה. ד ע ר מ ע נ ט ש א י ז א י ן י ע ד ע ר ה י נ ז י כ ט ע ר ש ט ד אַ ן א י נ ג אַ נ צ ן ע ר ג ו פ א, ו ע ן ע ר ל י ב ט.*) אַזוינאַך דערקלערט זיך עס, אַלמאי פיל מענטשן הויבן ערשט אָן אַלס ליבנדיקע צו גלויבן אין אייגענעם „איך" און אין פרעמדן „דו", וועלכע, ווי מיר האָבן שוין לאַנג אויפגעוויזן, זענען נישט בלויז קיין גראַמאַטיקאַלישע, נאָר אויך עטישע קאָרעלאַטיווע באַגריפן; אַזוינאָך הערט אויף צו זיין אומפאַרשטענדלעך די גרויסע ראָליע, וועלכע עס שפּילן אין יעדן ליבעס-פאַרהעלטעניש די נ ע מ ע ן פון דיביידע ליבנדיקע. אויף אַזאַ אופן ווערט קלאָר, אַלמאי אַזויפיל מענטשן קומען ערשט אין דער ליבע צום באַוווּסטזיין וועגן זייער אייגענער עקזיסטענץ און ווערן נישט פריער דורכ-געדרינגען פון דער איבערצייגונג, אַז זיי באַזיצן אַ נשמה. אָט פאַרוואָס דער ליבהאָבער וועט זיך פאַר קיין שום פרייז נישט דערלויבן צו פאַראומרייניקן די געליבטע מיט זיין נאָענטקייט, און וועט זיך דאָך באַמיען צו זען זי אָפט פונוויטנס, כדי

*) נישט ווען ער שפילט (שילער).

זיך איבערצוצייגן אין איר — אין זיין — עקזיסטענץ. אַזוי אַז נישט איינער פון די פאַרהאַרטעוועטסטע עמפּיריסטן ווערט דעמאָלט ווען ער ליבט, אַ טרוימערישער מיסטיקער, אויף וועלכן דער פאָטער פון פּאָזיטיוויזם, א ו י ג ו ס ט ק אָ נ ט, האָט אַליין געגעבן דעם ביישפּיל, דורך דער איבערקערונג פון זיין גאַנצן דענקען, בעת ער האָט קענען געלערנט קלאָטילדע דע-וואָ. נישט בלויז פאַר דעם קינסטלער, נאָר פאַרן מענטש בכלל עקזיסטירט פּסיכאָלאָגיש איין: Amo, ergo sum (*

אַזוי איז די ליבע אַ פּראָיעקציע-פענאָמען, ענלעך צו דער שנאה, און נישט קיין גלייכונגס-פענאָמען, ווי די פריינטשאַפט. דער תּנאי פון דער לעצטער איז די גלייכע באַדייטונג פון ביידע אינדיווידוען; ליבע איז תּמיד אַ פ ע ס ט ש ט ע ל ו נ ג פ ו ן ד ע ר א ו מ ג ל ײ כ ה ײ ט, ד ע׳ר א ו מ ג ל ײ כ ו ו ע ר ט י ק ײ ט. ליב האָבן — באַטייט אַרויפלייגן אויף עפּעס אַן אינדיווידו אַלץ, וואָס מ׳וואָלט אַליין געוואָלט זיין און מ׳קאָן עס קיינמאָל נישט זיין אינגאַנצן, מאַכן פון אים דעם טרעגער פון יעטוועדן ווערט. סימבאָליש פאַר דערדאָזיקער העכסטער שלמות איז די שיינקייט. און פאַר אונז איז קיין חידוש נישט, אַלמאי דער ליבנדיקער מענטש איז עלול זיך שטאַרק צו וווּנדערן און איבערראַשט ווערן, ווען ער איבערצייגט זיך, אַז אין דער שיינער פרוי וווינט נישט אויך די זיטלעכקייט, און ער באַשולדיקט די נאַטור אין אָפּנאַרעריי, ווייל אין „אַזאַ שיינעם קערפּער" קאָן שטעקן „אַזויפיל פאַרדאָרבנקייט"; ער פאַרשטייט נישט, אַז ער באַטראַכט נאָר דערפאַר די פרוי פאַר שיין, ווייל ער ליבט זי נאָך; מחמת אַנדערש וואָלט אים שוין נישט ווײ-געטון די פולשטענדיקע סתירה צווישן איר אויסערלעכקייט און אינערלעכן גייסטיקן אינהאַלט.

די געוויינלעכע גאַסן-זונה ווייזט זיך קיינמאָל נישט אויס שיין, ווייל דאָ איז לכתחילה אוממעגלעך דורכצופירן אַ פּראָיעקציע פון ווערט; זי קאָן נאָר באַפרידיקן דעם געשמאַק פון פּראָסטן מענטש, זי איז די געליבטע פונם אומזיטלעכן מאַן, פון סוטענער. אין דאָזיקן פונקט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגן אַ פאַרהעלטעניש, וואָס איז פונקט קעגנזעצלעך דעם

*) כ׳ליב — ממילא בין איך.

מאָראַלישן; די פרוי בכלל איז אָבער נאָר אינדיפערענט לגבי יעטוועדער עטיק, זי איז אַמאָראַליש און דערפאַר קאָן זי בילדן דעם יסוד פאַר דעם אַקט פון דער ווערט-איבערטראָגונג, גאַנץ אַנדערש ווי דער אַנטימאָראַלישער פאַרברעכער, וועלכן קיינער האָט אינסטינקטיוו נישט ליב, אָדער דער טייוול, וועלכן יעדער מענטש שטעלט זיך העסלעך פאָר; היות ווי זי טוט נישט נישט קיין גוטס, נישט זי זינדיקט, דערווידערט זיך אין איר גאָרנישט קעגן דערדאָזיקער פאַרקערפערונג פון דעם אידעאַל אין איר פערזאָן. די שיינהייט פון דער פרוי איז נאָר אַ בולט-געוואָרענע זיטלעכקייט, אָבער די דאָזיקע זיטלעכקייט איז די זיטלעכקייט פונם מאַנסביל, וועלכע ער האָט אין העכסטער שטייגערונג און שלמות טראַנספאָנירט אויף דער פרוי.

ווייל יעטוועדע שיינהייט שטעלט מיט זיך נאָר פאָר אַ ווידעראָמאָל באַנייטן פאַרקערפערונגס-פרווו פון דעם העכסטן ווערט, דערפאַר האָבן מיר לגבי יעטוועדן שיינעם אַ געפיל פון אָפּגעפינען עפּעס, בנוגע וועלכן עס שווייגט יעטוועדער עגאָיסטישער אינטערעס. אַלע פאָרמען, וועלכע דער מענטש געפינט פאַר שיין, זענען, אַדאַנק זיין עסטעטישער פעיקייט אויסצודריקן מאָראַלישע און געדאַנקלעכע ענינים אויף אַ זינלעכן אופן, אויך אַזויפיל פרווון פון זיין זייט בולט צו רעאַליזירן די העכסטע ווערטן. שיינקייט איז דער סימבאָל פונם פולקאָמענעם אין דער דערשיינונג. דערפאַר איז שיינקייט אומבאַרירלעך, דערפאַר איז זי סטאַטיש און נישט דינאַמיש, און יעדע ענדערונג אין דער באַציונג צו איר ברענגט זי אום און פאַרניכט איר באַגריף. די ליבע צום אייגענעם ווערט, די בענקשאַפט נאָך פולקאָמענהייט, געבוירט אין דער מאַטעריע די שיינקייט. אַזוינאָך ווערט געבוירן די שיינקייט פון דער נאַטור, וועלכע דער פאַרברעכער באַמערקט קיינמאָל נישט, מחמת טאַקע די עטיק שאַפט ערשט די נאַטור. אַזוינאָך דערקלערט זיך עס, וואָס די נאַטור רופט תמיד און אומעטום אַרויס, אין דער גרעסטער ווי אין דער קלענסטער פון אירע שאַפונגען, דעם איינדרוק פון שלמותדיקן. אַזוי איז אויך

דאָס נאַטורגעזעץ אַ זינלעכער סימבאָל פון עטישן געזעץ, ווי די נאַטור-שיינקייט איז די זינלעכע אָפּבילדונג פון דער נשמה-איידלקייט; אַזוי איז די לאָגיק די פאַרווירקלעכטע עטיק. פונקט ווי די ליבע שאַפט פאַרן מאַנסביל אַ נייע פרוי, אָנשטאָט דער רעאַלער, אַזוי שאַפט אויך די קונסט, די עראָטיק פון דעם וועלטאַל, פון דעם כאַאָס די פאָרמען-שפע אין אוניווערס; און פונקט ווי ס'איז נישט פאַראַן קיין נאַטור-שיינקייט אָן פאָרם, אָן נאַטורגעזעץ, אַזוי איז אויך נישט פאַראַן קיין קונסט אָן פאָרם, קיין קונסט-שיינקייט, וועלכע זאָל נישט זיין געהאָרכיק צו אירע כּללים. מחמת די נאַטור-שיינקייט ווייזט די קונסט-שיינקייט נישט אַנדערש פאַרווירקלעכט, ווי דאָס נאַטורגעזעץ ווייזט אַרויס פאַרווירקלעכט דעם עטישן געזעץ, ווי די נאַטור-צוועקמעסיקייט יענע האַרמאָניע, וועמעס אורבילד עס טראָגט איבער דעם גייסט פונם מענטש. יאָ, די נאַטור, וועלכע דער קינסטלער רופט אָן זיין אייביקע לערערין, *זי איז נאָר די דורך אים גופא געשאַפענע נאָרם פון זיין שאַפן*, נישט אין באַגריפלעכער קאָנצענטראַציע, נאָר אין אָנשוילעכער אומענדלעכקייט. אויף אַזאַ אופן, כּדי אָנצורופן אַ ביישפּיל, זענען די כּללים פון דער מאַטעמאַטיק *פאַרווירקלעכטע* מוזיק (און נישט פאַרקערט), די מאַטעמאַטיק גופא איז די פּינקטלעכע אָפּבילדונג פון דער מוזיק, איבערגעטראָגן פון דער מלוכה פון פרייהייט אויף דער מלוכה פון נויטווענדיקייט, און דערפאַר איז די נאָרם פון אַלע מוזיקער אַ מאַטעמאַטישע נאָרם. *די קונסט שאַפט בכן די נאַטור, און נישט די נאַטור די קונסט.*

באַך דידאַקטיקע אָנדייטונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר, ווייניקסטנס טיילווייז, אַן אויספירונג און ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון טיפן געדאַנק קאַנטס און שעלינגס (און פון דעם דורך זיי באַאיינפלוסן *שילער*) איבער דער קונסט, קער איך זיך צוריק צו דער טעמע. אין דערדאָזיקער הינזיכט איז בכן דערוויזן געוואָרן, אַז דער גלויבן אין דער זיטלעכקייט פון דער פרוי, די *„אינטראָיעקציע"* פון דער *נשמה* פון *מאַן* אין דער פרוי, און די שיינע אויסערלעכע דערשיינונג

פון דער פרוי שטעלן מיט זיך פּאָר איין און דעמזעלביקן פּאַקט, און אַז די לעצטע איז נאָר אַ זינלעכער אויסדרוק פון דעם ערשטן. אונז קומט פאָר גאַנץ באַגרייפלעך, בעת מען רעדט וועגן דער „שיינער נשמה" אין מאָראַלישן זינען, אָדער וועגן מ'איז משעבד די עטיק צו דער עסטעטיק, ווי ס'האָבן עס געטון שעפטעסבערי און הערבארט, און נאָך זיי פיל אַנדערע; אָבער מען דאַרף באַמערקן, אַז אַזעלכע הנחות שטעלן מיט זיך פאָר די פולשטענדיקע קאַפּויערדיקייט פון דעם אמתן פאַרהעלטעניש· מען קאָן צוזאַמען מיט סאָקראַטעסן און אַנטיסטענעסן האַלטן τὸ καλὸν און τἄγαθον פאַר אידענטיש, אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז שיינקייט איז נאָר אַ קערפּערלעך בילד, אין וועלכן די זיטלעכקייט שטעלט זיך גופא פאַרווירקלעכט פאָר, און אַז יעטוועדע עסטעטיק בלייבט פאָרט אַ שאַפונג פון דער עטיק. יעדער איינצלנער און צייטלעך באַגרעניצטער פרווו פון אַזעלכע אינקאַרנאַציעס איז לויט זיין נאַטור אילוזאָריש, מחמת ער גיט נאָר אַ פאַלשע פאָרשטעלונג פון דערגרייכטער פולקאָמענהייט. דערפאַר איז יעטוועדע איינצלנע שיינקייט פאַרגענגלעך, און אויך יעדע ליבע צו דער פרוי מוז ליידן אַ דורכפאַל, בער די פרוי ווערט אַלט. די אידעע פון דער שיינקייט איז די אידעע פון דער נאַטור, זי איז אומפאַרגענגלעך, ווען אַפילו יעטוועדעס איינצל-שיינע, יעטוועדעס נאַטירלעכע פאַרגייט.

נאָר אַן אילוזיע קאָן זען די אומענדלעכקייט אין באַגרעניצטן און קאָנקרעטן, נאָר אַ פאַרבלענדעניש קאָן דערבליקן אין דער געליבטער פרוי די פולקאָמענהייט גופא. כּדי איבערצובויען די יסודות פונם געשלעכטס-דראַנג צו דער פרוי, דאַרף מען לייגן אַכט, אַז די ליבע צו שיינקייט זאָל זיך נישט באַגרעניצן בלויז אויף דער פרוי. וויבאַלד יעטוועדע ליבע צו איינצלנע פּערזאָנען איז באַגרינדעט אויף דער אָנגעוויזענער פאַרטוישונג, דאַן קאָן נישט זיין קיין אַנדערע אַחוץ אומגליקלעכער ליבע. אָבער יעטוועדע ליבע קלאַמערט זיך אָן דאָזיקן טעות; זי איז דער העראָישסטער פרווו פעסטצושטעלן ווערטן דאָרט, וווּ ס'זענען קיין שום ווערטן נישטאָ. די ליבע

צום אומענדלעכן ווערט, דאָס איז צום אַבסאָלוטן אָדער צו גאָט, זאָל עס אפילו זיין אין דער פאָרם פון ליבע צו דער אומענדלעכער זינלעכער שיינקייט פון דעם נאַטורגאַנצן (פאַנטעיזם) — אָט איז זי, דידאָזיקע טראַנסצענדענטאַלע אידעע פון דער ליבע, וויבאַלד אַזאַ עקזיסטירט איבערהויפט. די ליבע אָבער צו יעטוועדער איינצלזאַך, און אויך צו דער פרוי, איז שוין ירידה פון דער אידעע, שולד.

אַלמאי דער מענטש נעמט אויף זיך דידאָזיקע שולד, איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן. פונקט ווי יעטוועדע שנאה וואַרפט איבער אויף דעם מיטמענטש נאָר די שלעכטע מדות, וועלכע מען באַזיצט אַליין; כדי זיי זאָלן דאָרט אויפטרעטן אין אַ נאָך מער אָפּשרעקנדיקער פאָרם; פונקט ווי דער טייוול איז נאָר דערפונדן געוואָרן, כדי אַלע שלעכטע אינסטינקטן אינם מענטש פאָרצושטעלן מחוץ אים; אַזויערנאָך ווערט דער מענטש דורכגעדרונגען מיטן שטאָלץ און קראַפט פונם קעמפער מיטן שלעכטס. פונקט דעמזעלביקן ציל פאַרפאָלגט אויך די ליבע. זי פאַרלייכטערט דעם מענטש דעם קאַמף פאַר דעם גוטן, וועלכעס ער איז נאָך אָנמעכטיק צו דערטאַפּן אין זיך גופא אַלס אידעע.ביידע, שנאה און ליבע, זענען בכן אַ געוויסע פחדנות. אין דער שנאה בילדעט מען זיך איין, אַז מען איז באַדראָט דורך עמיצן אַנדערש, כדי זיך שוין דורכדעם צו פילן אַלס די אָנגעגריפענע ריינקייט, אָנשטאָט זיך מודה צו זיין, אַז מען דאַרף אויסרייסן דאָס שלעכטס פון זיך גופא און אַז עס נעסטעט זיך נישט ערגיץ אַנדערש, ווי אין אייגענעם האַרץ. מיר קאָנסטרווירן דעם בייזן גייסט, כדי זיך אָנצוטון דעם נחת-רוח און אים שליידערן אַ טינטער אין קאָפּ. נאָר דערפאַר איז דער גלויבן אין טייוול אומזיטלעך: ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומדערלויבטע פאַרלייכטערונג פונם קאַמף און איז אַן אַראָפּוואַרפונג פון דער שולד אויף אַ צווייט וועזן. פונקט ווי אין דער שנאה די אידעע פון דער אייגענער ווערטלאָזיקייט, אַזוי טראָגן מיר ווידער איבער אין דער ליבע די אידעע פון אייגענעם ווערט אויף עפּעס אַ וועזן, וועלכעס שיינט צו זיין געאייגנט זי אויפצונעמען: דער שטן ווערט העסלעך, די געליבטע שיין. דורך דערדאָזיקער קעגנשטעלונג,

דורך דער פאַרטיילונג פון גוטס און שלעכטס צווישן צוויי פערזאָנען, צעפלאַמען מיר זיך ל י כ ט ע ר פאַר די מאָראַלישע ווערטן, וויבאַלד אָבער יעטוועדע ליבע צו איינצלזאַכן, אָנשטאָט צו דער אידעע, איז אַ זיטלעכע שוואַכקייט, דאַן מוז זי קומען צום אויסדרוק אויך אין די געפילן פונם ליבנדיקן.

קיינער באַגייט נישט קיין פאַרברעכן, וועלכעס זאָל אים נישט אָנגעטייט ווערן דורך אַ געפיל פון שולד. נישט אָן יסוד איז די ליבע דאָס שעמעוודיקסטע געפיל: זי האָט אַ סיבה, צו שעמען זיך, ווייט מער נאָך ווי דאָס מיטלייד. דער מענטש, מיט וועלכן איך האָב מיטלייד, באַקומט פון מיר עפּעס, אין אַקט פון מיטליידן גופא שענק איך אים עפּעס פון מיין איינגעבילדעטן אָדער ווערזנטלעכן רייכטום; די הילף איז אַזוינאָך נאָר אַ פאַרבולטונג פון דעם, וואָס ס'האָט שוין געשטעקט אינם מיטלייד. דער מענטש, וועלכן איך ליב, פון דעם וויל א י ך אַליין עפּעס, איך וויל לכל-הפחות, אַז ער זאָל מיר נישט דורך מיאוסע תנועות און געמיינע שטריכן שטערן אין מיין ליבע צו אים. ווייל דורך די ליבע וויל איך ערגיץ אָפּגעפינען זיך גופא, אָנשטאָט ווייטער צו זוכן און צו שטרעבן, איך וויל אויס דער האַנט פון אַן אַנדער מענטש באַקומען נישט ווייניקער און נישט מער, ווי מיך גופא, איך וויל א י ם — מ י ך!

דאָס מיטלייד איז שעמעוודיק, ווייל עס ווייזט, אַז דער אַנדערער שטייט נידריקער פאַר מיר, ווייל עס דערנידריקט א י ם. די ליבע איז שעמעוודיק, ווייל איך שטעל מיך דורך איר נידריקער פאַרן אַנדערן; אין איר ווערט דער גאַנצער שטאָלץ פון דעם אינדיווידו אַמערסטן פאַרגעסן, און דאָס איז איר שוואַכקייט, און דערפאַר שעמט זי זיך. אַזוינאָך איז דאָס מיטלייד פאַרקרובישט מיט דער ליבע, און דערמיט דערקלערט זיך, אַז נאָר הערינניקער, וואָס קען דאָס מיטלייד, קען אויך די ליבע. און דאָך שליסן זיך ביידע אויס: מען קאָן קיינמאָל נישט ליבן, וויבאַלד מ'האָט אויף עמיצן מיטלייד און מ'קאָן קיינמאָל נישט האָבן קיין מיטלייד אויף דעמיעניקן, וועמען מען ליבט. מחמת אין דעם מיטלייד בין איך אַליין דער פעסטער פאַליוס, אין דער ליבע איז עס דער אַנדערער. די ריכטונג פון ביידע אפעקטן, זייער „סימן", איז דאָס קעגנזעצלעכע.

אין דעם מיטלייד בין איך געבער, אין דער ליבע בעטלער. די ליבע איז די שעמעוודיקסטע פון אַלע בקשות, מ ח מ ת ז י ב ע ט ל ט ו ו ע ג ן ד ע ם מ ײ ס ט ן, ו ו ע ג ן ד ע ם ה ע כ ס ט ן. דערפאַר פאַרוואַנדלט זי זיך אַזוי שנעל אין דעם ווילדסטן, נקמהזיכטיקסטן שטאָלץ, ווען דער אָביעקט פון דער ליבע ברענגט איר אומפאָרזיכטיק אָדער בכיוון צום באַוווּסט־זיין, וועגן וואָס זי האָט אייגנטלעך געבעטן.

יעטוועדע עראָטיק איז פול מיט שולדבאַוווּסטזיין. אין דער אייפערזוכט ווייזט זיך אַרויס, אויף סאַראַ אומזיכערן באָדן די ליבע איז געבויט. אייפערזוכט איז די פאַרקערטע זייט פון יעדער ליבע, און אַנטפּלעקט איר גאַנצע אומזיטלעכקייט. דורך אייפערזוכט ווערט איבער דעם פרייען ווילן פון דעם אַנדערן מענטש אַ געוואַלטאַט באַגאַנגען. הגם די אייפערזוכט איז אַזוי באַגרייפלעך טאַקע פון שטאַנדפּונקט פון דער דאָ אַנטוויקלטער טעאָריע, מחמת דורך ל י ב ע ווערט ד ע ר ר ײ נ ע ר א י ך פון דעם ליבנדיקן לאָקאַליזירט אין דער געליבטער, און אויף זיין „איך" פילט דער מענטש תמיד און אומעטום (אויפן סמך פון אַ דערקלערבאַרן טעות) צו האָבן רעכט; פאַרראַט זי פונדעסטוועגן, שוין ווייל זי איז פול מיט מורא (און מורא באַציט זיך תמיד ווי דאָס פאַרקרובישטע בושה־געפיל אויף אַ אין דער פאַרגאַנגענהייט באַגאַנגענער שולד), אַז מ׳האָט דורך די ליבע געוואָלט דערגרייכן עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳האָט אויפן דאָזיקן וועג נישט גענאַרפט פאַרלאַנגען.

די שולד, מיט וועלכער דער מענטש באַלאַסטעט זיך אין דער ליבע, איז דער ווונטש זיך צו באַפרייען פון יענעם שולדבאַוווּסטזיין, וואָס איך האָב פריער באַצייכנט אַלס יסוד און תנאי פון יעטוועדער ליבע. אָנשטאָט צו נעמען אויף זיך יעטוועדע באַגאַנגענע שולד און זי אָפּצוּוואַשן דורכן ווייטערדיקן לעבן, איז די ליבע אַ פּרווו, זיך אַרויסצודרייען פון דער אייגענער שולד און אָן איר צו פאַרגעסן, אַ פּרווו צו מאַכן זיך גליקלעך. אָנשטאָט זעלבשטענדיק צו פאַרווירקלעכן די אידעע פון דער פולקאָמענהייט, וויל די ליבע ווייזן די אידעע אַלס שוין פאַרווירקלעכט, זי פאַרוואַנדלט דעם ווונדער אין אַ ווירקלעכקייט; אמת, דידאָזיקע אידעע פאַרווירקלעכט זיך אין אַן

אַנדערן מענטש — דערפֿאַר איז ליבע די דינסטע ערמה — אָבער זי גיט אונז פֿאָרט די באַפֿרייונג פֿון אייגענער זינד, אַ באַפֿרייונג, וועלכע מען קאָן דערגרייכן אַזוי לייכט, אָן וועלכן ס'איז קאַמף. אַזוינאָך דערקלערט זיך דער טיפֿער צוזאַמענהאַנג פֿון יעטוועדער ליבע מיט דעם דערלייזונגס־באַדערפֿעניש (דאַנטע, געטע, וואגנער, איבסען). יעטוועדע ליבע איז אַליין נאָר דערלייזונגס־באַדערפֿעניש, און יעטוועדעס דערלייזונגס־באַדערפֿעניש איז אומזיטלעך (קאַפּ VII, באַם סוף).

די ליבע שפּרינגט אַריבער די צייט, מיידט פֿולשטענדיק אויס די קויזאַליטעט; אָן אייגענער מיטווירקונג וויל זי פּלוצלינג און אוממיטלבאַר דערגרייכן ריינקייט. דערפֿאַר איז זי, אַלס אַ וווּנדער פֿונדרויסן, אָנשטאָט פֿונאינעווייניק, אין זיך גופֿא אוממעגלעך, און קאָן קיינמאָל נישט דערפֿילן איר צוועק, אַמווייניקסטן באַ יענע מענטשן, וועלכע וואָלטן אַליין אייגנטלעך אין אַ באַזונדערס שטאַרקער מאָס געווען פֿעיק צו איר. זי איז די געפֿערלעכסטע זעלבסטאָפּנאַרעריי גראָד דערפֿאַר, וואָס זי שיינט צו זיין אַמייסטן באַהילפֿיק אינם קאַמף פֿאַרן גוטן. מיטלמעסיקע מענטשן קאָנען ערשט דורך איר דערגרייכן זייער פֿאַראיידלונג. ווער עס האָט אַ סובטעלער געוויסן, וועט זיך היטן, נישט אַרונטערצופֿאַלן אונטער איר כּישוף.

דער ליבנדיקער זוכט אין געליבטן וועזן זיין אייגענע נשמה. אויף אַזויפֿיל איז די ליבע פֿריי און איז נישט אונטערגעוואָרפֿן יענע געזעצן פֿון דער בלויזער סעקסועלער צוציונג, וועלכע עס באַהאַנדלט די ערשטע טייל. מחמת דאָס פּסיכישע לעבן פֿון דער פֿרוי געווינט אַ געוויסן איינפֿלוס, עס באַגינציקט די ליבע דאָרט, ווו עס פּאַסט זיך צו אומגעווינלעך לייכט צו דער אידעאַליזירונג אַפֿילו באַ קנאַפּע קערפּערלעכע מעלות און מאַנגלהאַפֿטער סעקסועלער דערגאַנצונג, און פֿאַרניכטעט די מעגלעכקייט פֿון דער ליבע דאָרט, ווו די דערמאָנטע „אינטראָיעקציע” שטייט אין בולטער סתּירה צו דערווירקלעכקייט. נישט געקוקט אָבער אויף יעטוועדער קעגנזעצלעכקייט צווישן סעקסואַליטעט און עראָטיק, לאָזט זיך פֿאָרט נישט פֿאַרלייקענען אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צווישן זיי. די סעקסואַליטעט באַנוצט די פֿרוי אַלס מיטל, כּדי צו דערגרייכן

צום תענוג און צום לייבלעכן קינד; די עראָטיק אַלס מיטל, בדי צו קומען צום ווערט און — צום גייסטיקן קינד, צו דער שאַפונג. דאָס זענען אומגעווײנלעך טיפע, הגם, ווי עס שײַנט, ווייניק פאַרשטאַנענע ווערטער פון דער פּלאַטאָנישער ד י אָ ט י מ אַ, אַז די ליבע באַציט זיך נישט אויפן שײנעם, נאָר אויף דער באַשאַפונג און געבורט אינם שײנעם, אויף דער אומשטערבלעכקייט אין גייסטיקן, פונקט ווי דער נידריקער געשלעכטסדראַנג באַציט זיך אויף דעם ווייטערלעבן פון מענטשלעכן מין. אין קינד זוכט יעדער פאָטער, דער לייבלעכער ווי דער גייסטיקער, אָפּצוגעפינען נאָר זיך גופא: די קאָנקרעטע פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע פון זיך גופא, אין וועלכער עס באַשטייט דער מהות פון דער ליבע, איז טאַקע דאָס ק י נ ד. דערפאַר זוכט דער קינסטלער אַזוי אָפט די פרוי, כדי צו קאָנען שאַפן דאָס קונסטווערק. „און יעדער מענטש דאַרף ליבער וועלן האָבן אַזעלכע קינדער, בעת ער קוקט, נישט אָן קנאה, אויף ה אָ מ ע ר ן, ה ע ז י אָ ד ן און די אַנדערע באַדייטנדיקע דיכטער, אויף די גרויסע שאַפונגען, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך און וועלכע זיכערן זיי אומשטערבלעכן רום און אָנדענק, זייענדיק אַליין אומשטערבלעך... געערט איז אויך באַ אייך ס אָ ל אָ ן, ווייל ער האָט געבוירן געזעצן, און פיל אַנדערע צווישן העלענער און באַרבאַרן, וועלכע האָבן געשאַפן פיל שיינע ווערק און געבוירן פיל טוגנטהאַפטע זאַכן. מען האָט זיי טאַקע אויך פיל הייליקטימער אויפגעשטעלט צוליב זייערע ראָזיקע קינדער, אָבער קיינעמען נאָכנישט צוליב מענטשלעכע קינדער".

דאָס איז נישט קיין בלויז פאָרמעלע אַנאַלאָגיע, קיין איבערשאַצונג פון עפּעס אַ צופעליקן, שפּראַכלעכן צונויפפאַל, וויבאַלד מיר פּרוּוון צו רעדן וועגן גייסטיקער פּרוכטבאַרקייט, גייסטיקער קאָנצעפּציע און פּראָדוקציע, אָדער, ווי אין דידאַקטיקע ווערטער פּ ל אַ ט אָ נ ס, וועגן גייסטיקע קינדער אין טיפערן זינען. פונקט ווי די קערפּערלעכע סעקסואַליטעט איז אַ פּרוּוו פון אַן אָרגאַניש וועזן, כדי צו באַגרינדן דויערהאַפטיק די אייגענע פאָרם, אַזוי איז אויך יעדע ליבע אין תוך נאָר דאָס שטרעבן צו דער ענדגילטיקער רעאַליזירונג

פון דער נשמה־פאָרם, דער אינדיווידואַליטעט. דאָ ליגט די בריק, וועלכע פאַרבינדט יעטוועדן ווילן צו דער אייגענער פאַראייביקונג (ווי מ׳וואָלט געקאָנט אָנרופן דאָס בשותּפישע פון דער סעקסואַליטעט און דער עראָטיק) מיט דעם קינד. געשלעכטס־דראַנג און ליבע זענען ביידע פּרוּוון צו דער רעאַליזירונג פון זיך גופא, דער ערשטער באַמיט זיך צו פאַראייביקן דעם אינדיוויד דורך אַ קערפּערלעכן אָפּבילד, די צווייטע אָבער—צו פאַרייביקן די אינדיווידואַליטעט דורך איר גייסטיקע צורה. נאָר דער געניאַלער מענטש קען די לגמרי אומזינלעכע ליבע, און נאָר ער שטרעבט צו געבוירן צייטלאָזע קינדער, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק זיין טיפסטער גייסטיקער מהות.

דערדאָזיקער פאַראַלעל קאָן נאָך ווייטער געפירט ווערן. אַז יעטוועדער געשלעכטס־דראַנג איז פאַרקרובישט מיט דער גרויזאַמקייט, האָט מען אָפּט איבערגעחזרט נאָך נאָוואַליסן. אָט־די „אַסאָציאַציע” האָט אַ טיפן גרונט. אַלץ, וואָס ס׳איז געבוירן פון אַ פרוי, מוז אויך שטאַרבן. פרוכפּערונג, געבורט און טויט שטייען אין אומאיבערייסלעכער באַציונג; לגבי אַ פריצייטיקן טויט דערוואַכט אין יעדן ווען גאָר העפטיק אויף דער געשלעכטס־דראַנג, אַלס דאָס באַדערפעניש, איבערצולאָזן נאָך זיך אַ דור. אַזוי איז אויך די באַהעפטונג קרוביש דעם מאָרד נישט בלויז פסיכאָלאָגיש אַלס אַקט, נאָר אויך פון עטישן און נאַטורפילאָזאָפישן קוקפּונקט: זי פאַרניינט די פרוי, אָבער אויך דעם מאַן; זי רויבט אין אידעאַלן פאַל באַ ביידן דאָס באַוווסטזיין, כּדי צו געבן לעבן דעם קינד. פאַר אַן עטישער וועלטאָנשויונג וועט עס זיין פולשטענדיק באַגרייפלעך, אַז דאָס, וואָס ס׳איז אַזוינאָך אַנטשטאַנען, מוז אומבאַדינגט אומקומען. אָבער אויך די העכסטע עראָטיק, נישט נאָר די נידריקסטע סעקסואַליטעט, באַנוצט די פרוי נישט אַלס צוועק אין זיך גופא, נאָר תּמיד בלויז אַלס מיטל צום צוועק, כּדי ריין אויסצודריקן דעם אינערלעכן מהות פון דעם ליבנדיקן: די ווערק פון אַ קינסטלער זענען תּמיד נאָר זיין אויף פאַרשידענע עטאַפּן אומפאַרענדערלעכער איך, וועלכן ער האָט גע-

זוייַנלעך פריער געהאַט לאָקאַליזירט אין דער אָדער אַנדערער פרוי. און זאָל דאָס האָבן געווען אַפילו אַ פרוי פון זיין איינ־בילדונגס־קראַפט.

די רעאַלע פסיכאָלאָגיע פון דער געליבטער פרוי ווערט אָבער דערביי תמיד אויסגעשלאָסן; אין דעם מאָמענט, ווען דער מאַנסביל ליבט אַ פרוי, קאָן ער זי נישט דורכ־דרינגען. אין דער ליבע טרעט מען נישט איין מיט דער פרוי אין יענעם פאַרהעלטעניש פון פאַרשטיין, וועלכעס איז דאָס איינציק זיטלעכע פאַרהעלטעניש צווישן מענטשן. מען קאָן נישט ליבן קיין מענטש, וועלכן מען דערקענט אינגאַנצן, ווייל מ׳וואָלט דאַן אויך געוויס געמוזט זען אויך די אומפּולקאָמענהייטן, וועלכע ער, אַלס מענטש, באַזיצט אומפאַרמיידלעך. ליבע אָבער שפּרייט זיך אויס נאָר אויף דער פולקאָמענהייט. ליבע צו אַ פרוי איז דערפאַר מעגלעך נאָר דאַן, ווען דידאָזיקע ליבע קימערט זיך נישט וועגן די ווירקלעכע אייגנשאַפטן, אייגענע ווונטשן און אינטערעסן פון דער געליבטער, אויף וויפל זיי שטערן דער לאָקאַליזירונג פון העכערע ווערטן אין איר פּערזאָן, נאָר זי שטעלט אַוועק מיט גרעניצלאָזן ווילקיר אויפן אָרט פון דער פסיכישער רעאַליטעט פון געליבטן וועזן אַ גאַנץ אַנדערע רעאַליטעט: דער פּרוּוו זיך אָפּצוגעפינען אין דער פרוי, אָנשטאָט צו זען אין דער פרוי טאַקע נאָר — די פרוי, פאָדערט בהכרח אַ געוויסע פאַרנאָכלאָזונג פון איר עמפּירישער פּערזאָן. דערדאָזיקער פּרוּוו איז בכן פול מיט אַכזריות לגבי דער פרוי; און דאָ ליגט דער שורש פון עגאָיזם אין יעטוועדער ליבע, ווי אויך אין דער אייפערזוכט, וועלכע באַטראַכט די פרוי געגצלעך נאָר פאַר אַן אומזעלבשטענדיק אייגנטום, און ליגט נישט קיין שום אַכט אויף איר אינערלעך לעבן.

דערמיט ענדיקט זיך דער פּאַראַלעל צווישן דער גרויזאַמקייט פון דער עראָטיק און דער גרויזאַמקייט פון דער סעקסואַליטעט. ליבע איז מאָרד. דער געשלעכטס־דראַנג נעגירט דאָס קערפּערלעכע און פסיכישע פון דער פרוי, די עראָטיק*) ווידער

*) דאָס קאָרמיען פון דער מוטער איז אַ זויגן פון קינד. אזוי ווי ס׳ גוימכט די עקוויוואַלענץ פון מוטערשאַפט און סעקסואַליטעט. די מוטער שטאַרבט באַכאַנאַנד פאַרן קינד.

פאַרנייבט די פּסיכישע פרוי. די גאַנץ פּראָסטע סעקסואַליטעט זעט אין דער פרוי אַן אַפּאַראַט צום אָנאַניזירן אָדער אַ קינדער־געבווירערין; מען קאָן לגבי דער פרוי נידריקער נישט זיין, ווי בעת מען וואַרפט איר פאָר איר אומפּרוכטפּערדיקייט; און וויבאַלד וועלכער ס'איז קאָדעקס אָנערקענט די אומפּרוכפּערדיקייט פון אַ פרוי פאַר אַ לעגאַלן גרונט צו אַ גט, טאָ קאָן ער זיך שוין באמת קיין מער קלאָגעדיקע צייגניש נישט אויסשטעלן. די העכערע עראָטיק פאַרלאַנגט פון דער פרוי שווינונגסלאָז, אַז זי זאָל באַפרידיקן דאָס מענלעכע אַדאָראַציע־באַדערפעניש און זיך לאָזן ליבן אויפן פּגימהלאָזסטן אופן, כדי דער ליבנדיקער זאָל אין איר זען פאַרווירקלעכט זיין אידעאַל פון זיך און זאָל מיט איר קאָנען פּרוכפּערן אַ גייסטיק קינד. אַזוי איז די ליבע נישט בלויז אַנטילאָגיש, מחמת זי לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם אָביעקטיוון אמת פון דער פרוי און אירע ווירקלעכע אייגנשאַפטן, זי וויל נישט בלויז די דענק־אילוזיע און פאַרלאַנגט צודרינגלעך נישט בלויז דאָס געגנאַר פון פאַרשטאַנד: נאָר זי איז אויך אַנטיעטיש לגבי דער פרוי, ווען ער וואָלט געוואָלט געביטעריש אויפצווינגען די אילוזיע, דעם שיין און דאָס פולשטענדיקע צופּאַסן זיך צו די איר פרעמדע ווונטשן.

מחמת די עראָטיק ברויך נאָר די פרוי, כדי דעם קאַמף צו פאַרלייכטערן און פאַרקירצן, זי פאַרלאַנגט פון איר תמיד בלויז, אַז זי זאָל זיין דער צווייג, אויף וועלכן דער מאַנסביל זאָל קאָנען לייכטער אַרויפשטייגן צו דער דערלייזונג. אַזוי איז עס טאַקע מודה פּאָל ווערלען:

„Marie Immaculée, amour essentiel,
Logique de la foi cordiale et vivace,
En vous aimant qu'est-il de bon que je ne fasse,
En vous aimant du seul amour, Porte de Ciel?"

און כמעט נאָך דייטלעכער לערנט עס געטע אין „פאַוסט".

„Dir, der Unberuhrbaren,
Ist es nicht benommen,
Das die leicht Verführbaren
Traulich zu Dir kommen.

In die schwachheit hingerafft,
Sind sie schwer zu retteń;
Wer zerreisst aus eigner Kraft
Der Gelüste Ketten?“

איך בין ווייט פון געדאַנק צו נעגירן די העראָישע גרויסקייט, וועלכע ליגט אין דערדאָזיקער העכסטער עראָטיק, אין דעם מאַדאָנע־קולט. ווי אַזוי קאָן איך פאַרמאַכן די אויגן אויף אַזאַ גראַנדיעזער דערשיינונג, וואָס איז באַשטראַלט מיטן נאָמען פון דאַנטע! אין לעבן פון דאָזיקן גרעסטן מאַדאָנע־פאַרערער ליגט אַזאַ אומגעהויערע אָפּטרעטונג פון ווערט לטובת דער פרוי, אַז אַפילו דער דיאָניזישער זשעסט, מיט וועלכן ס'איז געמאַכט געוואָרן דאָסדאָזיקע געשאַנק, להכעיס יעטוועדער ווייבלעכער ווירקלעכקייט, רופט אַרויס דעם איינדרוק פון פולסטער דערהויבנקייט. עס ליגט אין פלוג אַזאַ פאַרלייקענונג פון זיך גופא אין דערדאָזיקער פאַרקערפערונג פונם ציל פון יעטוועדער בענקשאַפט אין אַן ערדיש־באַגרעניצטער פערזאָן, אין אַ מיידל נאָך דערצו, וועלכע דער קינסטלער האָט בלויז איינמאָל געזען, און וועלכע איז אפשר שפּעטער געוואָרן אַ קסאַנטיפּע אָדער אַן אויסגעפּאַשעט גענזל; עס ליגט דערין אַזאַ אָפּענער אַקט פון פּראָיעקציע פון די ווערטן, וועלכע שטייגן איבער דעם גדר פון אַ צייטלעך־באַגרעניצטן אינדיוויד, אויף אַ פאַר זיך גופא ווערטלאָזער פרוי, אַז מ'קאָן באַ זיך בישט לייכט פועלן צו אַנטהילן די אמתע נאַטור פון דערדאָזיקער דערשיינונג און אַרויסצוטרעטן קעגן איר. אָבער יעדע, אַפילו די סובלימסטע עראָטיק, באַטייט נאָך אַלץ אַ דרייפאַכיקע אומזיטלעכקייט: אַן אומגעדולדיקן עגאָיזם לגבי דער ווירקלעכער פרוי פון דער דערפאַרונג, וועלכע ווערט נאָר באַנוצט אַלס מיטל

צום צוועק פון דער אייגענער עליה און וועלכער עס ווערט דערפאַר נישט דערלויבט קיין זעלבשטענדיק לעבן; מער נאָך: אַ בגידה אין זיך גופא, אַן אַנטלויפן פאַר זיך אַליין, אַן אַרויסטרייבונג פונם ווערט אין אַ פרעמדן לאַנד אַריין, אַ דערלייזט-זיין-ווילן, און דערפאַר אַ פחדנות, אַ שוואַכקייט, אַ ווירדערלאָזיקייט און פשוט אַפילו אַן אַבסאָלוטן אומהעראָיזם; דריטנס לסוף, אַ מורא פאַרן אמת, וועלכן מען קאָן נישט געברויכן, ווייל ער שליידערט אין פנים די כוונה פון דער ליבע, וועלכע מען קאָן נישט פאַרטראָגן, מחמת מ׳וואָלט דורכדעם פאַרלוירן די מעגלעכקייט פון אַ באַקוועמער דערלייזונג.

דידאָזיקע לעצטע אומזיטלעכקייט איז טאַקע די-יעניקע, וועלכע דערלאָזט נישט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פון דער פרוי, זי מיידט אים אויס און וועט אַזוינאָך בלי-ספק תמיד שטיין אין וועג דער אַלגעמיינער אָנערקענונג פון דער ווערטלאָזיקייט פון דער פרוי אַלס אַזעלכע. די מאַדאָנע איז אַ שאַפונג פונם מאַנסביל, קיינזאַך אַנטשפּרעכט איר נישט אין דער ווירקלעכקייט. דער מאַדאָנע-קולט קאָן נישט זיין מאָראַליש, ווייל ער פאַרשליסט די אויגן פאַר דער ווירקלעכקייט, ווייל מיט אים איז דער ליבנדיקער זיך אַליין משקר. דער מאַדאָנע-קולט, וועגן וועלכן איך רעד, דער מאַדאָנע-קולט פון גרויסן קינסטלער, איז אין יעדער הינזיכט אַ פולשטענדיקע איבערשאַפונג פון דער פרוי, וועלכע איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען מען אבסטראהירט געבצלעך פון דער עמפּירישער רעאַליטעט פון די פרויען; די אינטראָיעקציע ווערט דאָ דורכגעפירט בלויז אויפן פּאָן פון שיינעם קערפּער, און זי קאָן זיך נישט באַנוצן צו איר צוועק מיט קיינזאַך, וואָס זאָל שטיין אין אַ שרייענדיקער סתירה צו דעם, פאַר וועלכן דידאָזיקע שיינקייט דאַרף זיין סימבאָל.

דער צוועק פון דערדאָזיקער איבערשאַפונג פון דער פרוי אָדער דאָס באַדערפעניש, פון וועלכן די ליבע פליסט אַרויס, איז שוין געבוג אויספירלעך אַנאַליזירט געוואָרן. דאָס איז צוגלייך די הויפּט-סבה, אַלמאי מען פאַרשטאָפּט זיך נאָך אַלץ די אויערן קעגן אַלע אמתן, וועלכע קלינגען פאַר די פרויען אומגינציק. ליבער שווערט מען אויף דער ווייבלעכער „שעמעוודיקייט״, אַנטציקט זיך פון דעם ווייבלעכן „מיטלייד״, אינטער-

פּרעטירט דאָס אַראָפּלאָזן דעם בליק פונם מיידל אַלס אַ בולטע זיטלעכע דערשיינונג, איידער מען זאָל צוזאַמען מיטן דאָזיקן שקר פאַרוואַרפן די מעגלעכקייט פון באַנוצן זיך מיט דער פרוי אַלס מיטל צום צוועק פון אייגענע העכערע אויפ-שווונגען, איידער מ'זאָל מותּר זיין דערויף, איבערצולאָזן זיך אָפּן דעמדאָזיקן וועג פאַר דער אייגענער דערלייזונג.

דערין ליגט בכן דער ענטפער אויף דער אינאָנהויב גע-שטעלטער פראַגע וועגן די מאָטיוון, צוליב וועלכע מענטשן האַלטן זיך אַזוי עקשנותדיק אָן דעם גלויבן אין דער ווייבלע-כער טוגנט. דער מאַנסביל וויל זיך נישט אָפּזאָגן דערפון, צו פאַרוואַנדלען די פרוי אין אַ כּלי פאַר דער אידעע פון דער אייגענער פולקאָמענהייט, צו זען אין איר דידאָזיקע אידעע פולשטענדיק רעאַליזירט, ווייל אים וועט דאַן לייכטער זיין מיט דער הילף פון דער פרוי, וועלכע איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ טרעגערין פון העכערע ווערטן, צו רעאַלי-זירן זיין גייסטיק קינד, זיין בעסערן איך. דער צושטאַנד פון פאַרליבטן האָט נישט בחינם אַזויפיל ענלעכקייט מיטן צושטאַנד פון דעם שאַפנדיקן מענטש ; די גאָר באַזונדערס גרויסע גוטס-קייט צו אַלעם, וואָס לעבט, דאָס נישט לייגן קיין אַכט אויף וועלכע ס'איז קליינע, קאָנקרעטע ווערטן, זענען ביידן גע-מיינזאַם, אַלס צושטאַנדן, וועלכע צייכענען אויס דעם ליבנדיקן פונקט ווי אויך דעם פּראָדוקטיוון מענטש ; און דערפאַר ווייזן זיי זיך אויס אַזוי אומבאַגרייפלעך און לעכערלעך פאַרן פיליסטער, וועמעס רעאַליטעט שעפּט זיך אויס גראָד מיט דידאָזיקע קלייני-קייטן פון מאַטעריעלן לעבן.

מחמת יעדער גרויסער עראָטיקער איז אַ זשעני און יעט-וועדעס זשעני איז אין תּוך עראָטיש, אַפילו ווען זיין ליבע צום ווערט, ד. ה. צו דער אייביקייט, צום וועלטגאַנצן, קאָנצענטרירט זיך נישט אין דעם קערפּער פון אַ פרוי. דאָס פאַרהעלטעניש פונם איך צו דער וועלט, דאָס פאַרהעלטעניש פונם סוביעקט צום אָביעקט איז אַליין אַ געוויסער מאָס אַן איבערחזרונג פונם פאַרהעלטעניש פון מאַן צו פרוי אין העכערער און ברייטערער

ספערע, אָדער, ריכטיקער, דאָסדאָזיקע פאַרהעלטעניש איז אַ ספּעציעלער פאַל פון יענעם פאַרהעלטעניש. פונקט ווי דער עמפינדונגס-קאָמפּלעקס ווערט אומגעשאַפן צום סוביעקט, אָבער נאָר דורכן סוביעקט און פון אים אַרויס, אַזוי ווערט אויך די פרוי פון דער דערפאַרונג פאַרטרעטן דורך די פרוי פון דער עראָטיק. פונקט ווי דער דערקענטעניש-דראַנג איז די בענקשאַפטלעכע ליבע צו די זאַכן, אין וועלכע דער מענטש געפינט תמיד און אייביק זיך גופא אָפּ, אַזוי ווערט אויך דער געגנשטאַנד פון דער ליבע אין ערגערן זינען ערשט דורך דעם ליבנדיקן געשאַפן, און ער אַנטדעקט אין אים תמיד זיין אייגענעם טיפסטן מהות. אַזוי פאַרוואַנדלט זיך די ליבע אין אַ פאַראַבאָל פאַרן ליבנדיקן: אין ברענפונקט שטייט נאַטירלעך זי; אָבער צונויפגעשפּאַנט מיט דער אומענדלעכקייט.

עס פרעגט זיך, ווער קען דידאָזיקע ליבע; צי בלויז דער מאַנסביל איז איבערסעקסועל, אָדער אויך די פרוי איז פעיק צו דער העכערער ליבע. לאָמיר זיך באַמיען אָפּצוגעפינען דערויף אַן ענטפער גלייך פון דער דערפאַרונג, גאַנץ אומאָפּהענגיק און אומבאַאיינפלסט פון די ביזאַהעריקע רעזולטאַטן. די דערפאַרונג ווייזט גאַנץ אומצווייבדייטיק, אַז פ. (לאָזנדיק אָן אַ זייט אַ לפנים משורת הדין אויסנאַם), איז קיינמאָל נישט מער ווי בלויז סעקסועל. די פרויען ווילן אָדער מער דעם געשלעכטסאַקט אָדער מער דאָס קינד (יעדנפאַלס אָבער ווילן זיי חתונה האָבן). די „ליבעס-ליריק" פון די מאָדערנע פרויען איז נישט בלויז אַנעראָטיש, נאָר גאַנץ עקסטרעם זינלעך; און הגם ס'איז ערשט אַ גאַנץ קורצע צייט אַוועק, זינט די פרויען האָבן זיך אַנטשלאָסן אַרויסצוטרעטן מיט אַזעלכע ווערק, האָבן זיי שוין פונדעסטוועגן באַוויזן אויפצוטון אין דערדאָזיקער הינזיכט אַזעלכע דרייסטע זאַכן, איידער אַלע מענער האָבן עס ביזאַהער ווען סאיז געוואַגט, און זייערע פּראָדוקציעס אייגענען זיך אויסגעצייכנט צום באַפרידיקן די סאַמע נאַשערישע דערוואַרטונגען, אַפילו פון די-יעניקע, וועלכע וואָלטן געקאָנט שפּייזן זייער נייגעריקייט מיט „לעקטור פאַר בחורים". דאָ איז אינערגיץ נישט קיין רייד וועגן אַ צניעותדיקער און ריינער נייגונג,

יועלכע האָט מורא צו פֿאַראומרייניקן דאָס געליבטע ווען דורך די אייגענע נאָענטקייט. עס האַנדלט זיך נאָר וועגן דעם פֿאַרשייטסטן אָרגיאַזם און דער ווילדסטער תּאווה, און אַזוינאָך וואָלט דידאָזיקע ליטעראַטור געקאָנט אייגנטלעך אויסגעצייכנט דינען צו עפֿענען די אויגן אויף דער דורכויס נאָר סעקסועלער און נישט עראָטישער נאַטור פֿון דער פֿרוי.

ליבע אַליין שאַפֿט שיינקייט. צי האָבן די פֿרויען אַ פֿאַרהעלטעניש צו שיינקייט? דאָס איז נישט קיין בלויזע רעדנסאַרט, ווען מען הערט אָפֿט פֿון די פֿרויען: „אַך, צו וואָס ברויך דען אַ מאַנסביל צו זיין שיין?" דאָס איז נישט קיין בלויזע חניפֿה פֿאַרן מאַן און נישט אַליין דערויף אויסגערעכנט, כּדי אים צו פֿאַנגען אויף זיין אייטלקייט, בעת אַ פֿרוי פֿרעגט אים אַן עצה, סאַראַ פֿאַרבן אויף אַ קלייד פּאַסן איר צום בעסטן; זי אַליין פֿאַרשטייט זיי נישט אַזוי צוצוקלויבן, אַז זיי זאָלן קאָנען *עסטעטיש*ווירקן. דאָרט, ווּ ס'איז נישט גענוג דער פּראָסטער געשמאַק, נאָר ס'איז נויטיק אַ דינערער שיינהייטס-חוש, קאָן די פֿרוי זיך נישט באַגיין אָן דער הילף פֿונם מאַנסביל, אַפֿילו אין די פֿראַגן פֿון איר טואַלעט. ווײַבאַלד אין דער פֿרוי, אַלס אַזעלכע, וואָלט געשטעקט וועלכע ס'איז שיינהייט, ווען זי וואָלט אורשפּרינגלעך געהאַט אין איר טיפֿערער אינערלעכקייט אַפֿילו בלויז אַ מאָסשטאַב פֿון דער שיינהייט, וואָלט זי נישט געגאַרט אַזוי אַלץ אינאיינעם זיך צו לאָזן פֿאַרזיכערן דורכן מאַן, אַז זי איז שיין.

אויך דעם מאַנסביל האַלטן נישט די פֿרויען אייגנטלעך פֿאַר *שיין*, און וואָס מער זיי טראָגן זיך אַרום מיטן דאָזיקן וואָרט, אַלץ מער ווייזן זיי אַרויס, ווי ווייט ס'איז זיי יעטוועדעס פֿאַרהעלטעניש צו דער אידעע פֿון דער שיינהייט. דער זיכערסטער מאָסשטאַב פֿון דער שעמעוודיקייט פֿון אַ מענטש, איז דאָס, ווי אָפֿט ער האָט אין מויל דאָס וואָרט „שיין", דידאָזיקע ליבעס-דערקלערונג לגבי דער נאַטור. ווײַבאַלד די פֿרויען וואָלטן געבענקט נאָך שיינהייט, וואָלטן זיי געדאַרפֿט זעלטענער וועגן איר רעדן. זיי האָבן אָבער נישט קיין באַדערפֿעניש נאָך שיינהייט און קאָנען אַזאַ נישט האָבן, ווייל נאָר די געזעלשאַפֿטלעך אָנערקענטע אויסערלעכע דערשיינונג ווירקט אויף זיי אין דאָזיק

זינען. שיין אָבער איז נישט דאָס, וואָס עס געפעלט ; ווי אָפט מען זאָל זיך נישט טרעפן מיט דערדאָזיקער דעפיניציע, איז זי דאָך פאַלש און איז פשוט סותר דעם זין פון דאָזיקן וואָרט. היפש איז דאָס, וואָס עס געפעלט ; שיין אָבער איז דאָס, וואָס דער אײנצלנער ליבט. היפש־שיין איז שטענדיק אַלגעמיין, שיינהייט — תמיד אינדיווידועל. דערפאַר איז יעטוועדע אמתדיקע עסטעטישע אָפּשאַצונג שעמעוודיק, מחמת זי איז געבוירן פון דער בענקשאַפט, און די בענקשאַפט פון דער אומפּולקאָמענהייט און אָנמעכטיקייט פון דעם אײנזאַמען. עראָס איז דער זון פון פּאָראָס און פּעניאַ, דאָס שפּראָצל פון דער פאַרבינדונג פון רייכטום און אָרעמקייט. כדי צו זען אין עפּעס שיינקייט, געהערט דערצו אַלס צו דער אָביעקטיוויטעט פון אַ ליבע, נישט בלויז אינדיווידואַליטעט, נאָר אויך אינדיווידואַציע ; בלויז היפש־שיין איז געזעלשאַפטלעכע מטבע. דאָס שיינע ווערט געליבט, אין היפשן פאַרליבן זיך לייטן געוויינלעך. ליבע רייסט זיך תמיד אויף דרויסן, זי איז טראַנסצענדענט, ווייל זי שטאַמט פון דער אומצופרידנקייט פון דעם דורך דער סוביעקטיוויטעט געפּענטעטן סוביעקט. ווער עס גלויבט אָפּצוגעפינען בײַ פרויען אַזאַ מין אומצופרידנקייט, איז אַ שלעכטער אָבסערוואַטאָר און אַנאַליטיק. פ איז העכסטנס פאַרליבט, מ — ליבט ; און נאַריש און אומוואָר איז יענע באַהויפּטונג פון לאַמענטירנדיקע פרויען, אַז די פרוי איז פעיקער צו אמתער ליבע, איידער דער מאַנסביל : להיפך, זי איז צו איר לגמרי אומפעיק. נישט צו יענעם בילד פון דער פאַראַבאָל, ווי די ליבע, נאָר צום בילד פון אַ אין זיך גופא פאַרמאַכטן קרייז קאָן מען פאַרגלייכן יעטוועדע פאַרליבטקייט, און בפרט די פאַרליבטקייט פון דער פרוי.

דאָרט, ווו דער מאַנסביל ווירקט אויף דער פרוי אינדיווידועל, איז דאָס נישט דורך זיין שיינקייט. נאָר דער מאַנסביל האָט אַ חוש פאַר שיינקייט, אַפילו ווען זי אַנטפּלעקט זיך אין דעם מאַנסביל : שוין־זשע איז עס נישט אויפפאַלנדיק, וואָס יעטוועדער באַגריף פון שיינקייט, נישט בלויז פון ווייבלעכער נאָר אויך פון מענלעכער שיינקייט איז געשאַפן געוואָרן דורכן

מאַנסביל? אָדער זאָל אפשר אויך דאָס זיין אַ פּועל-יוצא פון דער „אונטערדריקונג"? דער איינציקער באַגריף, וועלכער געהערט אפשר אויך נישט אינגאַנצן צו די פרויען, מחמת די לעצטע האָבן נאָך קיינמאָל אַפילו קיין איינציקן באַגריף נישט געשאַפן, אָבער וועלכער פאַרדאַנקט זיי אין אַ געוויסן זינען זיין מאַטעריעלן תקון און די לעבהאַפטיקייט פון די אים באַגלייטנדיקע אַסאָציאַציעס, דאָס איז דער באַגריף „fescher Kerl" „פעסטער בחור", ווי מ'רופט אים אין ווין און דרום-דייטשלאַנד, „for-scher mann" ווי ער הייסט אין בערלין און צפון-דייטשלאַנד. די-דאָזיקע באַצייכענונג באַטייט אייגנטלעך שטאַרקע און אַנטוויקלטע סעקסואַליטעט פונם מאַנסביל; מחמת די פרוי עמפינדט סוף-כּל-סוף תמיד אַלס איר שונא אַלץ, וואָס עס ציט אָפּ דעם מאַנסביל פון דער סעקסואַליטעט און דער ווייטערפלאַנצונג, זיינע ביכער און זיין פּאָליטיק, זיין וויסנשאַפט און זיין קונסט.

נאָר דאָס סעקסועלע, קיינמאָל נישט דאָס אַסעקסועלע, טראַנססעקסועלע אינם מאַנסביל ווירקט אַלס אַזעלכס אויף דער פרוי, און נישט קיין שיינהייט, נאָר פולן סעקסועלן באַגער פאַרלאַנגט זי פון אים. נישט דאָס אַפּאָלינישע אינם מאַן מאַכט אויף דער פרוי אַן איינדרוק (אָבער דערפאַר אויך נישט דאָס דיאָני-זישע), נייערט תמיד בלויז, אין ברייטסטן אומפאַנג, דאָס פאַונישע אין אים; נישט דער מאַנסביל, נאָר תמיד „le mâle" (דער זכר); ס'איז קודם-כל — דאָס טאָר אַ בוך וועגן דער ווירקלעכער פרוי נישט פאַרשווייגן — זיין סעקסואַליטעט אין ענגסטן זינען, דאָס איז דער Phallus*)

אָדער מען האָט עס נישט געוואָלט זען, אָדער מ'האָט עס נישט געוואָלט אַרויסזאָגן, אָבער מ'האָט זיך נאָך געוויס נישט אויסגעבילדעט קיין גאַנץ ריכטיקע פאָרשטעלונג דערפון, וואָס

*) די ווירקונג פון דער מענלעכער באָרד אויף דער פרוי איז אין ברייטערן זינען און אויס טיפערע טעמים, ווי מען מיינט געוויינלעך, פּסיכאָלאָגיש און ביאָלאָגיש, און נאָר אין דער אינטענסיווקייט שוואַך אָפּבילד פון דער ווירקונג פון מענלעכן גליד גופא. ליידער קאָן איך עס דאָ נישט גענויער באַגרינדן און אַנטוויקלען.

עס באַטייט פּסיכאָלאָגיש דאָס מענלעכע גליד פאַר דער פרוי, אַזוי גוט פאַר דער חתונה-געהאַטער ווי פאַר דער בתולה, ווי ווייט עס באַהערשט דאָס גאַנצע לעבן פון דער פרוי, ווען אַפילו אָפּט אויף אַ גאַנץ אומבאַוווסטזיניקן אופן. כ׳מיין כּלל נישט, אַז די פרוי באַטראַכט דעם געשלעכטס-אָרגאַן פונם מאַן פאַר שיין אָדער אַפילו נאָר פאַר היפּש. זי פילט אים אָפּ פונקט אַזוי, ווי דער מענטש — דעם מעדוזע-קאָפּ, ווי דער פויגל — דעם שלאַנג; ער איבט אויף איר אויס אַ היפּנאָטי-זירנדיקע, פאַרכישופנדיקע, פאַרכאַפּנדיקע ווירקונג. זי עמפּינדט אים אַלס דאָס געוויסע, דאָס עפּעס, פאַר וועלכן זי האָט לגמרי נישט קיין נאָמען: ער איז איר שיקזאַל, ער איז דאָס, פון וועלכן ס׳איז נישט פאַראַן פאַר איר קיין אַנטרינונג. נאָר דערפאַר האָט אַ פרוי מורא צו זען דעם מאַנסביל נאַקעט, און גיט אים קיינמאָל נישט אָנצוהערן, אַז וויל דאָס: ווייל זי פילט, אַז זי וואָלט און זעלבן אויגנבליק געווען פאַרלוירן. דער פאַלוס איז דאָס, וואָס מאַכט די פרוי אַבסאָלוט און ענדגילטיק אומפריי.

עס איז בכן גראָד יענער טייל, וועלכער פאַראומגעשטאַל-טיקט אייגנטלעך דעם קערפּער פונם מאַנסביל, און וועלכער מאַכט אַליין דעם נאַקעטן מאַנסביל העסלעך — צוליב וועלכן ער ווערט אויך אַזוי אָפט דורך די סקולפּטאָרן פאַרדעקט מיט אַן אַקאַנטוס- אָדער פייגנבלאַט — דערדאָזיקער טייל טאַקע רייצט אַמטיפסטן די פרוי און רעגט זי אַמהעפטיקסטן אויף, און דאָס נאָך גראָד דאַן, ווען ער שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס אומאָנ-גענעמס איבערהויפּט, אין צושטאַנד פון ערעקציע. און דערין ליגט דער לעצטער און אַנטשיידנדיקסטער באַווייז דערויף, אַז די פרויען פאַרלאַנגען נישט פון דער ליבע קיין שיינהייט, נאָר — גאַנץ עפּעס אַנדערש.

די נייע דערפאַרונג, וועלכע ווערט ענדגילטיק דערגרייכט דורך דידאָזיקע אונטערזוכונג, האָט מען געקאָנט פאָרויסזאָגן אויפן סמך פון דעם ביזאַהעריקן. היות ווי לאָגיק און עטיק גילטן אויסשליסלעך בײַם מאַנסביל, איז שוין געווען לכתחילה וואַרשיינלעך, אַז די פרויען שטייען נישט אין קיין בעסערער באַציונג צו דער עסטעטיק, איידער צו אירע נאָרמאַטיווע

שוועסטער-וויסנשאַפטן. די קרובהשאַפט צווישן דער עסטעטיק און דער לאָגיק קומט צום אויסדרוק אין יעטוועדער סיסטע-מאַטיק און אַרכיטעקטאָניק פון די פילאָזאָפישע סיסטעמען, נישט ווייניקער אין דער פאָדערונג פון שטרענגער לאָגיק פאַר דעם קונסטווערק, און אין העכסטער פאַרייניקונג לסוף אינם בוי פון דער מאַטעמאַטיק און אין דער מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע. ווי שווער עס קומט אָן פיל מענטשן פונאַנדערצוטיילן עטיק און עסטעטיק, איז שוין דערמאָנט געוואָרן. אויך די עסטעטישע פונקציע, נישט נאָר די עטישע און די לאָגישע, איז לויט *קאַנטן* אַזאַ, וועלכע ווערט אויסגעאיבט דורכן סוביעקט אין פולער פרייהייט. *די פרוי אָבער באַזיצט נישט קיין פרייען ווילן*, און דערפאַר קאָן מען איר נישט אָנערקענען די פעיקייט צו פּראָיעקצירן שיינהייט אין דעם רוים.

דערמיט איז אָבער אויך געזאָגט, אַז די פרוי קאָן נישט ליבן. אַלס באַדינג פון דער ליבע מוז פאַראַנזיין אינדיווידואַ-ליטעט, ווען אַפילו נישט אין איר ריינער, ליכטיקער פאָרם, אָבער אַן אינדיווידואַליטעט, וועלכע איז אָנגעפילט מיט ווילן צו דער אייגענער באַפרייונג פון שטויב און שמוץ. מחמת די מיטלזאַך צווישן באַזיצן און נישט באַזיצן איז *עראָס*; נישט קיין גאָט, נאָר דעמאָן; ער אַליין אַנטשפּרעכט דער שטעלונג פונם מענטש צווישן שטערבלעכן און אומשטערבלעכן: אַזוי האָט עס דערקענט דער גרעסטער דענקער, דער *געטלעכער פלאַטאָן*, ווי *פלאָטין* רופט אים אָן (דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט אים ווירקלעך, *אינערלעך פאַר-שטאַנען*; אינדערצייט ווען אַסך פון זיינע היינטיקע קאָמענטאַטאָרן און געשיכטס-שרייבער באַגרייפן זיין לערע נישט פיל מער, ווי אויערווערים וייסן וועגן מעטעאָרן). די ליבע איז בכן אין דער ווירקלעכקייט קיין שום „טראַנסצעדענטאַלע אידעע"; מחמת זי אַנטשפּרעכט אַליין דער אידעע פון אַ וועזן, וועלכעס איז נישט ריין טראַנסצענדענטאַל און אַפּריאָריש, נאָר אויך זינלעך-עמפּיריש: *דער אידעע פונם מענטש*.

די פרוי דערקענען, וועלכע האָט לגמרי נישט קיין נשמה, שט־עבט אויך נישט צו געפינען ערגיצוווּ, ערגיצוועז אַ נשמה ענדלעך, וועלכע זאָל זיין אינגאַנצן אויסגעלייטערט פון אַלע

איר פרעמדע עלעמענטן. נישט פאַראַן כלל בא די פרויען קיין אידעאַל פון אַ מאַנסביל, וועלכער זאָל דערמאָנען די מאַדאָנע, נישט דער ריינער, צניעותדיקער, זיטלעכער מאַנסביל ווערט באַגערט דורך די פרוי — נאָר אַן אַנדערער.

אַזוינאָך איז דערוויזן, אַז די פרוי קאָן נישט פאַרלאַנגען פונם מאַנסביל די טוגנט. וויבאַלד זי וואָלט פאַרמאָגט דעם פקדון פון דער פולקאָמענהייטס-אידעע, ווען זי וואָלט אויף וועלכן ס'איז אופן געווען צלם-אלהים, וואָלט זי געדאַרפט אויך זוכן אינם מאַנסביל יענץ הייליקע, געטלעכע, וועלכעס דער מאַנסביל זוכט אין דער פרוי. דער פאַקט, וואָס זי איז זייער ווייט דערפון, באַווייזט ווידעראַמאָל, אַז איר פעלט לחלוטין דער ווילן צום אייגענעם ווערט, וועלכן זי שטעלט זיך נישט פאָר, ווי עס טוט דאָס דער מאַנסביל, ערגיץ מחוץ איר פאַרקערפערט, כדי צו קאָנען לייכטער נאָך אים צו שטרעבן.

אַן אומבאַשיידבאַר רעטעניש בלייבט נאָר דאָס, אַלמאַי ווערט גראָד די פרוי געליבט מיט אַזאַ פאַרגעטערנדיקער ליבע (מיט אויסנאַם פון דער „ייִנגל-ליבע", ווו דער געליבטער פאַרוואַנדלט זיך דאָסגלייכן אין דער פרוי). צי וועט נישט זיין צו דרייסט די היפּאָטעזע, וועלכע לאָזט זיך אין דערדאָזיקער הינזיכט אַנטוויקלען?

אפשר האָט דער מאַנסביל בעת דעם מענטשווערן פאַרהאַלטן דורך אַ מעטאַפיזישן אויסערצייטלעכן אַקט דאָס געטלעכע, די נשמה פאַר זיך אַליין — צוליב וואָסערן טעם דאָס האָט געקאָנט געטון ווערן, זענען מיר נישט בכוח משער צו זיין. פאַר דערדאָזיקער עוולה קעגן דער פרוי קומט ער איצט אָפּ אין די ליידן פון דער ליבע, אין וועלכער און דורך וועלכער ער באַמיט זיך ווידער אומצוקערן דער פרוי די איר גערויבטער נשמה, ער וויל איר שענקען אַ נשמה, ווייל ער פילט זיך קעגן איר שולדיק צוליב דעם רויב. מחמת גראָד לגבי דער געליבטער פרוי, יאָ, אייגנטלעך נאָר לגבי איר דריקט אים אַמשטאַרקסטן עפּעס אַ רעטענישפול שולדבאַוווסטזיין. די האָפנונגסלאָזיקייט פון אַזאַ צוריקגעב-פּרווו, דורך וועלכן ער וואָלט געוואָלט אָפּוואַשן זיין זינד, קאָן אונז דערקלערן,

אַלמאַי ס׳איז נישט פאַראַן קיין *גליקלעכע ליבע.* צווינאָך וואָלט דערדאָזיקער מיטאָס נישט געווען קיין שלעכטע טעמע פאַר אַ דראַמאַטישער מיסטעריע. אָבער ער גייט ווייט אַריבער די גרעניצן פון אַ וויסנשאַפטלעכער, און אויך פון אַ וויסנשאַפטלעך-פילאָזאָפישער באַטראַכטונג.

אויבן האָבן מיר שוין קלאָר געשילדערט, וואָס די פרוי וויל *נישט*, יעצט אָבער דאַרף מען אויפווייזן, וואָס זי וויל אין איר טיפעניש, ווי אויך, אַז דערדאָזיקער אינערלעכסטער ווילן איז לגמרי קעגנזעצלעך דעם ווילן פונם מאַנסביל.

קאַפּיטל XII

דער מהות פון דער פרוי און איר זין אין אוניווערס

„Erst Mann und Weib zusammen machen den menschen aus".
Kant.

אַלץ טיפער און טיפער איז אַריינגעדרונגען אונזער אַנאַליז אין דער אָפּשאַצונג פון דער פרוי; טריט בא טריט האָבן מיר איר געמוזט אָפּזאָגן אין אַלעם דערהויבענעם, איידלען, גרויסן און שיינעם. אונזער אונטערזוכונג נעמט יעצט אונטער דעם אַנטשיידנסטן, ענדגילטיקן שריט אין דערדאָזיקער ריכטונג, און דערפאַר וויל איך דאָ, כדי אויסצומיידן מעגלעכע מיספאַרשטייעניש, ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף איין אומשטאַנד, צו וועלכן כ'וועל זיך נאָך שפּעטער אומקערן: כ'האָב לחלוטין נישט בדעה צו באַרעכטיקן דעם אַזיאַטישן שטאַנדפּונקט אין דער באַהאַנדלונג פון דער פרוי. ווער ס'האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט מיינע ווערטער, בעת כ'האָב גערעדט וועגן יענעם אומרעכט, וואָס יעטוועדע סעקסואַליטעט, יאָ, אַפילו די עראָטיק באַגייט נאָך לגבי דער פרוי, דער האָט זיך שוין געמוזט אָפּגעבן אַ חשבון, אַז דאָסדאָזיקע בוך איז נישט קיין פאַרטיידיקער פון האַרעם, און אַז עס באַמיט זיך נישט צו אַנטווערטן די נויטווענדיקע גרויסע האַרבקייט פונם אורטייל דורך די פאָדערונג פון אַזאַ פּראָבלעמאַטישער שטראָף.

אָבער מען קאָן זייער גוט פאַרלאַנגען די ר ע כ ט ל ע כ ע ג ל ײ כ ש ט ע ל ו נ ג פון מאַן און פרוי אויך אָן דעם גלויבן אין זייער מ אָ ר אַ ל י ש ע ר און א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ר גלייכהייט. מען קאָן גיכער, אָן שום סתירה, טאַדלען יעדע

מענלעכע באַרבאַרישקייט לגבי דעם ווייבלעכן געשלעכט, און צוגלייך דאָ כּלל נישט פאַרגעסן וועגן דעם אומגעהויערן, קאָסמישן קעגנזאַץ צווישן דעם מהות פון מאַן און פרוי. נישט פאַרגין קיין מאַנסביל, אין וועלכן ס׳זאָל ערגיצוווּ נישט לעבן עפּעס איבערזיינלעכס, וועלכער זאָל זיין לחלוטין נישט ג ו ט; און ס׳איז נישטאָ קיין פרוי, בנוגע וועלכער דאָס זאָל אינדעראמתן גילטן. דער סאַמע נידריק שטייענדיקער מאַנסביל ש ט י י ט ב כ ן נ אָ ך א ו מ ע נ ד ל ע ך ה ע כ ע ר פ אַ ר ד ע ר ה ע כ ס ט ש ט י י ע נ ד י ק ע ר פ ר ו י, און דאָס אַזוי הויך, אַז פאַרגלייך און קעגנשטעלונג שיינען דאָ צו זיין ממש אומדערלאָזבאַר; און דאָך האָט קיינער נישט קיין רעכט אַפילו די נידריקסטשטייענדיקע פרוי אויף וועלכן ס׳איז אופן צו שמעלערן אָדער אונטערצודריקן. דורך דער פולשטענדיקער ב אַ ר ע כ ט י ק ו נ ג פון דער טענה אויף גלייכהייט לגבי יעדן געזעץ וועט זיך קיין שום גרינטלעכער מענטשנקענער נישט לאָזן אַראָפּפירן פון דער איבערצייגונג, אַז צווישןביידע געשלעכטער עקזיסטירט די דענקבאַר פאָלאַרסטע קעגנזעצלעכקייט. סאַראַ פלאַכע פסיכאָלאָגן די מאַטעריאַליסטן, עמפּירסטן און פּאָזיטיוויסטן זענען (אויב שוין צו פאַרשווייגן דעם מענטשנקע-נערישן טיפבליק פון די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער), זעט מען דערפון, וואָס גראָד פון זייערע קרייזן האָבן על-פּי-רוב געשטאַמט און ס׳רעקרוטירן זיך נאָך אויך איצט פון דאָרט די מענער, וועלכע טרעטן אַרויס לטובת דער אורשפּרינגלעך איינגעבוירענער פסיכאָלאָגישער גלייכהייט צווישן מאַנסביל און פרוי.

אָבער איך פאַרהאָף, אַז כ׳בין פולשטענדיק באַוואָרנט קעגן דער צונויפמישונג פון מיין שטאַנדפּונקט אין דער באַאור-טיילונג פון דער פרוי מיט די מגושמדיקע און נאַר אַלס דרייסטע רעאַקציע קעגן דעם מאַסן-שטראָם דערפרייענדיקע אָנשווינגען פון פּ. י. מ ע ב י ו ס. די פרוי איז נישט „פסיכאָלאָגיש שוואַכזיניק, טעמפּ"; און איך קאָן אויך נישט טיילן די אויפפאַסונג, וועלט זעט און פרויען מיט באַדייטנדיקער טעטיקייט דערשיינונגען פון אַנטאַרטונג. פון אַ מאָראַלישן קוק-פּינטל קאָן מען דידאָזיקע פרויען, מחמת זיי זענען תמיד

מענטשלעכער פאַר די אַנדערע, נאָר פריידיק באַגריסן, און מ׳וואָלט געדאַרפט בײַ זיי גיכער אָנערקענען דעם היפך פון אַנטאַרטונג, געמלעך פּאָרשריט און איבערגוועלטיקונג; אין *ביאָלאָגישער* הינזיכט זענען זיי פונקט אַזוי ווייניק אָדער פונקט אַזוי זייער אַ דעגענעראַציע־דערשיינונג, ווי דער ווייבלעכער מאַנסביל (ווײַבאַלד מען שאַצט אים נישט עטיש אָפּ). די סעקסועלע צווישנפאָרמען זענען אָבער אין דער גאַנצער רייע פון אָרגאַניזמען דורכויס די נאָרמאַלע און נישט קיין פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג, און זייער אויפטרעטן איז נאָך בכן נישט קיין באַווייז פון קערפּערלעכער דעקאַדענץ.

די פרוי איז נישט נישט טיפּזיניק, נישט הויכזיניק, נישט שאַרפזיניק און נישט גראָדזיניק, זי איז גיכער דער פּשוטער היפך פון אַט דעם אַלעמען; זי איז, אויף וויפל מיר האָבן ביזאַהער געזען, בכלל נישט „זיניק״: זי איז אַלס גאַנצעס אום־זין, אום־זיניק. אָבער דאָס באַטייט נאָכנישט *שוואַכזיניק*, לויטן באַגריף, וועלכן מען פאַרבינדט דערמיט אין דער דייטשישער שפּראַך: דעם באַגריף פון מאַנגל פון דער פּשוטסטער פּראַקטישער אָריענטירונג אין געוויינלעכן לעבן. פאַרקערט, דאָרט, ווו ס׳האַנדלט זיך וועגן דער דערגרייכונג פון נאָענטליגנדיקע עגאָיסטישע צוועקן, ווײַזט פּ אַרויס פיל מער כיטרעקייט, אויסרעכענונג, געזעצטקייט, איידער מ. אַ פרוי איז קיינמאָל נישט אַזוי נאַריש, ווי ס׳איז עס טיילמאָל דער מאַנסביל.

שוין־זשע האָט די פרוי נישט קיין שום באַדייטונג? צי שטרעבט זי ווירקלעך נישט צו קיין אַלגעמיינעם ציל? צי האָט זי פאָרט נישט עפּעס אַ געוויסע באַשטימונג, און צי ליגט נישט אין איר יסוד, נישט געקוקט אויף איר גאַנצער אומזיניקייט און נישטיקייט, אַ באַשטימטע אויפגאַבע אין וועלטגאַנצן. *דינט זי עפּעס אַ מיסיע, אָדער איז איר דאָזיין אַ צופאַל בלויז און אַ לעכערלעכקייט?*

כּדי אויפצוקלערן דעם זין פון דעם דאָזיין פון דער פרוי, וועלן מיר נעמען אַלס אויסגאַנגס־פונקט איין דערשיינונג, וועלכע איז נאָך אינערגיץ און קיינמאָל נישט ערנסט באַהאַנדלט

און אָפּגעשאַצט געוואָרן, הגם זי איז ווייט נישט ניי און איז אַלעמען גאַנץ געניג באַקאַנט. דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די דערשיינונג פון דער פּאַרמיטלערײַ, וועלכע איז בכוח צו דערפירן צום אייגנטלעכן אַריינבליק אין דער נאַטור פון דער פרוי

דער אַנאַליז פון דער פּאַרמיטלעריי ווייזט קודם-כל אויף דעם מאָמענט פון דער דערפירונג און באַגיבציקונג פון דעם באַגעגעניש פון צוויי מענטשן, וועלכע קאָנען אַריינטרעטן אין סעקסועלער פּאַרבינדונג, צי אין דער פּאָרם פון חתונה, אָדער אַנדערש. דידאָזיקע שטרעבונג, עפּעס צושטאַנד צו ברענגען צווישן צוויי מענטשן, באַזיצט יעדע פרוי אויסנאַמלאָז שוין אין דער פריסטער קינדהייט: גאַנץ קליינע מיידלעך ווייזן שוין אַרויס פּאַרמיטלערישן דינסט און דאָס אַפילו לגבי די ליבהאָבערס פון זייערע שוועסטערן. אמת, דער דראַנג צום מעקלען טרעט ערשט דאַן בײַ אייניצלנע פרויען דייטלעכער אויף, ווען זיי האָבן שוין זיך אַליין פּאַרזאָרגט מיט אַ מאַן, אָבער דערדאָזיקער שטריך פּאַרלאָזט זיי נישט די גאַנצע צייט אין משך פון גאַנצן פּעריאָד צווישן דער געשלעכטלעכער רייפקייט און דער חתונה. אין דאָזיקן פּעריאָד ווערט דער מעקלעריי-דראַנג שטאַרק געמעסיקט דורכן געפיל פון קנאה לגבי די קאָנקורענטינס און דער מורא פּאַר זייערע בעסערע שאַנסן אין קאַמף פּאַר אַ מאַן; אָבער אַזאַ צושטאַנד דויערט נאָר ביז יענעם מאָמענט, ווען דער פרוי גיט זיך איין גליקלעך צו דעראָבערן איר מאַן, צו פּאַרוויקלען און פּאַרפּלאָנטערן אים מיט געלט אָדער מיט יענע באַציונגען, וועלכע פּאַרבינדן אים מיט איר פּאַמיליע. דאָס איז די איינציקע סיבה, צוליב וועלכער די פרויען נעמען זיך ערשט נאָך דער חתונה מיטן פולן ברען צום פּאַרשדכענען די טעכטער און זין פון זייערע באַקאַנטע. ווי ווייט עס מעקלט ערשט די אַלטע פרוי, בײַ וועלכער די זאָרג פּאַר דער אייגענער סעקסועלער באַפרידיקונג שפּילט שוין לגמרי קיין ראָליע נישט, דאָס איז אַזוי אַלגעמיין באַקאַנט.

אַז מ׳האָט, אגב אומגערעכטיק, געשטעמפּלט די אַלטע פרוי
אַ ל יי ן אַלס אייגנטלעכע פּאַרמיטלערין.

נישט נאָר פרויען, אויך מענער ווערן זייער גערן פאַרשדכנט און דאָס ווערט געטון דורך זייערע אייגענע מוטערס, יאָ, גראָד דורך זיי מיט באַזונדערער לעבהאַפטיקייט און עקשנות. לגמרי אָן איינזען אויף דער אינדיווידועלער אייגנאַרט פון דעם זון איז עס דער הייסער ווונטש פון יעדער מוטער צו זען אים אַ חתונה־געהאַט: אַ באַדערפעניש, אין וועלכן מ׳האָט אין פאַרבלענדונג דערבליקט עפּעס העכערס, ווידער יענע מוטערליבע, וועגן וועלכער מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסצואַרבעטן נישט קיין געהויבענע מיינונג. ס׳קאָן זיין, אַז פיל מוטערס זענען לכתחילה איבערגעצייגט דערין, אַז די חתונה קאָן געבן אַ דויערנדיק גליק זייערע זין, וועלכע זענען לעת־עתה נישט גענויגט צו קיין חתונה־לעבן, וועלכע זענען כלל נישט באַשאַפן פאַר איר; אָבער זיכער פעלט באַ זייער פיל צומאָל דערדאָזיקער גלויבן, און יעדנפאַלס שפּילט דאָ תמיד און אומעטום מיט אַלס ש ט אַ ר ק־ס ט ע ר מאָטיוו דער מעקלעריי־ד ר אַ נ ג, דער געפּילסמעסיקער ווידערווילן לגבי דער בחורישקייט פונם מאַנסביל.

דערפון איז שוין צו זען, אַז די פרויען פאָלגן אַ ריין אינסטינקטיוון דראַנג, וועלכער שטעקט אין זיי, אַפילו ווען זיי באַמיען זיך אויסצוגעבן זייערע ט ע כ ט ע ר. נישט אויס לאָגישע, און נאָר צום קלענסטן טייל אויס מאַטעריעלע טעמים פליסן אַרויס די אומענדלעכע באַמיונגען, וועלכע ווערן אונטערגענומען צום דאָזיקן צוועק דורך די מוטערס; זיי געשעען נישט צוליב אַנטקעגנקומען די אויסגעדריקטע אָדער פאַרבאָרגענע ווונטשן פון דער טאָכטער (וועלכע זיי דערווידערן אָפט אַפילו אין דעם ספּעציעלן אויסוואַל פונם מאַן); און עס קאָן דאָ אַמווייניקסטן די רייד זיין וועגן אַן „אַלטרויסטישער", „מאָראַלישער" האַנדלונג פון דער מ ו ט ע ר ל ע כ ע ר ליבע, וויבאַלד מען נעמט אין אַכט, אַז די צונויפפּאָרעריי שפּרייט זיך אויס גאַנץ אַלגעמיין אויף אַלע מענטשן און באַגרעניצט זיך קיינמאָל נישט אויף דער אייגענער טאָכטער; הגם די מייסטן פרויען, וויבאַלד מ׳זאָל זיי פאָרהאַלטן זייער מעקלערישע טעטי

קייט, וואָלטן געוויס געענטפערט: אַז ס'איז זייער פליכט צו זאָרגן באַצייטנס וועגן דער צוקונפט פון זייערע טייערע קינדער.

אַ מוטער מאַכט חתונה איר אייגענע טאָכטער נישט אַנדערש, ווי זי העלפט גערן צו יעדן אַנדערן מיידל צו באַקומען אַ מאַן, ווען נאָר דידאָזיקע אויפגאַבע איז אין איר פאַמיליע גופא פריער געלייזט געוואָרן: *דאָס איז גאַנץ דאָסזעלביקע, מעקלעריי דאָ ווי דאָרט, דאָס פאַרשדכנען די אייגענע טאָכטער אונטערשיידט זיך פסיכאָלאָגיש מיט גאָרנישט פון דעם פאַרשדכנען אַ פרעמד מיידל*. יאָ, איך באַהויפּט: אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין מוטער, וועמען ס'זאָל אומאָנגענעם באַרירן, ווען עפּעס אַ פרעמדער, אַפילו מיט גאָר געמיינע כוונות און אומווערדיקער אויסרעכענונג, באַגערט איר טאָכטער און פאַרפירט זי.

דאָס פאַרהאַלטן זיך פון איין געשלעכט לגבי געוויסע שטריכן פון צווייטן וואָלט געקאָנט אָנגעווענדט ווערן אַלס נוצלעך קריטעריום צו באַצייכענען וועלכע אייגנטימלעכקייטן פון כאַראַקטער זענען אויסשליסלעך באַגרעניצט אויף איין געשלעכט און וועלכע זענען געמיינזאַם ביידן*). און אָט האָט ביזאַהער אין אונזער אונטערזוכונג פיגורירט די פרוי אַלס איינציקער עדות, אַז זייער פיל אייגנשאַפטן, וועלכע מענטשן האָבן איר צוגעשריבן, געהערן אויסשליסלעך צו דעם מאַנסביל; איצט-זשע וועלן מיר צוציען צום ענטפער אויך דעם מאַנסביל; זאָל ער דורך זיין פאַרהאַלטן זיך לגבי דער צונויפפּאָרעריי דאָקומענטירן, אַז דידאָזיקע אייגנשאַפט איז עכט ווייבלעך און אויסשליסלעך ווייבלעך: די אויסנאַמען זענען נוגע אָדער *זייער* ווייבלעכע מענער, אָדער אַ געוויסן פאַל, וועלכער וועט נאָך אויספירלעך אַרומגערעדט ווערן**) יעדער עכטער מאַנסביל קערט זיך אָפּ מיט ווידערווילן און פאַראַכטונג פון דער ווייבערישער חתונה-פאַרמיטלעריי, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך

---

*) אַ צונויפשטעלונג פון דידאָזיקע רעזולטאַטן געפינט זיך באַם סוף פון קאַפּ. IX.

**) קאַפּ. XIII.

וועגן זיין אייגענער טאָכטער, וועלכע ער וואָלט וייער גערן געוואָלט זען פאַרזאָרגט; ער לאָזט איבערהויפּט איבער די שדכנות-עסקים פאַר דער פרוי אַלס איר אייגנטלעך פאַך, צוגלייך זעט מען דאָ צום קלאָרסטן, ווי די אמתע פסיכישע סעקסואַל-שטריכן פון דער פרוי ווירקן כלל נישט אויפן מאַן צוציִעוודיק, אַז זיי שטויסן אים גיכער אָפּ דאָרט, ווו ער גיט זיך פון זיי אָפּ אַ חשבון: אינדערצייט ווען די ריין מענלעכע אייגנשאַפטן אַלס אַזעלכע, און ווי זיי זענען ווירקלעך, גענוגן צוצוציִען די פרוי, מוז דער מאַן ערשט די פרוי אומגעשטאַלטיקן, כדי ער זאָל זי קאָנען ליבן.

דאָס פאַרמיטלעריי גרייכט אָבער באַדייטנדיק טיפער און דרינגט דורך דעם מהות פון דער פרוי אין אַ פיל ברייטערן היקף, ווי עמיצער וואָלט געקאָנט משער זיין לויט די אויבנגעבראַכטע ביישפּילן, וועלכע שעפּן נאָר אויס די באַדייטונג פון דאָזיקן וואָרט אין זיין געוויינלעכן געברויך. דאָ וויל איך אָנווייזן קודם-כל דערויף, ווי אַזוי די פרויען זיצן אין טעאַטער; תמיד מיט דער דערוואַרטונג: צי די צוויי, ווי אַזוי די צוויי פאַרליבטע וועלן „זיך באַקומען”. אויך דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי צונויפפּאָרעריי, און קיין האָר פון איר פסיכאָלאָגיש פאַרשידן: דאָס איז דער ווונטש, אַז דער מאַנסביל און די פרוי זאָלן זיך צונויפקומען, ווי עס זאָל נישט זיין. אָבער דאָס גייט נאָך ווייטער: אויך די לעקטור פון זינלעכע און פּאָרנאָגראַפישע דיכטונגען אָדער ראָמאַנען, די אומגעהויערע שפּאַנונג אויפן מאָמענט פון דער באַהעפטונג, מיט וועלכע די פרויען לייענען, איז לגמרי נישט עפּעס אַנדערש ווי די צונויפפּאָרונג פון די ביידע פּערזאָנען פון בוך, טאָנישע אויפרייצונג דורכן געדאַנק פון דער קאָפּולאַציע און פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דער סעקסועלער פאַרייניקונג. מען דאַרף דאָס נישט באַטראַכטן פאַר אַ לאָגישע און פאָרמעלע אַנאַלאָגיזירונג, נאָר גיכער באַמיען זיך אָפּצופילן, ווי פאַר דער פרוי זענען ביידע פסיכאָלאָגיש איינס און דאָסזעלביקע. די אויפירונג פון דער מוטער אין חתונה-טאָג פון דער טאָכטער איז נישט קיין

אַנדערע, ווי די אויפרעגונג פון דער פרוי בײַם לייענען פּרעוואָ, אָדער זודערמאַנס „Katzensteg". עס קומט, וואָס אַן אמת, אויך אָפּט פאָר, אַז מענער לייענען גערן אַזעלכע ראָמאַנען צו דערטומעסצענץ־צוועקן, אָבער דאָס איז עפּעס פּרינציפּיעל פאַרשידנס פון דעם ווייבלעכן אופן פון לייענען, עס גייט וועגן דער לעבהאַפטיקערער אימאַגינאַציע פון דעם סעקסועלן אַקט און פאַרפאָלגט נישט קראַמפּהאַפטיק פון תּחילת אָן יעדע פאַרקלענערונג פון דעם מרחק צווישן די ביידע מענטשן, וועגן וועמען עס האַנדלט זיך גראָד; און די פאַראינטערעסירונג וואַקסט נישט דאָ, ווי בײַ דער פרוי, מיט הויכער שטייגערונג, קאָנטינויִרלעך, אין אַ פאַרקערט־פּראָפּאָרציאָנעלן פאַרהעלטעניש צום אָפּשטאַנד צווישן די פּערזאָנען. די אָטעמלאָזע באַגינציקונג פון יעטוועדער דערנענטערונג צום ציל, די דעפּרימירטע אַנטוישונג בײַ יעדער מניעה צו דער טעקסועלער באַפרידיקונג איז דורכויס ווייבלעך און אוממענלעך; אָבער זי טרעט אויף בײַ דער פרוי גאַנץ אונטערשידלאָז לגבי יעטוועדן פאַל, וועלכער קאָן לויט זיין ריכטונג פירן צום געשלעכטס־אַקט, אַלציינס צי ס'איז נוגעווירקלעכע אָדער אויסגעטראַכטע פּערזאָנען.

שוין־זשע האָט מען קיינמאָל נישט נאָכגעטראַכט, אַלמאַי די פרויען פירן צונויף אַזוי גערן, אַזוי „אומאייגנוציק" אַנדערע פרויען מיט מענער? דער פאַרגעניגן, וואָס דאָס פאַרשאַפט זיי באַשטייט אין אַן אייגנטימלעכער אויפרייצונג דורכן געדאַנק פון פרעמדער סעקסועלער באַהעפטונג?

אָבער מיט דער שילדערונג פון עיקרדיקן שטאַנדפּונקט, אָן וועלכן עס האַלטן זיך די פרויען בײַם לייענען ביכער, האָבן מיר נאָך אויך נישט אויסגעשעפּט די פולע ברייט פון דער צונויפפּאָרעריי. ווען אין וואַרימע זומער־אָוונטן זוכן זיך די ליבעספּאָרלעך אַ באַהעלטעניש אויף די בענק פון שאָטנדיקע גערטנער, וועט אַ פאַרבייגייענדיקע פרוי תּמיד דאָרט מיט נייגעריקייט אַהינבליקן, אינדערצייט ווען דער מאַנסביל, וועלכער איז געצווונגען צו גיין דורך יענעם וועג, וועט זיך אָפּקערן מיט ווידערווילן, אין געפיל פון אָנגעגריפענער שעמעוודיקייט.

דאָסגלייכן דרייען זיך פרויען אום נאָך יעדן ליבעס-פּאָרל, וואָס זיי באַגעגענען אויף דער גאַס, פאַרפאָלגנדיק זיי מיט זייערע בליקן. דאָסדאָזיקע אַהינבליקן, דאָסדאָזיקע אומדרייען זיך איז נישט ווייניקער צונויפפאָרעריי, ווי דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן פריער אַרונטערגעצויגן אונטערן דאָזיקן באַגריף. דאָס, וואָס מען זעט אומגערן און מען וויל עס נישט, פון דעם קערט מען זיך אָפּ, און מען גלאָצט נישט אויס די אויגן דערויף; די פרויען האָבן דערפאַר ליב צו קוקן אויף אַ ליבעס-פּאָר און זיי פלוצלינג איבעררעאַשן באַם קושן און וויטערגייענדיקע ליבעס-צערטלעכישן, ווייל זיי ווילן די באַהעפטונג איבערהויפּט (נישט נאָר פאַר זיך).

מ׳ר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז דער מענטש לייגט נאָר אַכט אויף דעם, וואָס ווערט דורך אים פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט. די פרוי, וועלכע זעט צוויי ליבנדיקע באַזאַמען, וואַרט תמיד אויף דעם, וואָס וועט קומען, ד. ה. זי דערוואַרט עס, זי ריכט זיך דערויף, זי ווינשט עס. כ׳האָב געקענט אַ שוין פונלאַנג חתונה-געהאַטע פרוי, וועלכע האָט אָפּגעזאָגט פון דער שטעל דאָס דינסטמיידל צוליב דעם, וואָס די האָט אַריינגעלאָזט צו זיך אַ געליבטן; אָבער זי האָט צוערשט מיט לעבהאַפטיקן אָנטייל באַהאָרכט הינטער דער טיר דעם שמועס, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישן דער קעכין און איר ליבהאָבער. די פרוי האָט בכן אינערלעך אַפּראָבירט דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אירע אויגן, און דערנאָך ערשט באַשלאָסן זי אַרויסצוּוואַרפן אויפן גאַס. דאָס קאָן מען, פאַרשטייט זיך, דערקלערן מיט איר ווונטש אָפּצוהיטן די עלעמענטאַרע זיטלעכקייטס-באַגריפן, נאָר איך מיין, אַז דאָ האָט נישט די לעצטע ראָליע געשפּילט אויך דער מאָטיוו פון קנאה, אמת, אומבאַוווּסטזיניקער; דידאָזיקע דאַמע האָט נישט געקאָנט פאַרגינען די תענוג-שעהן פונם געליטענעם מיידל.

דער געדאַנק וועגן געשלעכטס-אַקט ווערט דורך די פרוי תמיד אנן אין יעדער פאָרם, אין וועלכער ער קאָן פאָרקומען (אפילו ווען ער קומט פאָר צווישן חיות), לעבהאַפטיק אונטערגענומען און קיינמאָל נישט אָפּגעשטויסן; זי פאַרניינט אים נישט, עמפינדט נישט קיין עקל פאַר דער עקלהאַפטיקער

זייט פון דאָזיקן פּראָצעס, זי באַמיט זיך נישט תּיכּף ליבערשט וועגן עפּעס אַנדערש צו טראַכטן. דידאָזיקע פאָרשטעלונג פאַרכאַפּט זי אינגאַנצן און באַשעפּטיקט זי ווייטער אַזוי לאַנג, ביז זי ווערט נישט פאַרביטן דורך אַנדערע דמיונות פון אַנאַלאָגישן סעקסועלן כאַראַקטער. דערמיט האָבן מיר באַשריבן אַ באַדייטנדיקן טייל פון פּסיכישן לעבן פון פרויען, וועלכעס גייט אָן באַ פיל פאַר אַזוי רעטענישפול. דאָס באַדערפעניש אַליין קאָטירט צו ווערן איז, אמת, דאָס העפטיקע באַדערפעניש פון דער פרוי, אָבער דאָס איז נאָר אַ ספּעציעלער פאַל פון איר טיפּסטן, איר אייגנציקן וויטאַלן אינטערעס, וועלכער איז געריכטעט אויפן קאָיטוס איבערהויפּט; פון דעם ווּנטש, אַז ס'זאָל מעגלעכסט פיל קאָטירט ווערן, אַלציינס דורך וועמען, ווּ און ווען.

דאָסדאָזיקע אַלגעמיינערע באַדערפעניש ריכטעט זיך אָדער מער אויפן אַקט גופא, אָדער מער אויפן קינד; אין ערשטן פאַל איז די פרוי זונה און צושאַנסערין צוליב דער בלויזער פאָרשטעלונג פונם אַקט; אין צווייטן איז זי מוטער, אָבער נישט נאָר מיטן ווּנטש צו ווערן אַליין מוטער; אין יעדער חתונה, וועלכע די פרוי קען אָדער ברענגט צושטאַנד, איז וואָס מער זי דערנענט זיך צו דער מוטער, אַלץ אויסשליסלעכער טראַכט זי וועגן דער געבורט פון אַ קינד: די עכטע מוטער איז אויך די עכטע באָבע (אַפילו ווען זי איז אַליין געבליבן אַ פריילין; כדאי צו דערמאָנען יאָהאַן טאַסמאַנס אומפאַרגלייכלעכע „מומע יוליע" אין איבסענס „העדדא גאַבלער"). יעדע פולשטענדיקע מוטער ווירקט פאַרן גאַנצן מין; זי איז מוטער פון דער גאַנצער מענטשהייט: יעדע שוואַנגערשאַפט ווערט דורך איר באַגריסט. די זונה וויל זען די אַנדערע פרויען נישט שוואַנגער, נאָר פּראָסטיטויִרט ווי זי גופא.

דער פאַקט, אַז די אייגענע סעקסואַליטעט פון די פרויען איז פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן איר צונויפפּירעריי-דראַנג און

שטעלט מיט זיך פאַר בלויז אַ ספּעציעלער פאַל פון לעצטן, אַנטפּלעקט זיך קלאָר אין איר פאַרהעלטעניש צו די באַווייבטע מענער. קיינזאַך איז די פרויען אַזוי נישט דערווידער — מחמת זיי זענען אַלע צונויפפּאָרערינס — ווי דער בחורישער שטאַנד פון מאַנסביל, און דערפאַר באַמיען זיי זיך אַלע אים חתונה צו מאַכן; איז ער אָבער שוין באַווייבטער, טאָ פאַרלירט ער פאַר זיי זייער פיל אין אינטערעס, אַפילו ווען ער האָט בא זיי פריער גאָר שטאַרק נושא חן געווען. אויך בעת זיי זענען שוין אַליין חתונה-געהאַטע, ווען יעדער מאַנסביל קומט שוין בכן מער נישט אין באַטראַכט פונם שטאַנדפּונקט פון א י י ג ע נ ע ר קודם-כל פאַרזאָרגונג און צוליב דעם טעם, ווי מ'וואָלט געקאָנט מיינען, דאַרף דער באַווייבטער מאַנסביל שוין נישט וועקן אין זיי קיין קנאַפּערע פאַראינטערעסירונג פאַרן בחור, אָבער אַפילו דאַן קאָקעטירן זיי אַלס אומטרייע פרויען כמעט קיינמאָל נישט מיט די מענער פון אַנדערע פרויען; סיידן ווען זיי ווילן פּייערן אַ נצחון איבער וועלכער פון זיי, אָפּשלאָגנדיק איר דעם מאַן. דורכדעם ווערט עס ערשט רעכט באַשטעטיקט, אַז די פרויען גייט עס נאָר אין דער צונויפּפּאָרעריי; מיט פאַרהייראַטע מענער ווערט דערפאַר אַזוי זעלטן דער חתונה-ברוך באַגאַנגען, מחמת זיי באַפרידיקן שוין פולשטענדיק די אידעע, וועלכע ליגט אין תוך פון דער צונויפּפּאָרעריי. די צונויפּפּירעריי איז די אַלגעמיינסטע אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער פרוי: דער ווילן צו ווערן שוואַנגער איז פיל שטאַרקער, איידער דער ווילן צו דער מוטערשאַפט, וועמעס אינטענסיווקייט און אומפאַנג מען שאַצט געוויינלעך אומגעהויער איבער.

פיל וועלן אפשר האַלטן פאַר איבערגעטריבן די באַדייטונג, וועלכע איך גיב צו דערדאָזיקער אין גלייכער מאָס קאָמישער און עקלהאַפטער דערשיינונג, ווי אויך דעם פּאַטאָס פון דער אָרגאַניזמענטאַציע — פאַר אוממאָטיווירט. מען דאַרף זיך אָבער פאַרשטעלן קלאָר, אין וואָס עס האַנדלט זיך. די צונויפּפּאָרעריי איז דייעניקע אייגנשאַפט, וועלכע הילט אָפּ אַמברייטסטן דעם גאַנצן מהות פון דער פרוי, און מען דאַרף נישט, ווי דאָס געשעט תמיד, זי בלויז צו נעמען צו קענטעניש און גלייך איבערגיין צו עפּעס אַנדערש, נאָר זיך באַמיען זי צו אַנאַליזירן

און באַגרינדן. געוויס איז דאָס אַן אַלגעמיין באַקאַנטער פאַקט, אַז „איטלעכע פרוי האָט ליב אַ קאַפּעטשקע „צונויפצופּאָרן". אָבער אַז גראָד דערין און נישט ערגיץ אַנדערש ליגט דער מהות פון דער פרוי, אָט וועגן וואָס עס גייט. נאָך רייפלעכער באַטראַכטונג פון די פאַרשידנסטע פרויען-טיפּן און באַריקזיכטונג פון נאָך ברייטערער ספּעציעלע, אַחוץ די דאָ שוין דורכגעפירטע קלאַסיפיקאַציעס, בין איך געקומען צו דעמדאָזיקן שלוס, אַז ס'איז אַבסאָלוט נישט פאַראַן קיין איין פּאָזיטיוו אַלגעמיין-ווייבלעכע אייגנשאַפט, אויסער דער „צונויפפּאָרעריי", דאָס איז די טעטיקייט אין דינסט פון דער אידעע פון געשלעכטס-אַקט איבערהויפּט.

יעדע דעפיניציע פון באַגריף פון ווייבלעכקייט, וועלכע וואָלט געזוכט איר מהות בלויז אין דעם ווונטש פון אייגענעם סעקסועלן פאַרקער, וועלכע וואָלט אין דער עכטער פרוי קיינזאַך נישט געהאַלטן פאַר עכט, אַחוץ דאָס באַדערפעניש פאַרגוואַלטיקט צו ווערן, וואָלט געווען צו ענג; יעדע ווידער דעפיניציע, אַז דער אינהאַלט פון דער פרוי איז דאָס קינד אָדער דער מאַן, אָדער זיי ביידע, וואָלט געווען צו ברייט. דער אַלגעמיינסטער און אייגנטלעכסטער מהות פון דער פרוי איז מיט דער צונויפפּאָרעריי, ד. ה. מיט דער מיסיע אין דינסט פון דער אידעע פון קערפּערלעכן פאַרקער, פולשטענדיק און אויסשעפּנדיק באַצייכנט. יעדע פרוי שדכנט; און דידאָזיקע אייגנשאַפט פון דער פרוי, צו זיין געזאַנדטע, מאַנדאַטאַרין פון דעם קאָיטוס-געדאַנק, איז אויך די איינציקע, וועלכע באַגלייט איר אין אַלע לעבנס-פעריאָדן און פאַרלאָזט זי נישט אַפילו נאָך דעם קלימאַקטעריום; די אַלטע פרוי פאַרשדכנט ווייטער, שוין נישט זיך, נאָר די אַנדערע. פאַרוואָס מען שטעלט זיך פאָר די אַלטע פרוי אַלס טיפּישע צונויפפּאָרערין, וועגן דעם איז שוין פריער גערעדט געוואָרן. דער באַרוף פון דער אַלטער שדכנטע איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס ווערט ערשט דערוואָרבן צוזאַמען מיט דער גראָער

זקנה, נאָר טאַקע דאָס, וואָס טרעט איצט אַליין אַרויס און פאַרבלייבט אַלס רעשט פון די פריערדיקע קאָמפּליקאַציעס דורך דעם אייגענעם באַדערפעניש: דאָס ריינע ווירקן אין דינסט פון דער אומריינער אידעע.

איך וועל זיך דאָ דערלויבן אונטערצופירן אַ סך־הכּל פון די אַלע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, צו וועלכע מיר זענען געקומען אין דער אונטערזוכונג פון דער סעקסואַליטעט פון דער פרוי. מיר האָבן געזען, אַז אַלע אינטערעסן אירע דרייען זיך אויסשליסלעך און אומאיבערייסלעך אין דער ספערע פון סעקסועלן לעבן, אַז אי קערפּערלעך, אי פּסיכיש איז זי אין איר גאַנצן מהות נישט עפּעס אַנדערש, ווי בלויז די סעקסואַליטעט גופא. ווייטער זענען מיר געקומען צום איבעראַשנדיקן רעזולטאַט, אַז די פרוי פילט זיך אומעטום, אויפן גאַנצן קערפּער און דורך אַלע אָן אויסנאַם זאַכן קאָיטירט. און פּונקט ווי דער גאַנצער קערפּער פון דער פרוי איז נאָר אַן אָפּהענגיקייט פון אירע געשלעכטס־אָרגאַנען, אַזוי אַנטפּלעקט זיך אויך אין איר דענקען די צענטראַלע שטעלונג פון דער קאָיטוס־אידעע. דער געשלעכטס־אַקט איז דער איינציקער ענין, וועלכן די פרוי שרייבט אומעטום און תּמיד צו אַן אומבאַדינגטן פּאָזיטיוון ווערט; די פרוי איז די טרעגערין פון דעם געדאַנק פון דער באַהעפטונג בכלל. די העכסטע אָפּשאַצונג פון דער באַהעפטונג דורך די פרוי באַגרעניצט זיך נישט אויף איין אינדיווידו, אויך נישט אויף דעם אָפּשאַצנדיקן אינדיוויד, זי איז נוגע אַלע וועזנס איבערהויפּט, זי איז נישט אינדיווידועל, נייערט איבעראינדיווידועל, איבער־אינדיווידועל, זי איז אַזויצוזאָגן — זאָל מען מיר מוחל זיין דעם חלול פון דאָזיקן וואָרט — די טראַנסצענדענטאַלע פונקציע פון דער פרוי. מחמת אויב ווייבלעכקייט איז צונויפּאָרעריי, טאָ איז ווייבלעכקייט אוניווערסאַלע סעקסואַליטעט. די באַהעפטונג איז דער העכסטער ווערט פון דער פרוי, זי באַמיט זיך אים תּמיד און

אומעטום צו פֿאַרווירקלעכן. איר אייגענע סעקסואַליטעט בילדעט נאָר אַ באַגרעניצטן טייל פֿון דאָזיקן אומבאַגרעניצטן באַגער.

דידאָזיקע שטרעבונג פֿון דער פֿרוי נאָך דער רעאַליזירונג פֿון געשלעכטלעכן פֿאַרקער איז אָבער אַזוי פֿאַלאַר להיפּכדיק צו דער העכסטער מענלעכער אָפּשאַצונג פֿון דער אומשולד און ריינקייט, וועמעס דערשיינונג עס דאַרף זיין יענע העכערע בתולהשאַפֿט. וועלכע דער מאַן אויס עראָטישן באַדערפֿעניש ווינשט און פֿאָדערט פֿון דער פֿרוי; זי אַזוי סתירהדיק מיטן דאָזיקן ריין מענלעכן אידעאַל פֿון צניעות, אַז דער מאַנסביל וואָלט עס געמוזט אומבאַדינגט, אַלס די אייגנטלעכסטע נאַטור פֿון דער פֿרוי, אַפֿילו דורך די געדיכטסטע ווייערדוואָלקנס פֿון עראָטישער אילוזיע גוט באַמערקן, ווען נישט איין פֿאַקטאָר, וואָס האָט זיך דאָ אַריינגעמישט, וואָלט נישט כּסדר געשטערט דערדאָזיקער קלאָרמאַכונג פֿון דער סיטואַציע. דערדאָזיקער אומשטאַנד, וועלכער רוקט זיך דאָ כּסדר אונטער, כּדי אָקעגנצווווירקן דעם איינבליק פֿון מאַנסביל אין דעם אַלגעמיינעם און אייגנטלעכן מהות פֿון דער ווייבלעכקייט, איז דער אַמייסטן קאָמפּליצירטער פּראָבלעם פֿון דער פֿרוי, איר תּהומיש טיפֿע ליגנערישקייט.

מיר וועלן יעצט צוטרעטן צו איר אַנאַליז. ווי שווער און ווי געוואגט עס זאָל נישט זיין דערדאָזיקער פּרווו, מוז ער סוף־כּל־סוף אונדז צופֿירן צו יענעם לעצטן שורש, פֿון וועלכן עס וואַקסט אַרויס הן די צונויפֿפּאָרעריי (אין ברייטסטן זינען, באַ וועלכן די אייגענע געשלעכטלעכקייט איז נאָר איר בולטערער ספּעציעלער פֿאַל), ווי אויך די ליגנערישקייט, וועלכע פֿאַרהילט תּמיד — אַפֿילו פֿאַר די אויגן פֿון דער פֿרוי אַליין! — דעם באַגער נאָך דער סעקסואַליטעט. דער אָפּשטאַם פֿון די ביידע דערשיינונגען פֿון דאָזיקן הויפּטוואָרצל דאַרף זיך זונג אַנטפּלעקן אין ליכט פֿון איין לעצטן פּרינציפּ.

דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אונז שוין אפשר אויסגעוויזן פאַר אַ זיכער געווינס, מוז איצט אויפסניי געשטעלט ווערן אין פראַגע. מיר האָבן אָפּגעזאָגט דער פרוי אין דער פעיקייט צו אויטאָאָבסערוואַציע; אָבער בלי-ספק זענען פאַראַן פרויען, וועלכע באַאָבאַכטן זייער שאַרף זייער אינערלעכן לעבן. די ליבע צום אמת איז זיי אָפּגעזאָגט געוואָרן; און דאָך קענען מיר פרויען, וועלכע מיידן פּעדאַנטיש אויס צו זאָגן אַ ליגנט. מיר האָבן באַהויפּט, אַז דאָס שולדבאַוווסטזיין איז זיי פרעמד. אָבער מיר ווייסן, אַז די פרויען זענען פעיק זיך צו מאַכן די העפטיקסטע פאָרווורפן צוליב די סאַמע קליינלעכסטע זאַכן; וואָס שייך ווידער די בעל-תשובהניצעס, וועלכע בייטשן זייער קערפּער, האָבן מיר שוין וועגן זיי געהאַט זיכערע ידיעות. מיר האָבן געזאָגט, אַז דאָס בושה-געפיל איז אייגנטימלעך נאָר דעם מאַנסביל; אָבער שוין-זשע זאָל דער אויסדרוק פון ווייבלעכער שעמעוודיקייט, פון יענער בושה, וואָס לויט האַמער-לינגען קען זי נאָר די פרוי, נישט האָבן אין דער דערפאַרונג עפּעס אַ יסוד, וועלכער זאָל עס דערמעגלעכן, און אַפילו באַגינסטיקן דאָס אויסטייטשן פון דער זאַך אויף אַזאַ אופן? און ווייטער: שוין-זשע זאָל טאַקע דער פרוי פעלן רעליגיעזישקייט, נישט געקוקט אויף די אַלע "religieuses„? שוין-זשע זאָל בּאַ איר זיין אויסגעשלאָסן שטרענגע זיטןרייַנקייט, נישט געקוקט אויף די אַלע טוגנטהאַפטע פרויען, וועגן וועלכע עס רעדן ליד און געשיכטע? זאָל די פרוי זיין בלויז סעקסועל און די סעקסואַליטעט אַליין זאָל בּאַ איר זיין אין הויכן ווערט, אינדערצייט ווען ס'איז אַלעמען באַקאַנט, אַז פיל פרויען זענען זיך שטאַרק מתרעם קעגן דעם מינדסטן רמז אויף סעקסועלע ענינים, אַז זי אַנטלויפט מיט פאַרביטערונג און עקל פון יעדן אָרט, ווו די צושאַנסטריי און אויסגעלאַסנקייט האָבן פאַרשפרייט זייערע נעצן, און נישט זעלטן האָבן די פרויען אַן עקל צו דעם געשלעכטס-אַקט אויך בנוגע זייער אייגענער פערזאָן און פאַרהאַלטן זיך לגבי אים פיל גלייכגילטיקער, איידער וועלכער ס'איז מאַנסביל?

ס'איז אַ גאַנץ באַשיימפערלעכע זאַך, אַז אין דידאַזיקע אַלע אַנטינאָמיעס האַנדלט זיך וועגן איין און דערזעלביקער

פראַגע, פון וועמעס לייזונג ס'איז אָפּהענגיק דער לעצטער און ענדגילטיקער אורטייל איבער דער פרוי. און ס'איז אויך קלאָר, אַז ווען אפילו נאָר איין איינציקע זייער ווייבלעכע פרוי זאָל זיין אַסעקסועל, אָדער זאָל שטיין אין אַן אמתדיקן פאַרהעלטעניש צו דער אידעע פון זיטלעכן אייגנווערט, וואָלט דאָס אַלץ, וואָס דאָ איז וועגן די פרויען געזאָגט געוואָרן, זיין אַלגעמיינע גילטיקייט אַלס פסיכישע כאַראַקטעריסטיק פון איר געשלעכט, געמוזט תיכף אָן רעטונג פאַרלוירן גיין, און צוזאַמען דערמיט וואָלט די גאַנצע פּאָזיציע פון דעם בוך מיט איין קלאַפּ פולשטענדיק אָפּגעווענדט געוואָרן. יענע לפנימדיקע סתירותדיקע דערשיינונגען מוזן באַפרידיקנדיק דערקלערט ווערן און מיר מוזן דערווייזן, אַז דאָס, וואָס ליגט אין זייער יסוד און רופט לייכט אַרויס די סאַמע צווייטייטיקסטע פירושים, פליסט אַרויס פון דערזעלביקער ווייבלעכער נאַטור, וועלכע ס'איז אונז ביז אַהער איבעראַל געלונגען אויפצווייזן.

מען דאַרף זיך קודם-כל דערמאָנען אָן די אומגעהויערע באַאיינפלוסבאַרקייט, ריכטיקער באַאיינדרוקבאַרקייט פון די פרויען, כדי צו דערגרייכן צום פאַרשטענדניש פון דידאָזיקע פלומרשטע סתירות. דידאָזיקע אויסערגעוויינלעכע צוגענגלעכקייט פון דער פרוי פאַר פרעמדס און די לייכטקייט, מיט וועלכער זי נעמט איבער די אָנשויונגען פון אַנדערע איז אין דאָזיקן בוך ביז איצט נאָכנישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן. פ טוליעט זיך צו מ פונקט אַזוי, ווי אַ פוטלאַר צו די אין אים אַנטהאַלטענע קאָסטבאַרקייטן, זיינע אָנשויונגען ווערן די איריקע, זיינע ליבלינגס-נייגונגען טיילן זיך איר מיט פונקט אַזוי ווי זיינע גאַנץ אינדיווידועלע אַנטיפּאַטיעס, יעדעס וואָרט פון אים איז פאַר איר אַ געשעעניש, און דאָס אַלץ שטאַרקער, וואָס מער ער ווירקט אויף איר סעקסועל. דעמדאָזיקן איינפלוס פון דעם מאַנסביל עמפינדט נישט די פרוי אַלס אַן אָפּלענקונג פון דער ליניע פון איר אייגענער אַנטוויקלונג, זי ווערט זיך נישט קעגן אים אַלס אַ פרעמדאַרטיקע

שטערונג, זי באמיט זיך נישט דערפון צו באפרייען אלס פון אן אנגריף אויף איר אינערלעכן לעבן, זי שעמט זיך נישט צו זיין אויפגעמעריש: פארקערט, זי פילט זיך נאר גליקלעך, ווען זי קאן עס זיין, און פארלאנגט פון דעם מאנסביל, אז ער זאל זי אויך אין גייסטיקער הינזיכט צווינגען צו דער אויפגעמערישער ראלע. זי שליסט זיך נאר תמיד גערן אן און איר ווארטן אויף דעם מאנסביל איז נאר דאס ווארטן אויף דעם אויגנבליק, אין וועלכן זי זאל קאנען זיין פולקאם פאסיוו.

אבער נישט נאר פון „ריכטיקן" מאנסביל (ווען אפילו פון אים אמליבסטן), אויך פון פאטער און מוטער, פעטער און מומע, ברידער און שוועסטערן, נאענטע קרובים און ווייטע באקאנטע נעמען די פרויען איבער דאס, אין וואס זיי גלויבן און וואס זיי דענקען, און זענען צופרידן, ווען אין זיי ווערט געשאפן עפעס א מיינונג. נישט בלויז אלס אומרייפע קינדער, נאר שוין אלס דערוואקסענע און התונה-געהאטע פרויען, מאכן זיי נאך איינאנדער אין אלעם, גלייך ווי דאס וואלט געווען גאנץ נאטירלעך, אנהויבנדיק פון א געשמאקפולער טואלעט און פריזור אדער פון אן אויפזען-דערוועקנדיקער פאזע, און ענדי־קנדיק מיט די געשעפטן, אין וועלכע זיי מאכן די איינקויפן, און די רעצעפטן, לויט וועלכע זיי קאכן. אויך דאסדאזיקע קעגנזייטיקע קאפירן געשעט אן דעם געפיל, אז דאס זאל זיי אין עפעס פוגע זיין: ווי דאס וואלט געמוזט זיין, וויבאלד זיי וואלטן באזעסן אן אינדיווידואליטעט, וועלכע שטרעבט צו פאלגן ריין נאר איר אייגן געזעץ. דער טעארעטישער אינהאלט פון דעם ווייבלעכן דענקען און האנדלען באשטייט הויפטזאכלעך פון איבערגענומענע און אן אויסוואל פאראייגנטע אנשויונגען פון אנדערע. די פרוי נעמט פלייסיק איבער דידאזיקע אנשוי־ונגען און האלט זיך אן זיי דאגמאטיש, מחמת קיין זעלב־שטענדיקע איבערצייגונג, וואס זאל זיין באגרינדעט אויף אביעק־טיווער באאבאכטונג פון די זאכן, איז זי נישט בכוח זיך אויס־צוארבעטן, און ממילא קאן זי זי אויך פרייווילליק נישט אויפגעבן צוליב א געענדערטן קוקווינקל. זי הויבט זיך קיינמאל נישט

אויף איבער איר געדאַנק; זי וויל אַז מ'זאָל איר אונטערטראָגן אַ פּאַרטיקע מיינונג, אָן וועלכער זאָל זיך קאָנען עקשנותדיק האַלטן. דערפאַר זענען די פרויען צום אומגעדולדיקסטן, ווען מענטשן זענען פוגע אין סאנקציאָנירטע זיטן און מנהגים, פון וואָסערן אינהאַלט ס'זאָלן נישט זיין דידאָזיקע אינסטיטוציעס. איך וויל דאָ ברענגען אַ געוויסן ביישפּיל, גענומען בײַ הערבערט ספּענסערן; דערדאָזיקער ביישפּיל איז, אין שייכות מיט דער פּרויען-באַוועגונג, באַזונדערס אַמיזאַנט. פּונקט ווי בײַ פּיל אינדיאַנער-שבטים פון צפון-און דרום-אַמעריקע, אַזוי גייען אויך בײַ די דאַקאָטן די מענער בלויז אויף געיעג און אויף דער מלחמה, אַרויפוואַרפנדיק אַלע נידריקע און זשמודנע באַשעפטיקונגען אויף זייערע ווייבער. אָבער די לעצטע באַקלאָגן זיך נישט, און פילן כּלל נישט זייער אונטערגעדריקטן מצב; זיי זענען, להיפך, אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק פון דער נאַטירלעכקייט און רעכטמעסיקייט פון דערדאָזיקער זאַכלאַגע, אַז אַ דאַקאָטאַ-פרוי קאָן נישט דער אַנדערער פרוי אָנטון קיין גרעסערן בזיון און פאַרשאַפן קיין ערגערע קרענקונג ווי די: „שענדלעכע פרוי... כ'האָב געזען דיין מאַן טראָגן האָלץ אין די וווינונג, כּדי צו מאַכן פייער. וווּ איז געווען זיין ווייב, אַז ער איז געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פרוי?"

דידאָזיקע באַשטימבאַרקייט פון דער פרוי דורך מחוץ איר ליגנדיקע פאַקטאָרן איז אין תּוך אידענטיש מיט דער סוגעסטיביליטעט, וועלכע איז באַדייטנדיק גרעסער און אויסנאַמסלאָזער, איידער די פון מאַנסביל. דאָס אַלץ אַנטשפּרעכט יענער פּאַסיווער ראָליע, וועלכע די פרוי שפּילט אַזוי גוט אין דעם געשלעכטס-אַקט גופא, ווי אין זיינע אַלע פּאָרסטאַדיעס*). דערין דריקט זיך אויס די אַלגעמיינע פּאַסיווקייט פון דער ווייבלעכער נאַטור, אַ דאַנק וועלכער די פרויען נעמען איבער און אַקצעפּטירן סוף-כּל-סוף אַפילו די מענלעכע ווערטונגען, צו וועלכע זיי האָבן לגמרי נישט קיין

*) דס ווענדיקע, פוילע, גרויסע איי ווערט דורכן באַוועגלעכן, קלייגעם, פלינקן ספּערמאַטאָצאָאָן אויפגעזוכט.

אורשפּינגלעך פּאַרהעלטעניש. דידאָזיקע אימפּרעגנירבאַרקייט לגבי די מענלעכע אָנשוויונגען, דידאָזיקע דורכדרינגונג פון אייגענעם געדאַנקען־לעבן פון דער פרוי מיט דעם פרעמדן עלעמענט, דידאָזיקע ליגנערישע אָנערקענונג פון דער זיטלעכקייט, וועלכע מען קאָן כלל נישט אָנרופן צביעות, מחמת זי האָט כלל נישט צו פאַרדעקן קיין אַנטימאָראַליש, דידאָזיקע פאַראייגענונג און אָנווענדונג פון די איר גאַנץ העטעראָנאָמע געבאָטן, קומט פאַר אין אַלגעמיין זייער גלאַטיק און קאָן לייכט אַרויסרופן דעם פאַרפירערישסטן שיין פון העכערער זיטלעכקייט. קאָמפּליקאַציעס קאָנען זיך ערשט דעמאָלט איינשטעלן, ווען עס קומט צו דער קאָליזיע מיט דער איינציק איינגעבוירענער, עכטער און אַלגעמיין־ווייבלעכער ווערטונג — מיט דער העכסטער ווערטונג פון געשלעכטס־אַקט.

די פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דעם געשלעכטלעכן פאַרקער אַלס דעם העכסטן ווערט איז בײַ דער פרוי אַ גאַנץ אומבאַוווסטזיניקע, מחמת דערדאָזיקער פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג שטעלט זיך נישט אַנטקעגן, ווי בײַם מאַנסביל, איר פאַרניינונג אַלס די אַנדערע מעגלעכקייט, עס פעלט דאָ די צווייהייט, וועלכע איז נויטווענדיק פאַר דער פיקסאַציע. קיין שום פרוי ווייסט נישט, האָט קיינמאָל נישט געוווסט און קאָן אויך צומאָל נישט וויסן, וואָס זי טוט אייגנטלעך, בעת זי פאַרמיטלט. ווייבלעכקייט גופא איז פולשטענדיק אידענטיש מיט צונויפפאָרעריי, און די וואָלט געמוזט קאָנען אַרויסגיין פון זיך, כדי צו באַמערקן און פאַרשטיין, אַז זי פאָרט. אַזוינאָך בלייבט די טיפסטע שטרעבונג פון דער פרוי, דאָס, וואָס באַטייט אייגנטלעך איר דאָזיין, תמיד פאַר איר אומבאַקאַנט. קיינזאַך שטערט בכן נישט, אַז די מענלעכע נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון דער סעקסואַליטעט זאָל פולשטענדיק פאַרדעקן אין באַוווסטזיין פון דער פרוי איר אייגענע פּאָזיטיווע. די אויפנעמבאַרקייט פון דער פרוי גייט אַזוי ווייט, אַז זי איז אימשטאַנד צו פאַרלייקענען יענעם איינציקן פּאָזיטיוון עלעמענט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר די אויסשליסלעכע נאַטור פון דער פרוי.

אָבער די ליגנט, וועלכע זי באַגייט, לאָזנדיק אין זיך

פאַרפלאַנצן דעם מענלעכן געזעלשאַפטלעכן אורטייל וועגן דער סעקסואַליטעט, וועגן דער בושהלאָזיקייט, יאָ, אַפילו וועגן דער ליגנט גופא, און פאַראייגנט זיך דעם מענלעכן מאָסשטאַב פון אַלע האַנדלונגען, די דאָזיקע ליגנט איז אַזאַ, וועלכע ווערט איר קיינמאָל נישט באַוווסטזיניק; זי באַקומט אַ צווייטע נאַטור, נישט פאָרפילנדיק צומאָל, אַז דאָס איז נישט איר עכטע נאַטור, זי נעמט זיך פאַר ערנסט, גלויבט עפעס צו זיין און צו גלויבן, איז איבערגעצייגט אין דער אויפריכטיקייט און אורשפרינגלעכקייט פון איר מאָראַלישן האַנדלען און אורטיילן: אַזוי טיף זיצט די ליגנט, די אָרגאַנישע, — כ'וואָלט, ווען ס'זאָל מיר דערלויבט זיין, אַמליבסטן געזאָגט: — די אָנטאָלאָגישע ליגנערישקייט פון דער פרוי.

וואָלפראַם פאָן עשענבאַך דערציילט וועגן זיין העלד:

„... Só keusch und rein
Ruht er bei seinor Königin,
Dass kein Genügen fänd darin
So manches Weib beim lieben Mann,
Dass doch so manche in Gedanken
Zur Üppigkeit will überschwanken,
Die Sonst sich spröde zeigen kann!
Vor Fremden züchtig sie erscheinen,
Doch ist des Herzens tiefstes Meinen
Das widerspiel vom äussern Schein".

וואָס איז דער טיפסטער געדאַנק פון ווייבלעכן האַרץ, דאָס האָט וואָלפראַם גענוג קלאָר אָנגעטייט. אָבער ער זאָגט נישט אַלץ. נישט נאָר די פרעמדע, אויך זיך גופא נאַרן זיי אין דאָזיקן פונקט. מען קאָן אָבער נישט אומבאַשטראָפט אונטערדריקן פונדרויסן די אייגענע נאַטור אויף אַזאַ אופן, און דערצו נאָך מיט קינסטלעכע מיטלען. די היגיענישע שטראָף פאַר די פאַרלייקענונג פון דער אייגנטלעכער נאַטור פון דער פרוי איז די היסטעריע.

פון אַלע נעוראָזן און פסיכאָזן שטעלן די היסטערישע דערשיינונגען דעם פסיכאָלאָג די כמעט רייצפולסטע אויפגאַבע; אַ ווייט שווערערע, און דערפאַר פאַרלאָקנדיקערע, איידער אַ מעלאַנכאָליע, וועלכע ס'איז לייכט אַליין איבערצולעבן, אָדער אַ פשוטע פאַראַנאָיאַ.

וואָס אַן אמת, האָבן כמעט אַלע פּסיכיאַטרן אַ נישט צו באַזייטיקנדיקן אומצוטרוי צו פסיכאָלאָגישע אַנאַליזן; יעדע דערקלערונג דורך פּאַטאָלאָגיש פאַרענדערטע געוועבן אָדער דורך אינטאָקסיקאַציעס אויפן פאַרדייונגס-וועג איז פאַר זיי a limine גלויבנסווירדיק, און נאָר דעם פסיכישן ווילן זיי נישט אָנערקענען קיין פּרימערע ווירקונג. היות אָבער ווי ס'איז נאָך ביז איצט נישט דערוויזן געוואָרן, אַז דעם פסיכישן עלעמענט מוז, גיכער ווי דעם פיזישן, צופאַלן די סעקונדערע ראָליע — יעטוועדעס פאַררופן זיך אויף די „דערהאַלטונג פון דער ענערגיע" איז דורך די מאָסגעביקסטע פיזיקער ענדגילטיק אָפּגעפרעגט געוואָרן — קאָנען מיר מיט ריינעם געוויסן אַריבערגיין איבערן דאָזיקן פאָראורטייל צו דער טאָג-אָרדענונג.

די אויפקלערונג פון „פסיכישן מעכאַניזם" פון דער היסטעריע קאָן וואַרפן אַ ליכט אויף פאַרשידענע זייטן פון דערדאָזיקער דערשיינונג, און אפשר גאָר אויף דער גאַנצער דערשיינונג*). אַז העכסט וואַרשיינלעך איז דערדאָזיקער וועג דער ריכטיקער, ווייזט דערויף אָן אויך דאָס, וואָס די ווינציקע ביזאַהעריקע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען אויפן געביט פון היסטעריע, זענען נישט אַנדערש געווינען געוואָרן: כ'האָב דאָ אויפן זינען די פאָרשונגען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון פּיער זשאַנע און אָסקאַר פאָגט, און באַזונדערס פון י. ברויער און ז. פרויד. יעדע ווייטערדיקע אויפקלערונג וועגן דער היסטעריע דאַרף מען זוכן אין דער ריכטונג, אויף וועלכער ס'האָבן אָנגעוויזן דידאָזיקע מענער: אין דער ריכטונג פון דער רעקאָנסטרוקציע פון פסיכאָלאָגישן פּראָצעס, וועלכער האָט געפירט צו דער קראַנקהייט.

סכעמאַטיש דאַרף מען זיך, ווי איך גלויב, פאָרשטעלן

*) ווייניקסטנס רעדט גאַרנישט קעגן דעם, און לטובת דעמדאָזיקן רעדט שוין דאָס, וואָס קיינער האָט נאָך נישט געזען קיין היסטעריש פאַרענדערט געוועב

איר אַנטשטייונג אויף אַזאַ אופן, אַנגעמענדיק אַ ס ע ק ס ו ע ל ע „טרוימאַטישע" איבערלעבעניש, אַלס די אָפּטסטע (לויט פ ר ו י ד ן אַ ל יי נ י ק ע) סיבה פון דעם קראַנק-ווערן: אַ פרוי האָט זיך געפונען אונטער וועלכן ס'איז סעקסועלן איינדרוק אָדער פאָר-שטעלונג, וואָס זי האָט אויפגענומען אין אַ געוויסן, גלייכן אָדער אוממיטלבאַרן פאַרהעלטעניש צו זיך. און אָט צעפלאַקערט זיך אין איר פסיכיק אַ קאָנפליקט. פון איין זייט וואַרפט זי אָפּ דידאָזיקע פאָרשטעלונג, איז זיך מתרעם קעגן איר און פילט זיך אומגליקלעך צוליב דער מענלעכער ווערטונג, וועלכע איז געגצלעך אַריינגעדרונגען אין איר וועזן, האָט זיך איינגע-פלאַנצט אין איר, איז איבערגעגאַנגען אין איר וואַכן באַוווסט-זיין אויף אַ באַהערשנדיקן אופן. פון דער אַנדער זייט ווירקט איר אייגענע נאַטור אין קעגנזעצלעכער ריכטונג: זי שאַצט פּאָזיטיוו דידאָזיקע פאָרשטעלונג, אַפּראָבירט, ווינשט זי אין איר פאַרבאָרגנסטער אומבאַוווסטזיניקער טיפעניש. דערדאָזיקער קאָנפליקט וואַקסט זיך ווייטער פונאַנדער און ברייזט אויף צייטנווייז אין אַן אָנפאַל. אָט אַזאַ פרזי שטעלט מיט זיך פאָר אַ מער אָדער ווייניקער טיפיש קראַנקהייטס-בילד פון דער היס-טעריע. דערמיט דערקלערט זיך, אַלמאי די קראַנקע עמפינדט דעם סעקסואַל-אַקט אַלס אַ „פ ר ע מ ד אַ ר ט י ק ן ק ע ר-פ ע ר אי ן ב אַ וו ו ס ט ז יי ן", יענער סעקסואַל-אַקט, וועלכן זי, לויט איר טיפער איבערצייגונג, שטויסט ענדגילטיק אָפּ, נאָר וועלכן עס פאָדערט פאַקטיש איר אורשפרינגלעכע נאַטור, דערדאָזיקער עפעס אין איר. די קאָלאָסאַלע אינטענסיווקייט פונם ווונטש, וועלכער שטייגערט זיך דורך יעדן פרווו פון אונ-טערדריקן אים, און צוזאַמען דערמיט די אַלץ העפטיקערע, באַ-ליידיקטערע פאַרניינונג פון געדאַנק וועגן געשלעכטס-אַקט — אָט איז דער אומבייט-שפּיל, וועלכער קומט פאָר אין דער היסטעריע. מחמת די כ ר אָ נ י ש ע ליגנערישקייט פון דער פרוי ווערט באַזונדערס שאַרף, ווען די זאַך איז נוגע דעם הויפּטפּונקט, ווען די פרוי דרינגט זיך דורך אויך מיט דער עטיש-נעגאַטיווער מענלעכער אָפּשאַצונג פון דער סעקסואַליטעט. און אַז די היסטערישע פרויען ווייזן אַרויס די שטאַרקסטע סוגעסטיביליטעט לגבי דעם מאַנסביל, איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך.

היסטעריע איז דער אָרגאַנישער קריזיס פון דער אָרגאַנישער ליגנערישקייט פון דער פרוי.

איך לייקן נישט, אַז ס'זענען פאַראַן אויך היסטערישע מענער, הגם פאַרהעלטנישמעסיק גענוג זעלטן נאָר: מחמת איינע צווישן די אומענדלעך פיל מעגלעכקייטן, וועלכע ליגן פסיכיש אין מאַנסביל, איז דאָס, וואָס ער קאָן ווערן פרוי, און דערמיט, אין געגעבענעם פאַל, אויך אַרונטערפאַלן דער היסטעריע. פאַראַן, אמת, אויך ליגנערישע מאַנסבילן; אָבער דאָ פאַרלויפט דער קריזיס אַנדערש (פונקט ווי אויך זייער ליגנערישקייט איז תמיד אַן אַנדערע, קיינמאָל נישט אַזאַ לחלוטין האָפנונגסלאָזע): ער פירט צו דער לייטערונג, הגם זייער אָפט אויף אַ גאַנץ קורצער וויילע נאָר.

דערדאָזיקער איינבליק אין דער אָרגאַנישער ליגנערישקייט פון דער פרוי, אין איר אומפעיקייט צום אמת איבער זיך גופא, וועלכע פירט זי צו אַן אופן פון דענקן, וואָס אַנטשפרעכט איר לגמרי נישט, שיינט מיר צו זיין אַ אין פרינציפ באַפרידיקנדיקע לייזונג פון יענע שוועריקייטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער עטיאָלאָגיע פון דער היסטעריע. ווייבאַלד די טוגנט פון דער פרוי זאָל זיין עכט, וואָלט זי נישט געקאָנט דורך איר ליידן; זי קומט נאָר אָפ פאַר דעם שקר קעגן דער אייגענער, אין ווירקלעכקייט אומאָפגעשוואַכטער קאָנסטיטוציע. אין איינצלנעם פאַרלאַנגט נאָך דאָ נישט איין זאַך אַ ווייטערדיקע אויפקלערונג און באַווייזן.

די היסטעריע ווייזט, אַז די ליגנערישקייט, ווי טיף זי זאָל נישט גרייכן, זיצט פאָרט נישט אַזוי פעסט, כדי אַלץ אַרויסצושטויסן. די פרוי האָט זיך פאַראייגנט אַ גאַנצן סיסטעם פון פרעמדע פאָרשטעלונגען און ווערטונגען דורך דערציונג אָדער פאַרקער, אָדער גיכער: אַ געהאָרכיקע, האָט זי זיי דערלויבט אויסצואיבן אויף איר יעטוועדן איינפלוס; און מען באַדאַרף אַ גאָר געוואַלטיקן אָנשטויס, כדי דעמדאָזיקן גרויסן, פעסט אין איר איינגעוואַקסענעם פסיכישן קאָמפלעקס אַרויסצוזעצן פון זאָטל און אַריינברענגען אַזויערנאָך די פרוי אין יענעם צושטאַנד פון אינטעלעקטועלער הילפלאָזיקייט, פון יענער

„אַבוליע", וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היסטעריע.

אַן אויסערגעוויינלעכער פּחד, למשל, קאָן דעמדאָזיקן קינסטלעכן בנין אומוואַרפן און מאַכן די פרוי צום שויפּלאַץ פון קאַמף צווישן דער איר אומבאַוווסטזיניקער, אַרויסגעשטויסענער נאַטור, און דעם טאָקע באַוווסטזיניקן, אָבער איר אומנאַטירלעכן גייסט. דאָס אַהין-און-אַהערגעוואָרפן-ווערן צווישן ביידן, וועלכעס הויבט זיך דעמאָלט אָן, דערקלערט יענע אויסערגעוויינלעך פּסיכישע אומהמשכותדיקייט אינדערצייט פון היסטערישן ליידן, דאָס כסדרדיקע בייטן זיך פון פאַרשידענע שטימונגען, פון וועלכע קיינע קאָן נישט ווערן אָנגעכאַפּט און פעסטגעהאַלטן, באַאָבאַכט און באַשריבן, דערקענט און באַקעמפט דורך איין איבער זיי אַלע נאָך דאָמינירנדיקן באַוווסטזיינס-קערן. דערמיט געפינט זיך אויך אין שייכות דאָס לייכטע אונטערגעבן זיך פון היסטערישע פּערזאָנען דער שרעק. דאָך לאָזט זיך משער זיין, אַז זייער פיל סיבות פון שרעק, וועלכע ליגן אָביעקטיוו זייער ווייט פון געשלעכטלעכן געביט, ווערן דורך זיי סעקסועל אַפּערציפּירט; ווער איז אָבער דאַן אימשטאַנד צו זאָגן, מיט וואָס-ושעס איז אין זיי פאַרבונדן דאָס שרעקהאַפטיקע אויסערלעכע איבערלעבעניש פון לפנים גאַנץ אַסעקסועלער נאַטור?

דאָס צוזאַמענזיין פון אַזויפיל סתירות אין היסטערישע פּערזאָנען האָט זיך תמיד אויסגעוויזן העכסט ווונדערבאַר. זיי צייכענען זיך אויס פון איין זייט מיט בולטן קריטישן פאַרשטאַנד און גרויסער אורטיילס-זיכערקייט, שטעלן זיך אַקעגן דער ווירקונג פון היפּנאָז א. א. וו. א. וו.; פון דער אַנדער זייט רעגן זיי זיך צום שטאַרקסטן אויף צוליב די קנאַפּסטע סיבות און זענען עלול אַריינצופאַלן אין טיפסטן היפּנאָטישן שלאָף. פון איין זייט ווייזן זיי זיך אונז אויס אומנאָרמאַל צניעותדיק, און פון דער אַנדערער — אומגעהויער זינלעך.

אָבער דאָס אַלץ לאָזט זיך שוין אָן שוועריקייטן דערקלערן. די גרינטלעכע ערלעכקייט, די פיינלעכע וואָרהייטס-ליבע, דאָס שטרענגע אויסמיידן פון אַלעם סעקסועלן, דער געזעצטער אורטייל און די ווילנס-קראַפט — ד אָ ס אַ ל ץ א י ז נ אָ ר

אַ טייל פון יענער פסעוודאָ-פערזענלעכקייט, וועמעס ראָליע די פרוי האָט אין איר פאַסיווקייט אונטערגענומען צו שפּילן לגבי זיך און דער גאַנצער וועלט. אַלץ, וואָס געהערט צו איר אורשפרינגלעכער נאַטור און ליגט אין איר גייסט, בילדעט יענע „אָפּגעשפּאָלטענע פערזאָן", יענע „אומבאַוווסטזיניקע פסיכע", וועלכע קאָן זיך אויסדריקן אין די סאַמע פאַרשידנאַרטיקע אויסגעלאַסנקייטן אָדער אונטערוואַרפן זיך דער סוגעסטיווער באַאיינפלוסונג מצד אַנדערע. אין די פאַקטן, וועלכע זענען באַקאַנט אונטערן נאָמען „dupdex" און „multiplex personality", „double conscience" און „טאָפּל-איך", האָט מען געוואָלט דערבליקן די שטאַרקסטע אַרגומענטן קעגן דער הנחה פון איין נשמה. אין ווירקלעכקייט ווייזן גראָד די דאָזיקע דערשיינונגען אַמבולטסטן דערויף, אַז און ווו מען קאָן רעדן וועגן איין נשמה. די „שפאַלטונגען פון דער פערזענלעכקייט" זענען טאַקע נאָר דאָרט מעגלעך, ווו ס'איז מתחילת אָן נישט פאַראַן קיין פערזענלעכקייט, ווי בא דער פרוי. אַלע יענע באַרימטע פאַלן, וועלכע זשאַנע האָט באַשריבן אין זיין בוך „L' Automatisme psychologique" באַציִען זיך אויף פרויען, און קיין איינציקער פון זיי נישט אויף אַ מאַנסביל. נאָר די פרוי, וועלכע באַזיצט נישט קיין נשמה און קיין אינטעליגיבלען איך, האָט נישט די קראַפט צו דערקענען אַלץ, וואָס ס'איז אין איר אַנטהאַלטן און אָנצוצינדן דאָס ליכט פון אמת אין איר אינערלעכקייט. נאָר זי קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שפּיל פון פרעמדן באַוווסטזיין, וועלכעס דרינגט אַריין פולשטענדיק פאַסיוו אין איר וועזן, און פון די רעגונגען, וועלכע ליגן טיף אין איר אייגענער נאַטור, לויט ווי ס'באַהויפט דאָס זשאַנע באַם באַשרייבן די היסטערישע צושטאַנדן. נאָר בא איר קאָן עס קומען צו אַזעלכע געדיכטע פאַרקליידונגען, צום אויפטרעטן פון דער האָפענונג אויף דעם קאָיטוס אַלס אַנגסט פאַר דעם אַקט, צו דער אינערלעכער מאַסקירונג פאַר זיך גופא און אַרומשפינונג פון

ווירקלעכן חשק, גלייך ווי מיט עפּעס אַן אומדורכדרינגלעכער קאַקאָן-הילע. די היסטעריע גופא איז דער באַנקראָט פון דעם אויפגעצווונגענעם אויסערלעכן פּסעוודאָ-איך; דערפאַר מאַכט זי טיילמאָל די פרוי אינערלעך כמעט צו אַ „Tabula rasa"[*]: מחמת יעטוועדער אייגענער דראַנג שיינט באַ איר צו זיין ווי אַוועקגערוימט („אַנאָרעקסיע"). אָבער דאָס דויערט אַזוי לאַנג, כּל-זמן עס באַווייזט זיך נישט די ווירקלעכע נאַטור פון דער פרוי, וועלכער פּראָטעסטירט ענדגילטיק קעגן דעם שקר פון איר היסטערישער פאַרלייקענונג. וויבאַלד דערדאָזיקער „choc nerveux" דידאָזיקע „פּסיכישע טראַומאַ" איז באמת אַן אַסעקסועל שרעקעניש, טאָ באַווייזט דאָס דערמיט גופא צום בעסטן די גאַנצע שוואַכקייט און אומדויערהאַפטיקייט פון דעם פאַראייגנטן איך, וועלכער פאַרשווינדט און שאַפט אַזוינאָך די מעגלעכקייט פאַרן אויסברוך פון דער עכטער נאַטור.

דאָס אויפטויכן פון דער לעצטער איז יענער „קעגנווילן" פּרוידס, וועלכער ווערט אָפּגעפילט אַלס עפּעס פולשטענדיק פרעמדס; פאַרן דאָזיקן „קעגנווילן" וויל זיך די קראַנקע שיצן, זוכנדיק אַ רעטונג באַ דעם אַלטן, איצט אָבער שוין שלאַבריק און ברעכעוודיק געוואָרענעם פּסעוודאָ-איך. די קראַנקע שטרעבט פונדעסטוועגן אָפּצושטויסן דעמדאָזיקן „קעגנווילן"; פריער האָט יענער אויסערלעכער צוואַנג, וועלכן די היסטעריקערין האָט אָפּגעפילט אַלס אַ חוב, אַרויסגעטריבן די אייגענע נאַטור פון איר באַוווסטזיינס-ספערע, זי פאַרדאַמט און געשמידט אין קייטן. איצט-זשע שטרעבט די פרוי צו אַנטרינען זיך פון די באַפרייטע און זיך אַרויסרייסנדיקע כוחות אין יענעם סיסטעם פון די דורך איר פאַראייגנטע פּרינציפּן, מיט וועמעס הילף זי האָפט צו פאַרטיליקן און אָפּצויאָגן פון זיך די ווירקונג פון די אומגעוווינטע נסיונות. אָבער דערדאָזיקער סיסטעם האָט שוין יעדנפאַלס פאַרלוירן זיין אַלייןהערשאַפט.

דער „פּרעמדאַרטיקער קערפּער אין באַוווסטזיין", דער „שלעכטער איך" איז אין ווירקלעכקייט איר אייגנסטע נאַטור, אינדערצייט

*) לײדיקער טאָוול.

ווען דאָס, וואָס זי האַלט פאַר איר אמתדיקן איך, איז גראָד די פּערזאָן, וועלכע זי איז געוואָרן אונטערן איינפלוס פון אַלע איר פרעמדע עלעמענטן. דער „פּרעמדאַרטיקער קערפּער" איז די סעקסואַליטעט, וועלכע די פרוי אָנערקענט נישט, וועמעס צוגעהעריקייט צו זיך זי וויל נישט אָנערקענען. אָבער זי איז שוין נישט אימשטאַנד איינצוהאַלטן דידאָזיקע סעקסואַליטעט, ווי פריער, בעת אַלע אירע אינסטינקטן האָבן זיך גערוישלאָז און ווי אויף תמיד צוריקגעצויגן לגבי דער איינוואַנדערנדיקער זיטלעכקייט. וואָס אַן אמת, קאָנען זיך אויך יעצט נאָך די מיט אויסערסטער אָנשטרענגונג אונטערגעדריקטע סעקסואַל-פאָרשטעלונגען „קאָנווערטירן" אין אַלע מעגלעכע צושטאַנדן און אַרויסרופן אַזויערנאָך יענעם פּראָטעוס-כאַראַקטער פון דער קראַנקייט, יענע איבערשפּרינגען פון אבר צו אבר, יענע אַלע נאָכמאַכנדיקע און קיינמאָל נישט באַשטענדיקע געשטאַלט, וואָס האָט תמיד אַזוי באַשווערט די דעפיניציע פון דער היסטעריע לויט איר סימפּטאָמען-בילד; אָבער אין קיין שום „קאָנווערסיע" קאָן שוין דער דראַנג געגנצלעך נישט צעגיין, מחמת ער פאַרלאַנגט פאַראויסערלעכונג, און אין קיין שום פאַרוואַנדלונג קאָן ער זיך שוין נישט אויסשעפּן.

די אומפעיקייט פון די פרויען צו דעם אמת — וואָס שייך מיר, שטייענדיק אויפן באָדן פון קאַנטישן אינדעטערמיניזם, באַטראַכט איך עס פאַר אַ פועל-יוצא פון זייער מאַנגל אין פרייען ווילן צום אמת — באַדינגט זייער ליגנערישקייט. ווער ס'איז אומגעגאַנגען מיט פרויען, דער ווייסט, ווי אָפט, אונטער דעם מאָמענטאַנעם צוואַנג אויף אַ פראַגע צו ענטפערן, גיבן זיי אָן אויפדערגיך די ערשטע בעסטע טעמים אויף דעם, וואָס זיי האָבן געזאָגט אָדער געטון. און אָט איז עס ריכטיק, אַז גראָד היסטערישע פרויען מיידן פיינלעכסט אויס יעטוועדע אומוואָרהייט (זיי טוען עס פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט אָן אַ געוויסער, דעמאָנסטראַטיווער כוונה לגבי פרעמדע); אָבער גראָד דערין ליגט, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, זייער ליגנערישקייט. מחמת זיי ווייסן נישט, אַז די גאַנצע

וואָרהייטס-פאָדערונג איז געקומען פונדרויסן און ביסלעכווייז אין
זיי איינגעפלאַנצט געוואָרן. זיי האָבן דעם פאָסטולאַט פון דער
זיטלעכקייט קנעכטיש אַקצעפּטירט און פונקט ווי אַן ערלעכער
שקלאַף גיבן זיי בא יעדער געלעגנהייט צו דערקענען, ווי גע-
טריי זיי פאָלגן אים. ס'איז תמיד זייער אויפפאַלנדיק, ווען
מ'הערט אָפט וועגן עמיצן איבערחזרן, סאַראַ אויסנעמלעך אָנ-
שטענדיקער מענטש ער איז: ער האָט דאָן זיכער דערפאַר גע-
זאָרגט, אַז מ'זאָל עס וויסן, און מ'קאָן זיך וועטן, אַז ער איז
בסתר אַ הולטאַי. עס קאָן נישט פאַרשטאַרקן דעם צוטרוי
צו דער עכטקייט פון דער היסטערישער מאָראַלישקייט, ווען
די דאָקטוירים (נאַטירלעך אין גוטן גלויבן) באַהויפּטן אַזוי
אָפט, ווי הויך זייערע פאַציענטן שטייען אין זיטלעכער הינזיכט.

איך חזור איבער: די היסטערישע סימולירן אומבאַוווסט-
זיניק; נאָר אונטער דעם איינפלוס פון דער סוגעסטיע קאָן פאַר זיי
קלאָר ווערן, אַז זיי האָבן פאַקטיש סימולירט, און נאָר אַזוינאָך
איז צו דערקלערן יעטוועדעס „מודה-זיין-זיך” אין סימולאַציע.
אזיסטן אָבער גלויבן זיי אין זייער איי-
גענער אויפריכטיקייט און מאָראַלישקייט:
אויך די יסורים, וועלכע זיי ליידן, זענען נישט קיין איינגע-
שמועסטע; להיפך, דער פאַקט, וואָס זיי פילן זיי ווירקלעך אָפּ,
און וואָס די סימפּטאָמען פאַרשווינדן ערשט צוליב דער
ברויערשער „kathastris” וועלכע ברענגט זיי מיט
דער הילף פון היפּנאָז ביסלעכווייז צום באַוווסטזיין די אמת-
דיקע סיבות פון דער קראַנקייט — דערדאָזיקער פאַקט דינט
פאַר אַ באַווייז פון אָרגאַנישן כאַראַקטער פון זייער ליגנעריש-
קייט.

אויך די זעלבסט-באַשולדיקונגען, וועלכע די היסטערישע
זענען געוויינט אַזוי הויך אַרויסצוזאָגן, זענען נישט עפּעס אַנ-
דערש, ווי אומבאַוווסטזיניקע צביעות. אַ שולד-געפיל קאָן נישט
זיין עכט, וויבאַלד עס שפּרייט זיך גלייכמעסיק אויס אויף
קלענסטע ווי אויף גרעסטע זאַכן; וויבאַלד די היסטערישע
זעלבסטפּייניקער וואָלטן פאַרמאָגט אַ באַשטימטע מאָס פון זיט-
לעכקייט אין זיך און פון זיך גופא, וואָלטן זיי נישט גע-
ווען אַזוי אומאיבערקלייבעריש אין זייערע זעלבסטבאַשולדיקונגען

און וואָלטן זיך נישט פאַררעכנט די מינדסטע עבֿרה שוין פאַר אַ גלייך שווערע שולד ווי דעם גרעסטן חטא.

דער אַנטשיידנדיקער צייכן פאַר דער אומבאַוווסטזיניקער ליגנערישקייט פון זייערע זעלבסט-פאָרווורפן איז דער אופן, אין וועלכן זיי זענען געוווינט פאַר אַנדערע מענטשן צו דערציילן, ווי שלעכט זיי זענען, סאַראַ זינד זיי זענען באַגאַנגען, און פרעגן יענע, צי זיי אַליין (די היסטערישע) זענען נישט קיין דורכויס פאַרלוירענע באַשעפענישן. וועמען דער געוויסנפּיין דערדריקט באמת, דער קאָן אַזוי נישט רעדן. דאָס איז אַ טעות, פון וועלכן ס'זענען באַזונדערס געפאַלן אַ קרבן ברויער און פרויד, פאָרשטעלנדיק גראָד די היסטעריקער אַלס באַדייטנדיק זיטלעכע מענטשן. מחמת זיי האָבן אין אַ פולשטענדיקערער מאָס, ווי אַנדערע, געלאָזט זיך פונדרויסן אָנוואַרפן אַ זיי אורשפּרינגלעך פרעמדן עלעמענט פון זיטלעכקייט. דעמדאָזיקן קאָדעקס וואַרפן זיי זיך שקלאַוויש אונטער, זיי פּרוּוון שוין נישט קיינזאַך זעלבשטענדיק, זיי וועגן שוין מער אין איינצלנעם קיינזאַך נישט. דאָס קאָן זייער לייכט אַרויסרופן דעם איינדרוק פון שטרענגן זיטלעכן ריגאָריזם, און איז דאָך אַזוי אומזיטלעך, ווי ס'קאָן נאָר זיין, מחמת ס'איז די העכסטע שטופע, וואָס די העטעראָנאָמיע קאָן בכלל דערגרייכן. צום זיטלעכן ציל פון אַ סאָציאַלער עטיק, פאַר וועלכן די ליגנט איז קוים אַ פאַרברעכן, ווײַבאַלד זי נוצט דער געזעלשאַפט אָדער דעם מין, צום דאָזיקן אידעאַלן מענטשן פון אַזאַ העטעראָנאָמישער מאָראַל שטייען די היסטערישע פּערזאָנען אפשר נענטער, איידער וועלכע ס'איז אַנדערע וועזנס. די היסטערישע פרוי איז דער פּראָבירשטיין פון דער אוטיליטאַרער און סאָציאַלער עטיק: אַזוי גוט געבעטיש, מחמת די זיטלעכע פאָרשריפטן זענען איר געקומען פונדרויסן; ווי אויך פּראַקטיש, מחמת איר האַנדלונג קאָן זיך אַמלייכטסטן אויסווייזן אַלטרויסטיש: די פליכטן לגבי אַנדערע זענען נישט פאַר איר קיין באַזונדערער פאַל פון דער פליכט לגבי זיך גופא.

וואָס געטרייער די היסטערישע גלויבן זיך צו האַלטן אָן דער וואָרהייט, אַלץ טיפער זיצט זייער ליגנערישקייט. איר

פולשטענדיקע אומפעיקייט צו דער אייגענער וואָרהייט, צו דער
וואָרהייט איבער זיך — די היסטערישע דענקען קיינמאָל נישט
נאָך איבער זיך און ווילן נאָר, אַז דער אַנדערער זאָל איבער
זיי נאָכדענקען, זיי ווילן זיי פּאַראינטערעסירן —
איז קענטיק שוין דערפון, וואָס די היסטערישע שטעלן מיט
זיך פאָר די בעסטע מעדיומס פאַר יעטוועדן היפּנאָז. ווער אָבער
עס לאָזט זיך פאַרהיפּנאָטיזירן, דער באַגייט די אומזיטלעכסטע
האַנדלונג, וואָס איז נאָר דענקבאַר. ער גיט זיך אָפּ אין דער
פולשטענדיקסטער שקלאַווערײַ: ער איז מוותר אויף זיין ווילן,
אויף זיין באַוווסטזיין, איבער אים געווינט דער אַנדערער מאַכט
און רופט אין אים אַרויס יענץ באַוווסטזיין, וועלכעס ער גע-
פינט גראָד פאַר פּאַסיק. אַזוינאָך ליפערט דער היפּנאָז דעם
באַווייז, ווי יעטוועדע מעגלעכקייט פון אמת איז אָפּהענ-
גיק דערפון, צי מען וויל דעם אמת, דאָס הייסט אָבער, צי
מען וויל זיך גופא: ווער עס באַקומט אין היפּנאָז עפּעס אַ
באַפעל, פירט ער אים אויס שוין באַם וואַכן באַוווסטזיין;
אָבער דאַן, אויף דער פראַגע מכוח די סיבות פון אַזאַ טאַט,
טראַכט ער אויס אויפן אָרט וועלכן ס'איז באַליביקן מאָטיוו
דערפאַר. יאָ, נישט נאָר פאַר אַנדערע, אויך פאַר זיך גופא
רעכטפאַרטיקט ער מיט אַ גאַנץ פונם פינגער אויסגעזויגענער
דערקלערונג, אַלמאַי ער האָט אַזוי געהאַנדלט. מען האָט דאָ
אַזויצוזאָגן אַן עקספּערימענטאַלע באַשטעטיקונג פון דער קאַנ-
טישער עטיק. ווײַבאַלד דער היפּנאָטיזירטער וואָלט געווען בלויז
אָן דערינערונג, וואָלט ער זיך געמוזט איבערשרעקן, וואָס ער
ווייסט נישט, אַלמאַי ער טוט די אָדער יענע זאַך. אָבער ער
געפינט זיך אוים אָן שווערקייט אַ נייעם מאָטיוו, וועלכער האָט
מיטן אמתדיקן גרונט פון זיין האַנדלונג גאָרנישט צו טון.
מחמת ער האָט טאַקע מוותר געווען אויף זיין ווילן און דער-
מיט גופא פאַרלוירן די פעיקייט צום אמת.

אַלע פרויען זענען צום היפּנאָטיזירן און ווילן גערן היפּ-
נאָטיזירט ווערן; צום לייכטסטן אָבער און צום שטאַרקסטן—די
היסטערישע פרויען. אַפילו דאָס געדעכעניש פאַר באַשטימטע
זאַכן פון זייער לעבן קאָן מען — מחמת דער איך, דער ווילן,
שאַפט דאָס געדעכעניש — באַ פרויען דורך די פשוטע

סוגעסטיע, אַז זיי ווייסן שוין מער פון זיי גאָרנישט, אויסלעשן און פאַרניכטן.

יענץ ב ר ו י ע ר ש ע „אָפּרעאַגירן" פון די פסיכישע קאָנפליקטן דורכן היפּנאָטיזירטן פּאַציענט ליפערט דעם אומדערשיטערלעכן באַווייז, אַז זיין שולדבאַוווסטזיין איז נישט קיין אורשפּרינגלעכס. ווער עס האָט זיך איינמאָל דערפילט שולדיק, וועט זיך פון דאָזיקן געפיל קיינמאָל פולשטענדיק נישט באַפרייען, ווי די היסטערישע אונטערן בלויזן איינפלוס פון פרעמדן וואָרט.

אָבער אַפילו דאָסדאָזיקע לפּנימדיקע צוציען זיך צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט דורך די היסטערישע פרויען הערט אויף מיטן מאָמענט, ווען די נאַטור, דאָס סעקסועלע באַגערן, דראָט דורכצורייסן די אילוזאָרישע קייטן. בעת דעם היסטערישן פּאַראָקסיזם קומט נישט פאָר אין דער פרוי עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס נישט גלויבנדיק שוין מער זיך אַזוי גענצלעך ווי פריער, באַמיט זי זיך כסדר צו פאַרזיכערן: דאָס וויל א י ך כלל נישט, דאָס וויל עמיץ, דאָס פאַרלאַנגט עפּעס אַ פ ר ע מ ד ע ר פ ו ן מ י ר, אָבער איך וויל עס נישט. יעדע רעגונג פון אַנדערע מענטשן פאַרבינדט זי מיט יענעם, ווי זי מיינט, פונדרויסן אָנגעוואָרפענעם פאַרלאַנג; אין תוך אָבער פּליסט דערדאָזיקער פאַרלאַנג אַרויס פון איר אייגענער נאַטור און אַנטשפּרעכט פולשטענדיק אירע טיפסטע ווונטשן; נאָר דערפאַר קאָן מען די היסטערישע בעתן אָנפאַל אַזוי לייכט דורך דער מינדסטער זאַך אַרויסברענגען פון די כלים. עס האַנדלט זיך דאָ תמיד וועגן דעם לעצטן ליגנערישן אָפּשטויס פון דער מיט אומגעהויערער קראַפט פרייווערנדיקער נאַטור; די „attitudes passionnelles" פון די היסטערישע זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַזאַ דעמאָנסטראַטיווע אָפּשטויסונג פון סעקסואַל־אַקט, וועלכע מוז דערפאַר זיין אַזוי הויך, ווייל זי איז טאַקע דאָך אומעכט און דעריבער אויף אַזויפיל ליאַרמענדיקער ווי פריער, ווייל די געפאַר איז גרעסער*). דערפון איז לייכט צו באַגרייפן, אַלמאַי די

*) צוליבן דאָזיקן טעם לאָזן זיך די פרויען מיט אַזאַ באַזונדער רעלייכטקייט (לויט זשאַנע) פון היסטערישן אָנפאַל איבערפירן אין סאָמנאַמבוליזם: מחמת גראָד דעמאָלט שטייען זיי שוין אונטער דעם באַצווינגדיקסטן איינפלוס פון פרעמדער מאַכט.

שאַרפע פאָרם פון היסטעריע שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָליע אין די מעגלעכסטע סעקסועלע איבערלעבענישן, וועלכע זענען מקדים דעם פעריאָד פון געשלעכטלעכער רייפקייט. אויפן קינד לאָזט זיך דער איינפלוס פון פרעמדע מאָראַלישע אָנשויונגען לייכט אויסאיבן, נישט האָבנדיק גובר צו זיין קיין באַדייטנדיקן ווידערשטאַנד אין די נאָך כמעט גענצלעך דרעמלענדיקע סעקסועלע באַגערן. אָבער די אמתדיקע נאַטור — אָפּגעשטויסן אויפן הינטערשטן פּלאַן, אָבער נישט באַזיגט — רופט אַרויס אויפסניי צום לעבן דאָס אַלטע איבערלעבעניש, וועלכע האָט באַקומען שוין דעמאָלט אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג, נישט באַזיצנדיק קיין גענוגנדיקע קראַפט דורכצופירן און אויפצוהיטן עס אין וואכן באַוווסטזיין. איצט טרעט דאָסדאָזיקע איבערלעבעניש אויף אין זיין גאַנצער פאַרפירערישקייט. איצט איז שוין שווער צו דערווייטערן דאָסדאָזיקע אמתע באַדערפעניש פון דעם וואַכן באַוווסטזיין, און דערפאַר טרעט איין דער קריזיס. דער פאַקט, וואָס דער היסטערישער אָנפאַל גופא קאָן זיך אויסדריקן אין אַזויפיל פאַרשידענע פאָרמען און זיך כסדר פאַרוואַנדלען אין אַ ניי סימפּטאָמען-בילד, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער אורשפּרונג פונם ליידן איז נישט *דערקענט*, וואָס דער אינדיווידואום אָנערקענט דאָ נישט די עקזיסטענץ פון סעקסועלן באַגער, קוקנדיק דערויף ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס גייט נישט אַרויס פון אים גופא, נאָר פון אַן אַנדערן, פון זיין צווייטן איך.

דאָס אָבער איז אויך דער גרונטפעלער פון אַלע דאָקטוירים, וועלכע באַאָבאַכטן די היסטעריע, וואָס זיי לאָזן זיך פון די היסטערישע דערין תמיד פונקט אַזוי אָפּנאַרן, ווי דידאָזיקע ווילן זיך יעדנפאַלס אַליין איינשמועסן*). *נישט דער אָפּווערנדיקער איך, נאָר דער אָפּגעווערטער איך איז די אייגענע, אמתדיקע און*

---

*) גאַנץ אויבערפלעכלעך איז זי אַלטע מיינונג, אַז די היסטעריקערין סימולירט באַוווסטזיניק און דערציילט ליגנערישע געשיכטעס. די ליגנערישקייט פון דער פרוי שטעקט גענצלעך אין אומבאַוווסטזיניקן; צו דעם אייגנטלעכן שקר, אויף וויפל ער בילדעט אַ קעגנזאַץ צו דער מעגלעכקייט פון אמת, איז די פרוי לגמרי נישט פעיק.

אורשפּרינגלעכע נאַטור פון די היס-טעריקערינס, ווי שטאַרק זיי זאָלן זיך נישט באַמיען איינצושמועסן זיך און אַנדערע, אַז דערדאָזיקער איך איז זיי פולשטענדיק פרעמד. וויבאַלד דער אָפּוועזנדיקער איך וואָלט געווען זייער אייגענערווירקלעכער איך, דאַן וואָלטן זיי זיך געקאָנט אַקעגנשטעלן דעם זיי פרעמדן נסיון, באַוווסטזיניק אָפּ-צושאַצן אים און אָפּשטויסן מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט, פאַרפיקסירן אים געדאַנקלעך און יעדעס מאָל דערקענען. אַזוי אָבער קומט פאָר אַ מאַסקירונג, ווייל דער אָפּוועזנדיקער איך איז נאָר אויסגעבאָרגט, און דערפאַר פעלט דער מוט צו קוקן דעם אייגענעם ווונטש אין די אויגן, וועגן וועלכן מ׳האָט פאָרט עפּעס אַן אומקלאָר געפיל, אַז ער איז דער עכטגעבוירענער, דער אַליין מעכטיקער. דערפאַר קאָן יענץ באַגערן אויך נישט בלייבן אידענטיש, מחמת עס פעלט דאָ די אידענטישקייט פון סוביעקט; און היות ווי דערדאָזיקער ווונטש דאַרף ווערן אונ-טערגעדריקט, שפּרינגט עס אַזויצוזאָגן איבער פון איין קער-פערטייל אויפן אַנדערן. מחמת די ליגנט איז פילגעשטאַלטיק, זי נעמט כסדר אָן נייע פאָרמען. מען וועט דעמדאָזיקן דער-קלערונגס-פּרווו אפשר האַלטן פאַר מיטאָלאָגיש; אָבער דאָס ווייניקסטנס שיינט צו זיין זיכער, אַז מיר האָבן כסדר צו טון מיט איינס און דעמזעלביקן, וואָס טרעט אויף אַמאָל אַלס קאָנ-טראַקטור, דאַן פּלוצלינג ווידער אַלס העמיאַנעסטעזיע, און לסוף גאָר אַלס ליימונג. דידאָזיקע דערשיינונג איז טאַקע דאָס, וואָס די היסטעריקערין וויל בשום אופן נישט אָנערקענען אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס געהערט צו איר; אָבער טאַקע אַדאַנק אַזאַ פאַר-לייקענונג פאַלט זי אַרונטער דער מאַכט פון דערדאָזיקער דער-שיינונג: מחמת וויבאַלד זי וואָלט עס זיך צוגעשריבן און עס באַאורטיילט, פּונקט ווי זי שרייבט זיך אגב צו אַלע אַנדערע אומבאַדייטנדיקסטע זאַכן, וואָלט זי שוין געשטאַנען דערמיט גופא ערגיץ מחוץ און איבער איר איבערלעבעניש. גראָד דער שגעון און רוגזה פון די היסטעריקערינס קעגן עפּעס, וואָס זיי עמפּינדן אַ״ס פרעמדן ווילן, הגם ער איז איר אייגנסטער, ווייזט, אַז זיי שטייען פאַקטיש פּונקט אַזוי שקלאַוויש אונטער דער שליטה פון דער סעקסואַליטעט, ווי די נישט-היסטערישע

פרויען: אז זיי זענען פונקט אזוי געבענדיקט דורך זייער שיקזאַ, נישט האָבנדיק גאָרנישט, וואָס זאָל שטיין איבער אים: נישט פאַרמאָגנדיק קיין צייטלאָזן, אינטעליגיבלען, פרייען איך.

מען וועט דאָ מיט רעכט שטעלן די פראַגע, אַלמאַי זענען נישט אַלע פרויען היסטעריש, אינדערצייט ווען אַלע זענען דאָך ליגנעריש. דידאָזיקע פראַגע באַרירט דעם ענין פון היסטערישער קאָנסטיטוציע. וויבאַלד די דאָ אַנטוויקלטע טעאָריע איז טרעפלעך, מוז זי אויך דערויף קאָנען געבן אַן ענטפער, וועלכער זאָל שטימען מיט דער ווירקלעכקייט. די היסטערישע פרוי איז לויט איר די-יעניקע, וועלכע האָט אין פּאַסיווער הכנעה זיך פשוט פאַראייגנט דעם קאָמפּלעקס פון מענלעכע און געזעלשאַפטלעכע ווערטונגען, אַנשטאָט צו לאָזן איר זינלעכער נאַטור אַ מעגלעכסט פרייען לויף. די נישט פאָלגעוודיקע פרוי וועט בכן זיין דער היפך פון דער היסטעריקערין. איך וויל דערביי נישט לאַנג פאַרזוימען, ווייל דאָס געהערט אייגנטלעך צו דער ספּעציעלער ווייבלעכער כאַראַקטעראָלאָגיע. די היסטערישע פרוי ווערט היסטעריש אַלס פועל-יוצא פון איר קנעכטישקייט, זי איז אידענטיש מיט דעם גייסטיקן טיפּ פון דער משרתטע; איר היפך, די אַבסאָלוט אומהיסטערישע פרוי (וועלכע, אַלס אַ אידעע, עקזיסטירט נישט אין דער דערפאַרונג), וואָלט געווען די אַבסאָלוטע מעגערע. מחמת אויך דאָס בילדעט אַן איינטיילונגס-יסוד פון אַלע פרויען. די משרתטע דינט, די מעגערע הערשט*). צום דינסטמיידל קאָן און מוז מען געבוירן זיין, און עס אייגנט זיך דערצו זייער גוט נישט איין פרוי, וועלכע איז גענוג פאַרמעגלעך, כדי נישט צו זיין געצוווּנגען זיך אָפּצוגעבן דעמדאָזיקן פאַך. משרתטע און מעגערע שטייען תמיד אין אַ געוויסן דערגאַנצונגס-פאַרהעלטעניש**).

---

*) אויך צווישן די מענער געפינען זיך אַנאַלאָגיעס דערצו: פאַראַן געבוירענע דינערס, פאַראַן אָבער אויך מענלעכע מעגערן, צ. ב. פּאָליציאַנטן. מער-קווירדיקערווייז געפינט דער פּאָליציימאַן אין אַלגעמיין אויך זיין סעקסועלע דערגאַנצונג אינם דינסטמיידל.

**) די אַבסאָלוטע מעגערע וועט קיינמאָל נישט פרעגן איר מאַן, וואָס ער זאָל טון, וואָס זי זאָל צ. ב. קאָכן, די היסטעריקערין איז תמיד אומבאַהאָלפן און פאַרלאַנגט די אינספּיראַציע פונדרויסן; זאָל דאָס דאָ דינען פאַרן באַנאַלסטן סימן, לויט וועלכן מען קאָן ביידע דערקענען.

די פּאָלגן, וועלכע פליסן אַרויס פון דערדאָזיקער טעאָריע, ווערן פולשטענדיק באַשטעטיקט דורך די דערפאַרונג. די קסאַנטיפּע איז יענע פרוי, וועלכע האָט אין תוך אַמווייניקסטן ענלעכקייט מיט דער היסטעריקערין. זי לאָזט איר רוגזה (וועלכע שטאַמט אויך בלי-ספק פון מאַנגלהאַפטער סעקסועלער באַפרידיקונג) אויס אויף אַנדערע, די היסטערישע שקלאַווין—אויף זיך גופא. די מעגערע „האַסט" די אַנדערע, די משרתטע „האַסט" „זיך". אַלץ, וואָס עס דריקט דער מעגערע, באַקומט דער אַנדערער מענטש צו שפּירן; זי וויינט פונקט אַזוי לייכט ווי די משרתטע, אָבער איר געוויין איז תמיד געווענדט צו אַנדערע. די שקלאַווין שלאָכצט אויך אַליין, נישט זייענדיק, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל איינזאַם — מחמת איינזאַמקייט וואָלט דאָך געווען אידענטיש מיט זיטלעכקייט און באַדינג פון יעטוועדער אמתדיקער צווייזאַמקייט און מערזאַמקייט; די מעגערע פאַרטראָגט נישט דאָס אַליינזיין, זי מוז איר צאָרן אויף עמיצן מחוץ זיך אויסלאָזן, אינדערצייט ווען די היסטעריקערין פאַרפאָלגט זיך גופא. די מעגערע לייגט אָפן און פרעך, אָבער נישט וויסנדיק וועגן דעם, ווייל זי גלויבט פון נאַטור תמיד צו זיין גערעכט; דערפאַר באַזידלט זי נאָך דעם אַנדערן, וועלכער דערווידערט איר. דאָס דינסטמיידל האַלט זיך געהאָרכיק אָן דער איר פון נאַטור פונקט אַזוי פרעמדער וואָרהייטס-פאָדערונג; די ליגנערישקייט פון דערדאָזיקער אונטערטעניקער הכנעה קומט אין איר היסטעריע אויף דער ליכטשיין: דאַן נעמלעך, ווען עס אַנטשטייט דער קאָנפליקט מיט אירע אייגענע סעקסועלע ווונטשן. צוליב דערדאָזיקער רעצעפּציע און אַלגעמיינער אויפנעמלעכקייט האָט די היסטעריע און די היסטערישע פרוי געמוזט אַזוי אויספירלעך אַרומגערעדט ווערן: דערדאָזיקער טיפּ, און נישט די מעגערע, איז עס, וואָס וואָלט מיר נאָך לסוף געקאָנט אַקעגנגעהאַלטן ווערן*).

*) דאָס דינסטמיידל, און נישט די מעגערע, איז אויך יענע פרוי, וועגן וועלכער מ'האָלט, אַנטקעגן דעם עלפטן קאַפּיטל, געקאָנט זאָגן, אַז זי איז פעיק צו דער ליבע. די ליבע פון דערדאָזיקער פרוי איז אָבער נאָר דער פּראָצעס פון גייסטיקער אָנפילונג מיט דער מעגלעכקייט פון אַ באַשטימטן מאַנסביל און דערפאַר נאָר בײַ דער היסטעריקערין מעגלעך; מיט אייגנטלעכער ליבע

ליגנערישקייט, אָרגאַנישע ליגנערישקייט, כאַראַקטעריזירט אָבער ביידע און דערמיט אַלע פרויען בכלל. ס'איז גאַנץ נישט ריכטיק, ווען מען זאָגט, אַז די ווייבער לייגן, מחמת דאָס וואָלט געהייסן, אַז זיי זאָגן אויך טיילמאָל דעם אמת. גלייך ווי אויפריכטיקייט, pro foro interno et externe, וואָלט נישט געווען גראָד די טוגנט, צו וועלכער די פרויען זענען אַבסאָלוט אומפעיק, וועלכע איז פאַר זיי לגמרי אוממעגלעך! עס האַנדלט זיך דערין, אַז מ'זאָל איינזען, ווי אַ פרוי איז אין איר גאַנצן לעבן קיינמאָל נישט אמתדיק, אַפילו, יאָ גראָד דאַן נישט, ווען זי, ווי די היסטעריקערין, האַלט זיך שקלאַוויש אָן דעם פאַר איר העטעראָנאָמישן וואָרהייטס-געבאָט און זאָגט אַזוינאָך אויסערלעך דאָך די וואָרהייט.

אַ פרוי קאָן אויף פאַרלאַנג לאַכן, וויינען, פאַררויטלען זיך; יאָ, זי קאָן אַפילו אויף פאַרלאַנג שלעכט אויסזען: די מעגערע, ווען זי וויל עס צוליב עפעס אַ צוועק; די משרתטע, ווען עס פאַרלאַנגט דאָס דער אויסערלעכער צוואַנג, וועלכער באַהערשט זי אָן איר וויסן. צו אַזאַ ליגנערישקייט פעלן דעם מאַנסביל באַשיימפערלעך אויך די אָרגאַנישע, פיזיאָלאָגישע תנאים.

וויבאַלד די וואָרהייטס-ליבע פון דאָזיקן פרויען-טיפּ איז נאָר אַלס די איר אייגנטלעכע פאָרם פון דער ליגנערישקייט דעמאַסקירט געוואָרן, טאָ קאָן מען לכתחילה דערוואַרטן, אַז נישט בעסער שטייט די זאַך אויך מיט די אַנדערע מעלות, וועלכע מען רימט אין דער פרוי. באַזונדערס ווערט גערימט איר שעמעוודיקייט, איר זעלבסט-באַאָבאַכטונג, איר רעליגיעזישקייט. אָבער די ווייבלעכע שעמעוודיקייט איז אָבער נישט עפעס אַנדערש ווי פרודעריע, ד. ה. אַ דעמאָנסטראַטיווע פאַר-

---

האָט זי גאָרנישט און קאָן גאָרנישט האָבן צו טון. אויך אין דער שעמעוודיקייט פון דער פרוי שטעקט אַזאַ געפּענטעט-זיין דורך אין מאַנסביל; ערשט דורכ דעם קומט צושטאַנד דאָס איבעררייסן מיט אַלע אַנדערע מענער,

לייקענונג און אָפּווער פון דער אייגענער אומצניעותדיקייט. ווי־ ערגיץ מ'האָט באַ אַ פרוי באַמערקט אַזוינס, וואָס גייט אָן פאַר שעמעוודיקייט, דאָרט איז אויך שוין, אין גענוי אַנטש־ פּרעכנדיקער מאָס, היסטעריע פאַראַן. די גאַנץ אומהיסטערישע, די גענצלעך אומבאַאיינפלוסבאַרע פרוי, ד. ה. די אַבסאָלוטע מעגערע, וועט נישט רויט ווערן, אַפילו ווען דער מאַנסביל זאָל איר מאַכן דעם סאַמע באַרעכטיקטן פאָרוואָרף; אַן אָנהויב פון היסטעריע איז פאַראַן, ווען די פרוי פאַררויטלט זיך אונטער דעם אוממיטלבאַרן איינדרוק פון דעם מענלעכן פאָרוואָרף; פולקאָם היסטעריש איז זי אָבער ערשט, וויבאַלד זי פאַררויטלט זיך אויך דאַן, ווען זי איז אַליין און ווען קיין פרעמדער מענטש איז נישט אָנוועזנדיק: מחמת דאַן ערשט איז זי אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיטן אַנדערן מענטש, דורכגעזאַפּט מיט דער מענלעכער ווערטונג.

פרויען, וועלכע זענען נאָענט צום צושטאַנד, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען סעקסועלע אַנעסטעזיע אָדער קילקייט, זענען, ווי כ'קאָן דאָס באַהויפּטן אין הסכּם מיט די אויספירן פון פּ אָ ל ס אָ ל י ע, תמיד היסטעריקערינס. די סעקסועלע אַנעסטעזיע איז טאַקע נאָר איינע פון די פיל היסטערישע, ד. ה. אומוואָרע, פאַרלייקנטע אַנעסטעזיעס. איז דאָך, באַזונדערס אַדאַנק די עקספּערימענטן פון אָסקאַר פאָגט, באַקאַנט, אַז אַזעלכע אַנעסטעזיעס באַטייטן נישט קיין ווירקלעכן מאַנגל פון עמפּינדונג, נייערט אַ געוויסן צוואַנג, וועלכער דערווייטערט און באַזייטיקט פון באַוווסטזיין געוויסע עמפּינדונגען. וויבאַלד מען וועט דעם אַנעסטעזירטן אָרעם פון אַ היפּנאָטיזירטער שטעכן באַליביק אָפט און הייסן דעם מעדיום אַרויסזאָגן יענע צאָל, וועלכע וועט אים גלייכצייטיק איינפאַלן, טאָ וועט ער אָנרופן די צאָל פון די שטעכן, וועלכע ער האָט אין זיין (דעם „סאָמנאַמבולן") צושטאַנד, באַשיימפּערלעך אונטער דער קראַפט פון אַ באַשטימטן געבאָט, נישט געדאַרפט פּערציפּירן. אַזוי איז אויך די סעקסועלע קאַלטקייט אַנטשטאַנען אויף אַ קאָמענדע: דורך די צווינגענדיקע קראַפט פון דער אימפּרעגנאַציע מיט אַן אַסעקסועלער, פון דער סביבה אויף דער אויפנעמלעכער פרוי איבערגעגאַנגענער לעבנס־אָנשויונג; אָבער ווי יעטוועדע אַנעס־

טעזיע לאָזט זיך אויך דידאַזיקע דורך אַ גענוג שטאַרקן באַפעל ווידער באַזייטיקן.

פונקט אַזוי ווי מיט דער אייגענער קערפערלעכער אומעמפינדלעכקייט לגבי דעם געשלעכטס-אַקט פאַרהאַלט עס זיך מיט דעם עקל צו געשלעכטלעכקייט איבערהויפט. אַזאַ מין עקל, אַן אינטענסיווע אָפנייגונג קעגן יעטוועדן סעקסועלן, ווערט דורך געוויסע פרויען באמת עמפינדן, און מ'וואָלט געקאָנט גלויבן, אַז דאָ ליגט אַן אינסטאַנץ קעגן דער אַלגעמיינער גילטיקייט פון צונויפפאָרעריי און קעגן איר אידענטיפיצירונג מיט דער ווייבלעכקייט בכלל. פרויען, וועלכע קאָנען קראַנק ווערן דערפון, וואָס זיי האָבן אומגעריכט באַגעגנט אַ פּאָרל אין געשלעכטס-פאַרקער, זענען אָבער תמיד היסטעריקערינס. אַזוינאָך ווייזט זיך דאָ בכן אַרויס אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן די ריכטיקייט פון דער טעאָריע, וועלכע באַטראַכט די פאַרמיטלעריי פאַרן מהות פון דער פרוי, און איר אייגענע סעקסואַליטעט פאַר אַ באַזונדערן פאַל נאָר פון דער פאַרמיטלעריי: אַ פרוי קאָן אַריינפאַלן אין היסטעריע נישט בלויז דורך אַ סעקסועלן אַטענטאַט, וועלכער איז אויף איר אויסגעפירט געוואָרן, און קעגן וועלכן זי האָט זיך אויסערלעך געווערט, נישט פאַרגייענדיק אים אינערלעך, נאָר אויך דורך דעם אָנבליק פון עפעס אַ קאָיטירנדיקער פּאָר; וואָס אַן אמת, גלויבט זי, אַז זי שאַצט אָפּ דעמדאָזיקן אַקט פון דער נעגאַטיווער זייט, אָבער איר איינגעבוירענע גינציקייט פאַר אים ברעכט זיך מעכטיק דורך דורך אַלעם אָנגענומענעם און קינסטלעכן, דורך דעם גאַנצן איר אויפגעצוווּנגענעם און איינגעפלאַנצן דענק-אופן, אין וועמעס גייסט זי פילט געוויינלעך אָפּ. מחמת זי פילט אויך צוזאַמען מיט דער סעקסועלער פאַרייניקונג פון אַנדערע נאָר זיך גופא קאָיטירט.

עפעס ענלעכס לאָזט זיך זאָגן וועגן דעם שוין קריטיזירטן היסטערישן „שולדבאַוווסטזיין". די אַבסאָלוטע מעגערע פילט זיך בכלל קיינמאָל נישט שולדיק, די לייכט היסטערישע פרוי נאָר אין קעגנוואַרט פונם מאַנסביל, די גאַנץ היסטערישע פאַר יעדן מאַנסביל, וועלכער האָט באַקומען די ענדגילטיקע שליטה איבער איר אינערלעכער וועלט. מען דאַרף נישט ברענגען אַלס ביישפּיל די זעלבסטבייטשונגען פון די קלויסטער-

שוועסטערס און בעל-תשובהניצעס, כדי צו באַווייזן דאָס שולדגעפיל פון די פרויען. גראָד די עקסטרעמע פאָרמען, וועלכע עס נעמט דאָ אָן די זעלבסט-באַשטראָפונג, מאַכן זיי פאַרדעכטיק. די זעלבסטבייטשונג באַווייזט אין די מייסטן פאַלן בלי-ספק נאָר דאָס, אַז דער מענטש שטייט נישט איבער זיין טאַט, אַז ער האָט זי נישט גענומען אויף זיך שוין דורכן שולדבאַוווסטזיין; זי שיינט גיכער צו זיין אַ פּרווו אָנצוּוואַרפן זיך פונדרויסן די חרטה, וועלכע מען עמפינדט דאָך נישט גאַנץ אינערלעך און איר אַזוינאָך צו געבן די קראַפט, וועלכע זי האָט נישט אין זיך גופא.

אָבער מיט וואָס אונטערשיידט זיך דאָסדאָזיקע היסטע־רישע שולדבאַוווסטזיין פון דעם אמתדיק מענלעכן אופן פון אַריינדרינגען אין זיך, און ווי אַזוי אַנטשטייען די זעלבסטפאַר־ווורפן פון דער היסטעריקערין — דאָס איז אַ געגוג וויכטיקער ענין און פאָדערט אַ גענויע באַהאַנדלונג. וויבאַלד אַזאַ פרוי באַמערקט אין זיך, אַז זי האָט עובר געוועזן מיט עפּעס אויף דער זיטלעכקייט, דאַן קאָריגירט זי זיך לויט דעם קאָדעקס, באַמיט זיך אים צו זיין געהאָרכיק און נכנעדיק דערוועקן אין זיך אָנשטאָט דעם אומזיטלעכן ווונטש דאָס געפיל, וועלכעס יענער שרייבט פאָר. זי פאַלט קיינמאָל נישט אויפן געדאַנק: דאָ שטעקט עפּעס אַ טיפע, אינערלעכע, דויערנדיקע נטיה צום פאַר־ברעכן; זי איבערשרעקט זיך נישט דערפון, דרינגט נישט אַריין אין זיך, כדי זיך דערפון אָפּצוגעבן אַ קלאָרן חשבון און זיך געגעלעך דערין צו אָריענטירן; נאָר זי פאַסט זיך גענוי צו פונקט באַ פונקט צו דער זיטלעכקייט; דאָ קומט נישט פאָר קיין אומוואַנדלונג, וואָס דרינגט אַרויס פונם גאַנצן, פון דער אידעע, נאָר אַ פאַרבעסערונג פון פונקט צו פונקט, פון פאַל צו פאַל. אין דער פרוי שאַפט זיך דער מאָראַלישער כאַראַקטער שטיק־לעכווייז; באַם מאַן, וויבאַלד ער איז גוט, פליסט די מאָראַלישע האַנדלונג אַרויס פון מאָראַלישן כאַראַקטער. דאָ ווערט, אין פאַל פון אַ שבועה, דער גאַנצער מענטש איבערגעאַרבעט; אַלץ, וואָס קאָן נאָר געשען פונאינעווייניק, געשעט, כדי צו דער־מעגלעכן דעם איבערגאַנג צו אַ דענק-אופן, וואָס קאָן אַליין פירן צו אַן עכטער הייליקייט, נישט צו קיין קינסטלעכער.

דערפאַר איז די זיטלעכקייט פון דער פרוי נישט פּראָדוקטיוו און באַווייזט טאַקע דורכדעם, אַז זי איז אומזיטלעכקייט, מחמת בלויז די עטיק איז שעפּעריש; זי אַליין איז שאַפונג פון אייביקן אינם מענטשן. דערפאַר זענען אויך די היסטערישע פרויען נישט ווירקלעך געניאַל, הגם אויסערלעך וואָלט זיך געקאָנט אויסווייזן גאַנץ אַנדערש (די הייליקע טערעזע); געניאַליטעט איז טאַקע נאָר העכסטע גוטסקייט, זיטלעכקייט, וועלכע עמפינדט יעטוועדע גרעניץ אַלס שוואַכקייט און שולד, אַלס אומפולקאָמענהייט אין פּחדנות.

דערמיט שטייט אויך אין שייכות דער אָפט איבערגעחזרטער טעות, אַז די פרויען זאָלן כלומרשט האָבן אַ רעליגיעזע נטיה. די ווייבלעכע מיסטיק, אויף וויפל זי גייט אַריבער די גרעניצן פון פשוטן אָבערגלויבן, איז אָדער אַ זאַנפט פאַרהילטע סעקסואַליטעט, ווי בײַ די צאָלרייכע ספּיריטיסטינס און טעאָזאָפינס — דידאָזיקע אידענטיפיקאַציע פון געליבטן מיט דער גאָטהייט איז דורך דיכטער פילפאַכיק באַהאַנדלט געוואָרן, באַזונדערס דורך מאָפּאַסאַן, אין וועמעס בעסטן ראָמאַן קריסטוס נעמט אָן אין די אויגן פון דער פרוי פון באַנקיר וואַלטער די שטריכן פון „Bel-ami“ און נאָך אים דורך גערהאַרט הויפּטמאַן אין „האַנעלעס הימלנסיעה“, — אָדער מיר האָבן דאָ צו טון מיט דעם אַנדערן פאַל, אַז אויך די רעליגיעזישקייט נעמט די פרוי פּאַסיוו און אומבאַוווסטזיניק איבער, און אַלץ קראַמפּהאַפטער באַמיט זי זיך זי פעסטצוהאַלטן, וואָס שטאַרקער די אייגענע נאַטירלעכע באַדערפענישן שטעלן זיך איר אַנטקעגן. אַט ווערט דער געליבטער צום דערלייזער; באַלד ווידער (ווי ס'איז באַקאַנט, בײַ זייער פיל נאָנעס) דער דערלייזער צום געליבטן. אַלע גרויסע וויזיאָנערינס, וועלכע זענען באַקאַנט פון דער געשיכטע (פרג. I טייל), זענען געווען היסטעריש; די באַרימטסטע צווישן זיי, די הייליקע טערעזע, האָט מען נישט מיט אומרעכט אָנגערופן „די שוץ-הייליקע פון דער היסטעריע“. וויבאַלד איבעריקנס די רעליגיעזישקייט פון די פרויען וואָלט געווען עכט, און געקומען בײַ זיי פון אַן אינערלעכקייט, דאַן וואָלטן זיי געקאָנט יאָ, אַפילו געמוזט זיין אויף אַ געוויסן

אופן רעליגיעז שעפעריש; זיי זענען עס אָבער קיינמאָל נישט געווען אין מינדסטן צומאָל. מען וועט פאַרשטיין, וואָס איך מיין, ווײַבאַלד כ׳וועל דעם אייגנטלעכן אונטערשיד צווישן מענלעכן און ווײַבלעכן אַני-מאמין אַזוי אויסדריקן: די רעליגיעזישקייט פון מאַן איז העכסטער גלויבן **אין זיך גופא**, די רעליגיעזישקייט פון דער פרוי — העכסטער גלויבן **אין דעם אַנדערן**.

אַזוינאָך בלײַבט נאָר נאָך די זעלבסט-באַאָבאַכטונג, וועלכע ווערט בײַ די היסטעריקערינס אָפט באַצייכנט אַלס אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט. אַז אָבער דאָס איז נאָר דער מאַנסביל, וועלכער איז אַזוי ווייט אַרײַנגעדרונגען אין דער פרוי. אַז אפילו אין איר באַאָבאַכט ער נאָך, דרינגט אַרויס קלאָר פון דעם אופן, ווי פּאַגט האָט, אין ווייטערער און גענויערער אַנווענדונג פון די צוערשט דורך **פרוידן** אונטערגענומענע פּרוּוון, אויפגעצווונגען אין **היפּנאָז-צושטאַנד** די אויטאָאָבסערוואַציע. דער פרעמדער מענלעכער ווילן **שאַפט** דורך זיין אײַנפלוס **אין דער היפּנאָטיזירטער פרוי אַ זעלבסטבאַאָבאַכטער**, מיט דער הילף פון אַרויסרופן אַ צושטאַנד פון „סיסטעמאַטיש פאַרשמעלטן וואַכזיין". אָבער אויך מחוץ דער סוגעסטיע, אין געזונטן לעבן פון די היסטעריקערינס, איז עס נאָר דער מאַן, מיט וועמען זיי זענען אימפּרעגנירט, וועלכער באַאָבאַכט אין זיי. אַזוי איז אויך יעטוועדע מענטשן-קענטעניש פון די פרויען דורכויס אימפּרעגנאַציע מיט דעם ריכטיק באַאורטיילנדיקן מאַנסביל. אין פּאַראָקסיזם פאַרשווינדט דידאָזיקע קינסטלעכע אויטאָאָבסערוואַציע אונטערן דרוק פון דער זיך דורכרייסנדיקער אמתדיקער נאַטור.

גאַנץ אַזוי שטייט די זאַך אויך מיט דער **העלזעריי** פון היסטערישע מעדיומס, וועלכעס קומט בלי-ספק פאָר און האָט פּונקט אַזוי ווייניק צו טון מיטן ספּיריטיסטישן אָקולטיזם, ווי די היפּנאָטישע דערשײַנונגען, פּונקט ווי **פּאַגטס** פּאַציענטינס האָבן אונטער דעם ענערגישן ווילן פון דעם סוגעסטיאָנער געקאָנט זיך גופא אויסגעצייכנט אָבסערווירן, אַזוי ווערט אויך די העלזעערין אונטער דעם אײַנפלוס פון דער דראָענדיקער שטים פון אַ מאַנסביל, וועלכער איז בכוח זי צו אַלעם צו

צווינגען, פעיק צו טעלעפּאַטישע מעשים און לייענט פון אַ ווייטן מרחק געהאָרכיק מיט פאַרבונדענע אויגן די כתב-ידן אין די הענט פון פרעמדע מענטשן, וועגן וועלכן כ'האָב אין מינכען אַליין געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן. מחמת אין דער פרוי באַגעגנט נישט דער ווילן צום גוטן און אמתן אַזאַ ווידערשטאַנד אין געשטאַלט פון שטאַרקע, אומאויסראָטבאַרע ליידנשאַפטן, ווי דאָס געשעט באַם מאַנסביל. דער מענלעכער ווילן האָט איבער דער פרוי מער מאַכט, איידער איבער דעם מאַנסביל: ער קאָן אין דער פרוי עפּעס פאַרווירקלעכן, וועלכן עס שטעלט זיך אַנטקעגן אין דער אייגענער גייסטיקער וועלט אַ גאַנצע מענגע זאַכן.

אין דעם מאַנסביל ווירקט אַן אַנטימאָראַלישער און אַנטי-לאָגישער עלעמענט אַנטקעגן דער אויסלייטערונג, ער וויל קיינמאָל נישט בלויז די דערקענטעניש אַליין, נאָר תמיד עפּעס אַנדערש. איבער דער פרוי קאָן דער מענלעכער ווילן געווינען אַזאַ פולשטענדיקע שליטה, אַז ער מאַכט זי אַפילו העלזעעוודיק, און אַלע גרעניצן פון דער זינלעכקייט פאַלן פאַר איר אַוועק.

דערפאַר איז די פרוי גיכער טעלעפּאַטיש, איידער דער מאַנסביל, דערפאַר קאָן זי זיך אויסווייזן מער זינדלאָז פאַר אים, דערפאַר טוט זי אויף אַלס זעערין מער פאַר אים, פאַרשטייט זיך, נאָר אין דעם פאַל, ווען זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מעדיום, ד. ה. אין אַן אָביעקט, אויף וועלכן דער מענלעכער ווילן צום גוטן און אמתדיקן פאַרווירקלעכט זיך צום לייכטסטן און פולקאָמסטן. אויך די וואַלאַ קאָן ווערן וויסנדיק; אָבער ערשט דאַן, ווען זי איז דורך וואָטאַנען באַצווונגען. זי קומט אים דערין אַנטקעגן; מחמת איר איינציקע ליידנשאַפט איז טאַקע דאָס, וואָס זי וויל זיין געצווונגען.

די טעמע פון דער היסטעריע איז דערמיט, אויף וויפל זי האָט געמוזט באַרירט ווערן פאַרן צוועק פון דערדאָזיקער אונטערזוכונג, אויך אויסגעשעפּט. יענע פרויען, וועלכע ווערן געבראַכט אַלס באַווייז פון דער ווייבלעכער זיטלעכקייט, זענען תמיד היסטעריקערינס, און גראַד אין זייער פאָלגן דער

זיטלעכקייט, אין זייער האַנדלען לויטן מאָראַלישן געזעץ (גלייך ווי דאָסדאָזיקע געזעץ וואָלט געווען דאָס געזעץ פון זייער פערזענלעכקייט ! ניין, דאָ געשעט עס פּונקט פאַרקערט: דאָס געזעץ האָט זיי באַהערשט, נישט רעכענענדיק זיך מיט זייער פערזענלעכקייט, און פולשטענדיק אַריינגעדרונגען אין דעם מהות פון דער פרוי), ליגט די ליגנערישקייט פון דער פרוי, די אומזיטלעכקייט פון דערדאָזיקער זיטלעכקייט. די היסטערישע קאָנסטיטוציע איז אַ לעכערלעכע מימיקרי פון דער מענלעכער נשמה, אַ פּאַראָדיע אויף דער ווילנס-פרייהייט, וואָס די פרוי פּאָזירט פאַר זיך גופא אין דעמזעלביקן אויגנבליק, ווען זי פאַלט אַמשטאַרקסטן אַרונטער דעם מענלעכן איינפלוס. אויך די העכסטשטייענדיקע פרויען זענען טאַקע היסטעריקערינס, הגם די אונטערדריקונג פון דער אינסטינקטיווער סעקסואַליטעט, וועלכעס דערהויבט זיי איבער אַנדערע פרויען, פליסט כּלל נישט אַרויס פון זייער אייגענער זיגערישער קראַפט אין מוטיקן קאַמף מיט אַ צום שטרייט געצוווּנגענעם קעגנער. אין די היסטערישע פרויען איז זיך נוקם ווייניקסטנס זייער אייגענע ליגנערישקייט, און אויף אַזויפיל קאָן מען זיי באַטראַכטן פאַר אַ געוויסן, הגם זייער געפעלשטן סוראָגאַט פון יענער טראַגיק, צו וועלכער עס פעלט בכלל דער פרוי יעטוועדע פעיקייט.

די פרוי איז אומפריי: זי ווערט סוף-כּל-סוף תּמיד באַצוווּנגען דורכן באַדערפעניש פאַרגוואַלטיקט צו ווערן דורכן מאַנסביל אין איר אייגענער פערזאָן ווי אויך אין דער פערזאָן פון אַלע אַנדערע; זי געפינט זיך תּמיד אונטערן כּישוף פון דעם פאַלוס און ס׳איז נישטאָ פאַר איר קיין רעטונג פון זיין פאַטאַלער ווירקונג אַפילו אין דעם פאַל, ווען די זאַך דערגייט נישט צום געשלעכטלעכן פאַרקער. דאָס העכסטע, צו וועלכן אַ פרוי קאָן דערגרייכן, איז אַ טויב געפיל פון דערדאָזיקער אומפרייהייט, אַ טונקעלע אַנונג פון אַ פאַטום, וואָס הענגט איבער איר — דאָס קאָן משמעות נאָר זיין דער לעצטער שימער פון פרייען אינטעליגיבלען סוביעקט, דער קאַרגער רעשט פון איינגעבוירענער מענלעכקייט, וועלכע דערלויבט איר דורכן קאָנטראַסט, הגם אין אַ זייער שוואַכן גראַד, צו עמפינדן דידאָזיקע נויטווענדיקייט: נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע

פרוי. אָבער אַ קלאָר באַוווּסטזיין פון איר גורל און דעם צוואַנג, אונטער וועלכן זי שטייט, איז באַ דער פרוי אוממעגלעך: נאָר דער פרייער מענטש דערקענט אַ פּאַטום, מחמת ער איז נישט איינגעפּלאָכטן אין דער נויטווענדיקייט, נאָר ווייניקסטנס מיט איין טייל פון זיין וועזן, וועלכע איז צוגלייך צושוויער און קעמפּער, שטייט ער מחוץ דעם גורל און איבער אים. אַ פּאָר זיך געצווונגענדיקער באַווייז פון דער מענטשלעכער פרייהייט ליגט נישט ערגיץ אַנדערש ווי דערין, וואָס דער מענטש איז בכוח געווען צו בילדן אַ באַגריף פון דער קויזאַליטעט. די פרוי האַלט זיך גראָד דערפאַר מייסטנס פאַר אומגעבונדן, ווייל זי איז גאַנץ געבונדן, און ליידט נישט פון דער ליידנשאַפט, ווייל זי איז די ליידנשאַפט גופא. נאָר דער מאַנסביל האָט געקאָנט רעדן וועגן דער „Dura necessitas“ (*אין זיך, נאָר ער איז בכוח געווען צו באַנעמען די קאָנצעפּציע פון אַ מאָירא און אַ נעמעזיס, נאָר ער באַשאַפן פאַרקען און נאָרנען. ווייל ער איז נישט בלויז עמפּירישער, באַדינגטער, נאָר אויך אינטעליגיבלישער, פרייער סוביעקט.

אָבער, ווי שוין געזאָגט: אַפילו ווען אַ פרוי הויבט אָן פאַרצופילן איר אייגענע דעטערמינירטקייט, קאָן מען נאָך דאָס בשום אופן נישט אָנרופן קלאָר באַוווּסטזיין, אויפפאַסונג, פאַרשטענדעניש; מחמת דערצו וואָלט נויטיק געווען דער ווילן צו אַן אייגענעם איך. גיכער בלייבט זי באַ אַ שווערן טונקעלן געפיל, וואָס פירט צו אַ פאַרצווייפלטער ראַנגלעניש, אָבער נישט צו קיין אַנטשלאָסענעם קאַמף, וועלכער זאָל אין זיך גופא פאַרבאָרגן די מעגלעכקייט פון אַ ניצחון. זייער סעקסואַליטעט, וואָס וועט זיי תמיד פאַרקנעכטן, זענען די פרויען נישט בכוח גובר צו זיין. די היסטאָריע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ מין אָנמעכטיקע אָפּוואַר-באַוועגונג קעגן דער געשלעכטלעכקייט. וויבאַלד דער קאַמף קעגן דער אייגענער נאַטור וואָלט געווען ערלעך און עכט, וויבאַלד די פרוי וואָלט די מפּלה פון דער-דאָזיקער אויפריכטיק געוואָלט, דאַן וואָלט פאַר איר אויך מעג-לעך געווען צו דערלאַנגען איר דידאָזיקע מפּלה.

---

*) האַרטע נויטווענדיקייט.

די היסטעריע אָבער איז אַליין דאָס, צו וועלכן די היסטעריקערינס שטרעבן; זיי באַמיען זיך כלל נישט ווירקלעך אויסגעהיילט צו ווערן. די ליגנערישקייט פון דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע קעגן דער שקלאַווערײַ איז די סיבה פון איר האָפנונגסלאָזיקייט. די פאַרנעמסטע עקזעמפּלאַרן פונם געשלעכט מעגן טאַקע פילן, אַז די קנעכטשאַפט איז נאָר פאַר זיי דערפאַר אַ הכרח, מחמת זיי ווילן זי אַליין — זאָל מען זיך דערמאָנען אָן העבבעלס יודית און וואַגנערס קונדרי — אָבער אויך דאָס גיט זיי נישט קיין קראַפט צו אַן אמתער פאַרטיידיקונג קעגן דעם צוואַנג: אין לעצטן אויגנבליק קושן זיי פונדעסטוועגן דעם מאַנסביל, וועלכער פאַרגוואַלטיקט זיי, און באַמיען זיך צו מאַכן דעם פאַר זייער האַר, וועלכער קווענקלט זיך זיי צו פאַרגוואַלטיקן. די פרוי שטייט ווי אונטער אַ קללה. זי קאָן אויף אַ ווײַלע פילן איר משא און דרוק אויף זיך, אָבער זי וועט זיך איר קיינמאָל נישט אַנטרינען, מחמת דערדאָזיקער דרוק ווײַזט זיך איר אויס צו זיס. איר שרײַען און ווילדעווען איז אין תוך אומעכט. זי גאַרט נאָך דערדאָזיקער קללה גראָד דאַן אַמשטאַרקסטן, ווען זי שײַנט דורך איר פאַרהאַלטן זיך צו פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן איר.

*

פון דער לאַנגער ריי פון יענע פריערדיקע הנחות, וועלכע באַהויפּטן, אַז דער פרוי פעלט וועלכע ס׳איז אײַנגעבוירענע, אוממיטלבאַרע פאַרהעלטעניש צו די ווערטן, האָט זיך קיין אײנציקע נישט געלאָזט צוריקציען אָדער צומאָל נאָר באַגרעניצן. דאָס אַלץ אַפילו, וואָס מענטשן רופן בכלל אָן ווײַבלעכע ליבע, ווײַבלעכע פרומקייט, ווײַבלעכע בושה און ווײַבלעכע טוגנט, האָט זיי נישט געקאָנט אומוואַרפן; זיי האָבן באַוויזן צו דערהאַלטן זיך לגבי דעם שטאַרקסטן אָנשטורם, לגבי דעם חיל פון די היסטערישע אימיטאַציעס פון אַלע מענלעכע מעלות. נישט בלויז מיט דער מענלעכער זרע, וועלכע באַפרוכפּערט און פירט דורך דעם אומגלויבלעכן גײַסטיקן איבערברוך אין דער פרוי מיטן מאָמענט פון דער חתונה,

באַר אויך מיטן מענלעכן באַוווסטזיין, און אַפילו מיט זיין סאָציאַלן גייסט ווערט די פרוי דורכגעזאַפּט פון פריסטער יוגנט אָן: אונטערן איינפלוס פון דידאַזיקע אַלע מאָמענטן אומגעשטאַלטיקט זיך די פרוי (פאַרשטייט זיך, די אויפגעמלעכע פרוי) פולשטענדיק אין די טיפסטע יסודות פון איר מהות. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אַלע אייגנשאַפטן פון מענלעכן געשלעכט, וועלכע זענען דעם ווייבלעכן, אַלס אַזעלכן, לגמרי פרעמד, קאָנען זיך פונדעסטוועגן אַרויסווייזן אין דער פרוי אַדאַנק איר שקלאַווישער נאָכמאַכונג. דערפון וועט זיין לייכטער צו באַגרייפן די פילע טעותים וועגן דער העכערער זיטלעכקייט פון דער פרוי.

אָבער דידאָזיקע דערשטוינלעכע רעצעפּטיוויטעט פון דער פרוי איז נאָך אַן איזאָלירטער פאַקט פון דער דערפאַרונג. די טעאָרעטישע אויפגאַבעס פון אונזער אונטערזוכונג פאָדערן די פעסטשטעלונג פון אַ דויערהאַפטיקן קשר צווישן דערדאָזיקער רעצעפּטיוויטעט און אַלע ווייטערדיקע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פון דער פרוי. סאַראַ שייכות איז פאַראַן צווישן דער לייכטער געשטאַלטבאַרקייט פון דער פרוי מיט איר צונויפפאָרעריי, צווישן איר סעקואַליקעט מיט איר ליגנערישקייט? פאַרוואָס איז דאָס אַלץ באַזאַמען קאָנצענטרירט אין דער פרוי גראָד אין אַזאַ פאַרייניקוגג?

און מען דאַרף נאָך ערשט באַגרינדן, פונוואַנען עס שטאַמט, וואָס די פרוי קאָן אַלץ אין זיך אויפנעמען. ווי איז מעגלעך יענע ליגנערישקייט, וואָס דערלויבט די פרוי אַליין זיך איינצורעדן, אַז זי גלויבט אין דעם, וואָס זי האָט נאָר פון אַנדערע פאַרנומען, אַז זי באַזיצט דאָס, וואָס זי האָט נאָר פון זיי באַקומען, אַז זי איז דאָס, וואָס זי איז נאָר דורך זיי געוואָרן?

און כדי דערויף צו געפינען אַן ענטפער, מוזן מיר נאָכאַמאָל, צום לעצטן מאָל, אָפּנויגן פון גראָדן וועג. דער לייענער וועט זיך נאָך דערמאָנען אפשר, ווי מיר האָבן אָפּגעגרעניצט דאָס חיהשע ווידערדערקענען, דעם פסיכישן עקוויוואַלענט פון דער אַלגעמיין-אָרגאַנישער איבונגספעיקייט, פון דעם מענטשלעכן זכרון, אַלס עפּעס גענצלעך פאַרשידנס, און דאָך ענלעכס: מחמת ביידע באַדייטן

אַן אײביקע נאָכווירקונג פון דעם צײטלעכן באַגרעניצטן אײנמאָליקן אײנדרוק. דער זכרון אָבער, צום אונטערשײד פון אומיטלבאַרן פּאַסיוון ווידערדערקענען, געפינט דעם אויסדרוק פון זײן מהות אין דער אַקטיווער רעפּראָדוקציע פון דער פאַרגאַנגענהײט. שפּעטער איז אונטערגעשײדט געוואָרן די אינדיווידואַציע, אַלס די אײגנשאַפט פון יעטווידן אָרגאַניזם, פון דער אינדיווידואַליטעט, וועלכער נאָר דער מענטש באַזיצט. און לסוף האָט זיך אַרויסגעוויזן די נויטווענדיקײט פון אַ גענויער דיסטינקציע צווישן געשלעכטס-דראַנג און ליבע, פון וועלכע ס'האָט אויך נאָר דער ערשטער געקאָנט אָנערקענט ווערן די נישט-מענטשלעכע בעלי-חיים. דאָך האָבן זיך בײדע אַרויסגעוויזן טיף פאַרקרובישט, אין זײערע נידריקײטן ווי אין זײערע דערהויבנקײטן (אַלס שטרעבונגען צו אײגענער פאַראײביקונג).

אויך דער ווילן צום ווערט איז אָפטערס פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס כאַראַקטעריסטישע אײגנשאַפט פון דעם מענטש, מחמת די חיות קענען נאָר די גאַרונג נאָך תענוג, און דער ווערט-באַגריף איז זײ לחלוטין פרעמד. *צווישן תענוג און ווערט איז פאַראַן אַ געוויסע אַנאַלאָגיע, און דאָך זענען בײדע גרונט-פאַרשידן:* דער תענוג *ווערט* באַגערט, דער ווערט *דאַרף* באַגערט ווערן; בײדע ווערן נאָך תמיד גאַנץ אומגערעכטיק פאַרביטן; פונדאַנען די פאַרצווײפלטע פלאָנטעריש, וואָס הערשט שוין צוויי לאַנג אין דער פּסיכאָלאָגיע און עטיק. אָבער אַן ענלעכע ערבוביה האָט עקזיסטירט נישט בלויז צווישן דעם ווערט-און תענוג-באַגריף; נישט בעסער איז די זאַך געשטאַנען מיט די אונטערשײדונגען צווישן פּערזענלעכקײט און פּערזאָן. צווישן ווידערדערקענען און זכרון, צווישן געשלעכטס-דראַנג און ליבע: אָט-די אַלע היפּוכים ווערן כסדר צונויפגעוואָרפן, און וואָס נאָך כאַראַקטעריסטישער איז, כמעט תמיד דורך דיזעלביקע מענטשן, מיט דיזעלביקע טעאָרעטישע אָנשויונגען און ווי מיט אַ געוויסער כוונה, כדי צו פאַרווישן דעם אונטערשיד צווישן מענטש און חיה.

אויך ווײטערדיקע, ביזאַהער קוים באַריִרטע אונטערשײדונגען ווערן דאָ על-פּי-רוב פאַרנאַכלעסיקט. חיהיש איז די

ענגקייט פון באַוווסטזיין, ריין מענטשלעך איז די אַקטיווע אויפמערקזאַמקייט:ביידע האָבן, דאָס זעט יעדער קלאָר, עפּעס בשותפותדיקס, און דאָך זענען זיי פאַרשידן. נישט אַנדערש שטייט עס מיט דער געוויינלעכער צונויפמישונג פון דראַנג און ווילן. דער דראַנג איז אַלע בעלי-חיים געמיינזאַם; נאָר באַם מענטש קומט נאָך צו דער ווילן, וועלכער איז פריי און בילדעט נישט קיין פּסיכאָלאָגישן פאַקט, ווייל ער ליגט אין יסוד פון יעטוועדן, ספּעציעלן, פּסיכאָלאָגישן איבערלעבעניש. דער דראַנג און ווילן ווערן כמעט תמיד באַטראַכט פאַר אידענטיש, דערין טראָגט אגב נישט בלויז דאַרווינס איינפלוס די שולד; נאָר מ'קאָן זי כמעט פונקט אַזויפיל פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דעם אומקלאָרן, פון איין זייט גאַנץ אַלגעמיין נאַטורפילאָזאָפישן, פון דער אַנדער זייט עמינענט עטישן ווילנס-באַגריף פון אַרטור שאָפּענהויער.

איך שטעל צונויף:

אויך חיהיש, פאַרהעלטנישמעסיק אָרגאַניש בכלל זענען:	נאָר דעם מענטשן, פאַרהעלטניש-מעסיק דעם מענטשלעכן מאַנסביל זענען אייגנטימלעך:
אינדיווידואַציע	אינדיווידואַליטעט
ווידערדערקענען	זכרון
תענוג	ווערט
געשלעכטס-דראַנג	ליבע
ענגקייט פון באַוווסטזיין	אויפמערקזאַמקייט
דראַנג	ווילן

מען זעט, ווי איבער יעדער אייגנשאַפט, וואָס איז געמיינזאַם אַלע לעבעדיקע בעלי-חיים, איז פאַראַן באַם מענטש נאָך אַן אַנדערע, אין אַ געוויסער הינזיכט איר פאַרקרובישטע, און דאָך העכערע אייגנשאַפט. די אוראַלטע טענדענציעזע אידענטיפיקאַציע פון ביידע רייען, און, פון דער צווייטער זייט, דאָס באַדערפעניש שטרענג אונטערצו-

שיידן די גלידער פֿון דידאָזיקע רייען, ווייזן אויף עפּעס געמיינזאַמס, וואָס פֿאַרבינדט די גלידער פֿון איין ריי מיט די גלידער פֿון דער צווייטער, ‫[אָבער דריקן צוגלייך אויס דעם טיפֿן אונטערשייד צווישן זיי. עס שאַפֿט זיך דאָ קודם-כּל דער איינדרוק, אַז באַם מענטש דערהויבט זיך עפּעס אַן א ו י ב ע ר ב נ י ן פֿון העכערע אייגנשאַפֿטן איבער די קאָרעלאַטיווע נידעריקערע דערשיינונגען. מען וואָלט זיך דאָ געקאָנט דערמאָנען אָן די לערע פֿון א י נ ד י ש ן ג ע ה יי ם - ב ו ד י ז ם, אָן זיין טעאָריע וועגן דער „מ ע נ ט ש ה יי ט ס - כ ו ו אַ ל י ע". עס זעט דאָ אויס, ווי אויף יעדער אויסשליסלעך חיהשער אייגנשאַפֿט וואָלט אין מענטש געווען פֿאַרלייגט אַ צווייטע אייגנשאַפֿט, וועלכע איז קרוביש דער ערשטער, און דאָך צו עפּעס אַ העכערער ספֿערע אָנגעהעריקע קוואַליטעט; דידאָזיקע דערשיינונג לאָזט זיך פֿאַרגלייכן מיט דער פֿאַרייניקונג פֿון פֿאַרשידענע ציטער-כוואַליעס צווישן זיך: יענע נידריקערע אייגנשאַפֿטן פֿעלן דעם מענטש בשום אופֿן נישט, נאָר צו זיי פֿאַרייניקט זיך אין אים נאָך עפּעס אַנדערש. וואָס-זשע איז אַזוינס אָט-דאָס ניי צוגעקומענע? מיט וואָס אונטערשיידט עס זיך פֿון דעם אַנדערן און אין וואָס גלייכט עס זיך צו אים? מחמת די געבראַכטע טאַבעל ווייזט קלאָר, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ טיפֿע ענלעכקייט צווישן צוויי גלידער פֿון דער לינקער און רעכטער ריי, וועלכע שטייען אויף דערזעלביקער הויך, אַז פֿון דער צווייטער זייט ווידער געהערן אַלע פּאָזיציעס פֿון י ע ד ע ר ריי ענג צואַנאַנד. פֿונוואַנען דערנעמט זיך דידאָזיקע מערקווירדיקע אַנטשפּרעכנדיקייט בײַ גלייכצייטיק גאַנץ תהומיש-טיפֿער פֿאַרשידנקייט?

די רעכטס שטייענדיקע שטריכן זענען עיקרדיקע אייגנשאַפֿטן פֿון יעטוועדן אַנימאַלישן, פֿאַרהעלטנישמעסיק פֿלאַנצלעכן ע ב ן. דאָס איז דאָס לעבן פֿון באַזונדערע אינדיווידוען, נישט פֿון אומגעגלידערטע מאַסן. עס דריקט זיך אויס אַלס געוויסער דראַנג צו באַפֿרידיקן דאָס באַדערפֿעניש, און באַזונדערס אַלס סעקסואַל-דראַנג צו דער ווייטערפֿלאַנצונג פֿונם מין. אינדיווידואַליטעט, זכּרון, ווילן, ליבע קאָנען אַזוינאָך גילטן אַלס אייגנשאַפֿטן פֿון אַ צ ו וו יי ט ן לעבן, וועלכע האָבן מיטן אָרגאַנישן

לעבן אַ געוויסע קרובהשאַפט, נאָר וועלכע זענען דאָך פון אים toto coelo*) פאַרשידן.

און דאָ רוקט זיך אונז אונטער נישט עפּעס אַנדערש, ווי די טיף באַרעכטיקטע אידעע פון אַ העכערן, נייעם לעבן פון די רעליגיעס און ספּעציעל פון קריסטנטום. אחוץ דעם אָרגאַנישן, נעמט דער מענטש נאָך אַנטייל אין אַן אַנדער לעבן, פון נייעם טעסטאַמענט. פּונקט ווי יענץ לעבן דערנערט זיך מיט ערדישער שפּייז, אַזוי באַדאַרף דאָס גייסטי־קע חיונה (סימבאָל פון דער קאָמוניע). פּונקט ווי יענץ האָט געבורט און טויט, אַזוי קען אויך דאָסדאָזיקע אַ דער־וואַכונג — די זיטלעכע ווידערגעבורט פונם מענטש, די „רעגענעראַציע" — און אַן אונטערגאַנג: דאָס ענדגילטיקע פאַרזינקען אין משוגעת און פאַרברעכן. פּונקט ווי יענץ ווערט באַשטימט דורך קויזאַלע געזעצן פונדרויסן, אַזוי בינדט זיך דאָסדאָזיקע דורך נאָרמירנדיקע אימפּעראַטיוון פונ־אינעווייניק, יענץ איז אין באַגרעניצטער ספערע צוועקמע־סיק; דאָסדאָזיקע איז אין אומענדלעכער, אומבאַגרעניצטער הערלעכקייט פולקאָמען.

די אייגנשאַפטן, וועלכע זענען אויסגערעכנט אין דער רעכטער רייע, זענען געמיינזאַם יעטוועדן נידריקן לעבן; די גלידער פון דער לינקער קאָלומנע זענען די אַנטשפּרעכנדיקע צייכנס פון דעם אייביקן לעבן, קינדער פון אַ העכערער הויה, אין וועלכער דער מענטש, און נאָר ער אַליין, נעמט אַנטייל. די אייביקע צווישפּמישונג און די תמיד באַנייטע פּו־באַנדערגרעניצונג פון די ביידע רייען, בילדעט די עיקר־טעמע פון דער גאַנצער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט: דאָס איז דער מאָטיוו פון דער וועלטגעשיכטע.

מען קאָן אין דאָזיקן צווייטן לעבן דערבליקן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיך אינם מענטש צו די פריער פאַרצנעע, אַנדערע אייגנשאַפטן צואַנטוויקלט; דידאָזיקע פראַגע האָבן מיר דאָ נישט בדעה צו אַנטשיידן. אָבער אַ טיפערע אויפפאַסונג וועט מוזן בלי־ספק באַטראַכטן יענץ חושימדיקע. פאַרגלייכלעכע לעבן נישט

*) מ״ט אַ גאַנצן הימל.

פֿאַרן באַשעפֿער פֿון העכערן, גייסטיקן, אייביקן לעבן, נאָר פֿאַרקערט, אין זינען פֿון פֿאָריקן קאַפּיטל, ווען זי אין אים זען אַ פּראָיעקציע פֿון יענעם העכערן לעבן אויף דער זינלעכקייט, אַלס זיין אָפּבילדונג אין קיניגרייך פֿון דער נויטווענדיקייט, אַלס זיין אַראָפּזינקונג, זיין דערנידערונג צו יענעם, אַלס זיין זינד-ירידה. מחמת נאָר דער לעצטער אָ פּ ג לאַ נ ץ פֿון אַ העכערער אידעע פֿון אַן אייביקן לעבן איז דאָס, וואָס פֿאַלט אויף דער פֿליג, וועלכע באַלעסטיקט מיך, און קאָן מיך אָפּהאַלטן פֿון צו טויטן זי. אייב ס'איז אונז אַזוינאָך געלונגען פֿאַר דער טיפֿסטער אידעע פֿון דער מענטשהייט, אין וועלכער זי האָט ערשט אייגנטלעך באַנומען איר אייגענעם מהות, פֿאַר דער אידעע פֿון דער זינד-ירידה צו געפֿינען אַ פּרעציזן אויסדרוק — היות ווי (לויט אונזער טאַבעל) דאָס, וואָס פֿאַרלירט און דערנידריקט זיך, בלייבט דאָך נאָך אַליין אין געוויסער הינזיכט דאָס אייגנטלעכע זיין און לעבן, עמפּירישע רעאַליטעט, אָרגאַנישע וויטאַליטעט — אַנטשטייט בכן נאָך די פֿראַגע, אַלמאַי ווערט דידאָזיקע זינד באַגאַנגען? און דאָ שטייט לסוף די אונטערזוכונג פֿאַר דעם לעצטן פּראָבלעם איבערהויפּט, דעם איינציקן, וואָס עקזיסטירט אינדעראמתן, דעם איינעם, אויף וועלכן קיין שום מענטש האָט נאָך נישט געוואַגט צו געבן אַן ענטפֿער, דעמיעניקן פּראָבלעם, וועלכן אַ לעבעדיקער מענטש וועט קיינמאָל נישט בכּוח זיין צו לייזן. דאָס איז דאָס רעטעניש פֿון דער וועלט און פֿון לעבן, דער דראַנג פֿון רוימלאָזן צו דעם רוים, פֿון צייטלאָזן צו דער צייט, פֿון גייסטיקן צו דעם שטאָף. דאָס איז די באַציונג פֿון דער פֿרייהייט צו דער נויטווענדיקייט, די באַציונג פֿונם עפּעס צום גאָרנישט, די באַציונג פֿון גאָט צום טייוול. דער ד ו אַ ל י ז ם אין דער וועלט איז דאָס אומבאַגרייפֿלעכע, דער מאָטיוו פֿון דעם ז י נ ד-י ר י ד ה, דאָס אור-רעטעניש: דער גרונט און זין און צוועק פֿון דעם אַראָפּפֿאַל פֿון אייביקן לעבן אין אַ פֿאַרגענגלעך דאָזיין, פֿון דעם צייטלאָזן אין די ערדישע צייטלעכקייט, יענץ קיינמאָל נישט אויפֿהערנדיקע פֿאַרפֿלאָנטערן זיך פֿון דעם גענצלעך אומשולדיקן אין דער שולד. כ'וועל קיינמאָל נישט בכּוח זיין איינצוזען, פֿאַרוואָס כ'בין באַגאַנגען די ירושה-זינד, פֿאַרוואָס דאָס פֿרייע האָט

געקאָנט ווערן אומפריי, דאָס ריינע — שמוציק, ווי אַזוי ס'האָט געקאָנט בלאָנזשען דאָס פולקאָמע.

אַז אָבער נישט איך, נישט עמיץ אַנדערש וועט עס קיינמאָל נישט איינזען, לאָזט זיך באַווייזן. איך קאָן נעמלעך אַ זינד ערשט דערקענען, ווען איך באַגיי זי שוין נישט מער, און באַגיי זי שוין נישט מער מיט דעם מאָמענט, ווען כ'דערקען זי. דערפאַר קאָן איך נישט באַגרייפן דאָס לעבן, כל-זמן איך געפין זיך דערין; און די צייט איז פאַר מיר אַן אומבאַשייד־באַר רעטעניש, כל-זמן איך עקזיסטיר אין איר, כל-זמן איך באַשטים זי נאָך*). ערשט ווען כ'וועל זי גובר זיין, וועל איך זי פאַרשטיין, ערשט דער טויט קאָן מיך לערנען דעם זין פון לעבן. ס'איז נישט געווען קיין רגע, אין וועלכער כ'זאָל נישט האָבן פאַרלאַנגט אויך דאָס נישטזיין; ווי אַזוי-זשע וואָלט מיר געקאָנט דערדאָזיקער פאַרלאַנג ווערן אָביעקט פון דער באַטראַכטונג, געגנשטאַנד פון דער דערקענטעניש? וויבאַלד כ'וואָלט עפּעס דערקענט, וואָלט איך דאָך שוין געשטאַנען מחוץ אים: מיין זינדיקייט קאָן איך נישט באַגרייפן, ווייל איך בין נאָך תמיד זינדיק. דאָס אייביקע און העכערע לעבן פאָלגן נישט נאָכאַנאַנד, נאָר נעבנאַנאַנד, און די פּראַעקזיסטענץ פון דעם גוטן באַשטייט אין זיין העכערקייט אין דער הינזיכט פון ווערט.

איצט קאָנען מיר זאָגן: די אַ ב ס אָ ל ו ט ע פ ר ו י, וועלכער עס פעלן אינדיווידואַליטעט און ווילן, וועלכע האָט נישט קיין אָנטייל אין ווערט און אין דער ליבע, איז פ ו ל־ ש ט ע נ ד י ק א ו י ס ג ע ש ל אָ ס ן פ ו ן י ע נ ע ם ה ע כ ע ר ן, ט ר אַ נ ס צ ע ד ע נ ט ן, מ ע ט אַ פ י ז י ש ן ז י י ן. די אינטע־ליגיבלע היפערעמפּירישע עקזיסטענץ פונם מ אַ נ ס ב י ל איז דערהויבן איבער שטאָף, רוים און צייט; אין אים איז פאַראַן גענוג שטערבלעכס, אָבער אויך אומשטערבלעכס. און ער האָט די מעגלעכקייט אויסצווויילן צווישןביידע: צווישן יענעם לעבן, וואָס פאַרגייט צוזאַמען מיטן ערדישן טויט, און יענעם פאַר וועלכן דער טויט באַטייט ערשט אַן אומקער אין

*) פגל. קאַפּ V. פּראָבלעמאַטיש קאָן די צייט ווערן, ווען מען שטייט אַ־גיין מחוץ איר; קלאָר קאָן זי ערשט ווערן, ווען מען געפינט זיך געענצלעך מחוץ איר.

גענצלעכער ריינקייט. צום דאָזיקן פּולקאָם צייטלאָזן זיין, צום אַבסאָלוטן ווערט איז געווענדט דער טיפסטער ווילן אינם מאַנסביל: ער איז איינס מיט דעם אומשטערבלעכקייטס-באַדער-פעניש. און אַז די פרוי האָט נישט קיין באַגער נאָך השארת-הנפש, ווערט אַזוינאָך סוף-כּל-סוף גאַנץ קלאָר; מחמת אין איר איז גאָרנישט פאַראַן פון יענעם אייביקן לעבן, וועלכעס דער מאַנסביל וויל און דאַרף דערגרייכן להיפּך צו זיין עלנט אָפּבילד אין דער זינלעכער וועלט. יעדער מאַנסביל שטייט אין אַ געוויסער באַציונג צו דער אידעע פון העכסטן ווערט, צו דער אידעע פון אַבסאָלוטן, צו דער אידעע פון יענער פּולקאָמער פרייהייט, וועלכע ער באַזיצט נאָכנישט, ווייל ער איז תּמיד אויך דעטערמינירט, וועלכע ער קאָן אָבער דערגרייכן, ווייל דער גייסט האָט די מאַכט איבער דער נאַטור. אַזאַ באַציונג צו דער אידעע איבערהויפּט, אָדער צו דער גאָטהייט, האָט יעדער מאַנסביל; דאָס לעבן אויף דער ערד פירט אים צו אַ קאָנפליקט און איבעררייס מיטן אַבסאָלוטן, אָבער די נשמה שטרעבט צוריק אַרויסצוקריגן זיך פון דערדאָזיקער טומאה, פון די נעגל פון דער ירושה-זינד.

פונקט ווי די ליבע פון די עלטערן איז נישט געווען קיין ריינע ליבע צו דער אידעע, נאָר מער אָדער ווייניקער אַ זינלעכע פאַרקערפּערונג פון איר, אזוי וויל אויך דער זון, וועלכער איז דער אָביעקט פון דערדאָזיקער ליבע, כּל-זמן ער לעבט, נישט בלויז דאָס אייביקע, נאָר אויך דאָס צייטלעכע לעבן: מיר דערשרעקן זיך פאַרן געדאַנק פון טויט. ווערן זיך קעגן אים, קלאַמערן זיך אָן דעם ערדישן דאָזיין און באַווייזן דורכדעם, אַז בעת מיר זענען געבוירן געוואָרן, האָבן מיר געוואָלט געבוירן ווערן, וויבאַלד מיר פאַרלאַנגען נאָך תּמיד געבוירן צו ווערן אויף דערדאָזיקער וועלט*). אַ מענטש, וועלכער האָט שוין מער נישט קיין מורא פאַרן ערדישן טויט, וואָלט אין דערזעל-

*) אַזוי, מיין איך, קאָן פאַרשטאַנען דער ענגער קשר צווישן געשלעכטס-דראַנג, געבורט און ירושה-זינד. די איינצלנע געשטאַלט, אין וועלכן ס'וויל זיך דערהאַלטן דאָס נידריקערע לעבן, האָב איך פריער אָנגערופן ירידה פון דער אידעע, די שולד. אָבער נישט די אומענדלעכע אינדיווידואַליטעט, נאָר דער באַגרעניצטער אינדיווידואַליטעט איז די זינד.

ביקער רגע געשטאָרבן; מחמת ער וואָלט געווען אָנגעפילט מיט דעם אייגעם ווילן צום אייביקן לעבן, און דאָס דאַרף און קאָן דער מענטש זעלבשטענדיק אין זיך פאַרווירקלעכן: דאָס שאַפט זיך אַליין, פונקט ווי יעטוועדעס לעבן שאַפט זיך אַליין.

היות אָבער ווי יעדער מאַנסביל שטייט אין אַ פאַרהעל־טעניש צו דער אידעע פון העכסטן ווערט, נישט דערפירנדיק צום צושטאַנד פון פולער איבערגעגעבנקייט דערדאָזיקער אידעע, דערפאַר איז נישטאָ קיין מאַנסביל, וועלכער זאָל זיין גליקלעך. גליקלעך זענען נאָר די פרויען. קיין שום מאַנסביל פילט זיך נישט גליקלעך, מחמת יעדער האָט אַ באַ־ציונג צו דער פרייהייט, און איז דאָך אויף דער ערד תמיד נאָך אין געוויסער הינזיכט אומפריי. גליקלעך קאָן זיך נאָר פילן אַ געגנצלעך פאַסיוו וועזן, ווי די עכטע פרוי, אָדער אַ געגנצלעך אַקטיווס, ווי די גאָטהייט. גליק וואָלט געווען דאָס געפיל פון דער פולקאָמענהייט, דאָסדאָזיקע געפיל קאָן אַ מאַנסביל קיינמאָל נישט האָבן; אָקעגן-זשע זענען פאַראַן פרויען, וועלכע האַלטן זיך פאַר פולקאָם. דער מאַנסביל האָט תמיד פראָבלעמען הינטער זיך און אויפגאַבעס פאַר זיך: אַלע פראָבלעמען וואָרצלען אין דעם עבר; דאָס לאַנד פון די אויפגאַבעס איז די צוקונפט. באַ דער פרוי אָבער איז די צייט כּלל נישט קיין אָביעקט פון אַ פראָבלעם, זי האָט פאַר איר קיין שום זין נישט: נישט פאַראַן קיין פרוי, וועלכע זאָל זיך שטעלן די פראַגע וועגן דעם צוועק פון איר לעבן; אָבער די איינזיניקייט פון דער צייט איז נאָר דער אויסדרוק דערפון, אַז דאָסדאָזיקע לעבן דאַרף און קאָן באַקומען אַ געוויסן זין.

גליק פאַרן מאַנסביל וואָלט נאָר געקאָנט זיין גאַנצע, ריינע אַקטיווקייט, פולשטענדיקע פרייהייט, קיינמאָל נישט עפּעס אַן אומבאַדייטנדיקער, אָבער אויך נישט דער העכסטער גראַד פון אומפרייהייט: מחמת זיין שולד ווערט פאַרפילפאַכט, וואָס מער ער דערווייטערט זיך פון דער אידעע פון דער פרייהייט. דאָס ערדישע לעבן איז פאַר אים אַ ליידן און מוז אַזעלכס זיין שוין דערפאַר, וואָס אין דער עמפינדונג איז דאָך דער מענטש טאַקע תמיד פאַסיוו; מחמת ער איז אונטער־

געוואָרפן דער ווירקונג פונם אַפעקט, ווייל עס עקזיסטירט אויך מאטעריע און נישט בלויז פאָרמען פון דערפאַרונג. נישט פאַראַן קיין מענטש, וועלכער זאָל זיך נישט נויטיקן אין געוואָרנעמונג; אָן איר וואָלט זיך נישט געקאָנט באַגיין אפילו דער גאָניאַלער מענטש, הגם ער זאָל מעכטיקער און שנעלער ווי אַלע אַנדערע מענטשן זי אויספילן און דורכדרינגען מיטן גאַנצן גייסטיקן תוכן פון זיין איך, און נישט באַדאַרפן קיין פולשטענ-דיקע אינדוקציע, כדי צו דערקענען די אידעע פון אַ געוויסער זאַך. די רעצעפּטיוויטעט וועט זיך דורך קיין שום פיכטעשער געוואַלט נישט לאָזן באַזייטיקן פון דער וועלט: אין דער חושים-עמפינדונג איז דער מענטש פּאַסיוו, און זיין ספּאָנטאַנישקייט, זיין פרייהייט נעמט אָן באַדייטונג ערשט אינם אורטייל און אין יעדער פאָרם פון אַן אוניווערסאַלן זכרון, וואָס איז בכוח צו רעפּראָדוצירן אַלע איבערלע-בענישן פאַרן ווילן פונם אינדיוויד. אין דער ליבע און אין גייסטיקן שאַפן דערגענט זיך דער מאַנסביל צום צושטאַנד פון העכסטער ספּאָנטאַנישקייט, פאַרווירקלעכנדיק די לפנים שוין געגנצלעכע פרייהייט. דערפאַר ליפערן זיי אים אַמייסטן די אַנונג פון גליק, ווען עס באַנעקטקייט רופט טיילמאָל אין אים אַרויס, אמת, אויף אַ ווייל נאָר, אַ טיפן נשמה-ציטער.

פאַר דער פרוי דערקעגן, וועלכע קאָן קיינמאָל נישט זיין טיף אומגליקלעך, איז דערפאַר גליק אייגנטלעך אַ פּוסט וואָרט: אויך דער באַגריף פון גליק איז דורכן מאַנסביל, דורכן אומגליקלעכן מאַנסביל געשאַפן געוואָרן, הגם ער געפינט קיינמאָל נישט אין אים קיין אַדעקוואַטע רעאַליזאַציע. די פרויען שעמען זיך נישט צו ווייזן אַנדערע זייער אומגליק: ווייל דאָס איז טאַקע נישט קיין עכט אומגליק, ווייל הינטער אים שטייט נישט קיין שולד, צום ווינציקסטן שוין די שולד פון ערדישן לעבן אַלס ירושה-זינד.

דער לעצטער, דער אַבסאָלוטער באַווייז פון דער גענצ-לעכער נישטיקייט פון ווייבלעכן לעבן, פון איר פולשטענדיקן מאַנגל אין העכערן זיין, איז דער באַזונדערער אופן, ווי אַזוי פרויען באַגיין זעלבסטמאָרד. זייער זעלבסטמאָרד ווערט בלי-ספק תמיד באַגלייט מיטן געדאַנק וועגן אַנדערע מענטשן, וואָס

זיי וועלן וועגן דעם טראַכטן, ווי זיי וועלן זי באַדויערן, זיך מצער זיין אָדער — זיך ערגערן. דאָס דאַרף מען נישט אַזוי פאַרשטיין, גלייך ווי די פרוי וואָלט אין מאָמענט פון זעלבסטמאָרד נישט געווען שטאַרק איבערצייגט אין איר, לויט איר איינזען, תמיד אומפאַרדינטן אומגליק: פאַרקערט, פאַר דעם זעלבסטמאָרד באַמיטליידט זי זיך אַמשטאַרקסטן, לויט יענער סכעמע פון דעם מיטלייד מיט זיך גופא, וועלכעס איז נאָר אַ מיטוויינען מיט די אַנדערע איבער דעם אָביעקט פונם מיטגעפיל, אַ פולשטענדיק אויפהערן סוביעקט צו זיין.

ווי אַזוי וואָלט דען די פרוי געקאָנט באַטראַכטן איר אומגליק פאַר עפּעס צו איר אָנגעהעריקס, וויבאַלד זי איז לגמרי אומפעיק צו האָבן עפּעס אַ גורל? דער מוראַדיקסטער און צוגלייך אַנטשיידנדיקסטער באַווייז פאַר דער פוסטקייט און נישטיקייט פון די פרויען איז דער פאַקט, וואָס אַפילו פאַר דעם טויט זענען זיי נישט בכוח צו דערלאַנגען צום פּראָבלעם פון לעבן, זייער לעבן: מחמת אין זיי קאָן נישט רעאַליזירט ווערן קיין העכער לעבן פון דער פערזענלעכקייט.

איצט קאָנען מיר ענטפערן אויף דער פראַגע, וועלכע איז אײנאָנהויב פון דער־דאָזיקער צווייטער טייל פאָרמולירט געוואָרן אַלס איר הויפּטפּראָבלעם — אויף דער פראַגע וועגן דער באַדייטונג פון מאַנסביל־זיין און פרוי־זיין. די פרויען האָבן נישט קיין עקזיסטענץ און קיין יש, זיי עקזיסטירן נישט און זענען גאָרנישט. מען איז מאַנסביל אָדער מען איז פרוי, לויט דעם, צי מען איז עמיץ, אָדער מען איז עס נישט.

די פרוי האָט נישט קיין אָנטייל אין דער אָנטאָלאָגישער רעאַליטעט; דערפאַר האָט זי נישט קיין פאַרהעלטעניש צו דער „זאַך אין זיך", וועלכע איז פאַר יעדער טיפערער אויפפאַסונג אידענטיש מיט דעם אַבסאָלוטן, מיט דער אידעע אָדער גאָט. דער מאַנסביל, אין זיין אַקטועלקייט, אין זיין געניאַלישקייט, גלויבט אין דער „זאַך אין זיך"; פאַר אים איז

זי אָדער דאָס אַבסאָלוטע אַלס זיין העכסטער באַגריף פון וועזנהאַפטן ווערט: דאַן איז ער פילאָזאָף. אָדער זי איז דאָס צויבערלאַנד פון זיינע חלומות, דאָס מלכות פון דער אַבסאָלוטער שיינהייט: דאַן איז ער קינסטלער. ביידע אָבער באַטייטן דאָס זעלביקע.

די פרוי האָט נישט קיין פאַרהעלטעניש צו דער אידעע, נישט זי באַשטעטיקט זי, נישט זי פאַרניינט זי: זי איז נישט נישט מאָראַליש, נישט אַנטימאָראַליש, זי האָט נישט, מאַטעמאַטיש גערעדט, קיין שום פאָרצייכן, זי איז ריכטונגסלאָז, נישט גוט און נישט שלעכט, נישט מלאך און נישט טייוול, נישט צומאָל עגאָיסטיש (דערפאַר קאָן זי געהאַלטן ווערן פאַר אַלטרויסטיש), זי איז אַמאָראַליש, פונקט ווי זי איז אַלאָגיש. יעטוועדעס זיין אָבער איז מאָראַליש און לאָגיש זיין. די פרוי בכן עקזיסטירט נישט.

די פרוי איז ליגנעריש. די חיה האָט, וואָס אַן אמת, אויך נישט קיין מעטאַפיזישע רעאַליטעט, פונקט ווי די עכטע פרוי: אָבער זי רעדט נישט, ובכן איז זי נישט משקר. כדי צו קאָנען רעדן דעם אמת, מוז מען עפעס זיין; מחמת דער אמת איז נוגע אַ זיין און צום זיין קאָן נאָר דער האָבן אַ פאַרהעלטעניש, ווער עס איז אַליין עפעס. דער מאַנסביל וויל דעם גאַנצן אמת, דאָס הייסט, ער וויל דורכויס נאָר זיין. אויך דער דערקענטעניש-דראַנג איז סוף-כל-סוף אידענטיש מיט דעם אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש. אַקעגןזשע ווער עס זאָגט אַרויס עפעס וועגן אַ פאַקטישן צושטאַנד, נישט האָבנדיק אין דער ווירקלעכקייט קיין מוט צו באַהויפּטן אַ געוויסן זיין; וועמען ס'איז געגעבן די אויסערלעכע אורטיילספאָרם אָן דער אינערלעכער; אין וועמען, ווי אין דער פרוי, ס'איז נישטאָ קיין וואָרהאַפטיקייט: דער מוז בהכרח תמיד ליגן. דערפאַר ליגט די פרוי תמיד, אַפילו ווען זי רעדט אָביעקטיוו דעם אמת.

די פרוי מעק"ט, די לעבנס-איינצלען פון דעם נידריקערן לעבן זענען אינדיווידן, אָרגאַניזמען; די לעבנס-איינצלען פון העכערן לעבן זענען אינדיווידואַליטעטן, נשמות, מאָנאַדן, „מעטאַאָרגאַניזמען", ווי עס קלינגט אַ ביז גאָר אַנטשפּרעכנדיקער

טערמין בא העלענבאכן. יעדע מאָנאַדע אונטערשיידט זיך אָבער פון יעדער אַנדערער, און איז פון איר אַזוי אָפּגעטיילט, ווי צוויי זאַכן קאָנען עס נאָר זיין. די מאָנאַדן האָבן נישט קיין פענצטערס; אָנשטאָט דעם האָבן זיי די גאַנצע וועלט אין זיך. דער מאַנסביל, אַלס די מאָנאַדע, אַלס פּאָטענציעלע און אַקטועלע, ד. ה. געניאַלע אינדיווידואַליטעט, פאָדערט אויך אומעטום אונטערשיד און אויסטיילונג, אינדיווידואַציע און דיפערענצירונג: דער נאַיווער מאָניזם איז אויסשליסלעך ווייבלעך. יעדע מאָנאַדע בילדעט פאַר זיך אַן אָפּגעשלאָסענע איינהייט, אַ גאַנצעס; אָבער אויך דער פרעמדער איך איז פאַר איר אַזאַ פאַרענדיקטע גאַנצקייט, אין וועלכער זי טרעט נישט אַריין. דער מאַנסביל האָט גרעניצן, באַוויליקט די גרעניצן, פאַרלאַנגט זיי; די פרוי, וואָס קען נישט קיין איינזאַמקייט, איז אויך נישט אימשטאַנד די איינזאַמקייט פון אַנדערן מענטש צו באַמערקן און צו באַנעמען, צו אַכטן און צו ערן, און זיי אָנערקענען פאַר אומבאַרירלעך; פאַר איר איז נישט פאַראַן, פונקט ווי קיין איינזאַמקייט, אויך קיין מערקזאַמקייט, נאָר בלויז אַן אומאָפּטיילבאַר צונויפגעגאָסנזיין. ווייל אין דער פרוי איז נישטאָ קיין איך, דערפאַר איז פאַר איר אויך נישט פאַראַן קיין דו, דערפאַר נעהערן, לויט איר אויפפאַסונג, איך און דו צוזאַמען אַלס פּאָר, אַלס אומאונטערשיידבאַרע איינהייט: דערפאַר קאָן די פרוי צונויפברענגען, דערפאַר קאָן זי פאַרמיטלען. די טענדענץ פון איר ליבע איז די טענדענץ פון איר מיטלייד: די געמיינשאַפט, די צונויפגעגאָסנקייט*).

*) יעטוועדע אינדיווידואַליטעט איז פיינדלעך דער געמיינשאַפט: דאָרט וו זי ווירקט אין העכסטער בולטקייט, ווי אין געניאַלן מענטש, דריקט זיך דאָס טאַקע אויס אויפן געשלעכטלעכן געביט. נאָר דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס כמעט אַלע באַדייטנדיקע מענטשן, אַזוי גוט די, וועלכע קאָנען עס פאַרהילט אַרויסזאָגן, ווי די קינסטלער, ווי אויך די, וועלכע מוזן אַזוי אומגעהויער פיל פאַרשווייגן, ווי די פילאָזאָפן — צוליב וועלכן מען האַלט זיי דאַן פאַר טרוקן און ליידנשאַפטסלאָז, — אַז בכן אַלע גענילאַלע מענטשן אָן אויסנאַם, אויף וויפל זיי באַזיצן אַן אַנטוויקלטע סעקסואַליטעט, ליידן אויף די שטאַרקסטע געשלעכטלעכע פערווערסיעס (אדער אויפן „סאַדיזם", אָדער, ווי דאָס געשעט בלי-ספק בא די גרעסערע, אויף „מאַזאָכיזם"). אַלע אַזעלכע נייגונגען איז געמיינזאַם אַן אינסטינקטיוו אויסווייכן דעם פולן געשלעכטלעכן פאַרקער, אַ פאַרלאַנג אויסצומיידן

פאַר דער פרוי איז אינערגיץ נישט פאַראַן קיין *גרע־ניצן* פון איר איך, וועלכע וואָלטן געקאָנט דורכגעבראָכן ווערן און וועלכע זי זאָל דאַרפן אָפּהיטן. דערין באַשטייט קודם־כל דער הויפּט־אונטערשייד צווישן מענלעכער און ווייבלעכער *פריינטשאַפט*. יעטוועדע *מענלעכע* פריינטשאַפט איז אַ פּרוּוו צו גיין האַנט בײַ האַנט אונטערן צייכן פון איין און דערזעלביקער אידעע, צו וועלכער די פריינט, יעדער באַזונדער און דאָך פאַרייניקט, שטרעבן; די *ווייבלעכע* „פריינטשאַפט" איז אַ צוזאַמענדרעפּטשען אויף אַן אָרט, און דאָס, וואָס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש, אונטערן געדאַנק פון דער *צוויפאַרעריי*. מחמת דערין באַשטייט דער איינציק מעגלעכער אופן פון אַן אינטימען און אויפריכטיקן פאַרקער צווישן פרויען: אויף וויפל זיי זוכן גראָד די ווייבלעכע געזעלשאַפט נישט בלויז צוליב רכילות אָדער מאַטעריעלע אינטערעסן *) וויבאַלד פון צווישן צוויי מיידלעך אָדער פרויען גילט איינע פאַר זייער פיל שענער ווי די אַנדערע, דאַן געפינט די מיאוסע אַ *געוויסע סעקסועלע באַפרידיקונג* אין דער באַוווּנדערונג, וועלכע עס דערוועקט די שענערע. דער תּנאי פון יעדער פריינטשאַפט צווישן פרויען איז בכן קודם־כל, אַז אַ ריוואַליזאַציע צווישן זיי זאָל זיין אויסגעשלאָסן: נישט פאַראַן קיין פרוי, וועלכע זאָל זיך נישט קערפּערלעך תּיכּף פאַרגלייכן מיט יעדער אַנדער פרוי, וועלכע זי באַקענט. בלויז אין די פאַלן פון גרויסער אומגלייכקייט און אויסזיכטלאָזער קאָנקורענץ קאָן זיך די מיאוסע אַנטציקן מיט דער שענערער, מחמת זי איז פאַר איר דאַן דאָס נאָענטסטע מיטל צו דער אייגענער סעקסועלער באַפרידיקונג, הגם ביידע גיבן זיך כּלל דערפון קיין חשבון נישט אָפּ: דאָס איז אין תּוך אַזוי, ווי די מיאוסע וואָלט

דעם קאָיטוס, מחמת אַזאַ באמת באַדייטנדיקער מענטש, וועלכער זאָל אין קאָיטוס זען עפּעס מער ווי אַ חיהשן, חזירישן, עקלהאַפטן אַקט, אָדער זאָל גאָר אין אים פאַרגעטערן די טיפסטע, הייליקסטע מיסטעריע, ווערט אוודאי קיינמאָל נישט זיין און קאַן אויך נישט זיין.

**) די מעגלעכע פריינטשאַפט האָט מורא פאַר דעם אַרונטערייסן די מויערן צווישן די פריינט. פריינטינס פאַרלאַנגען אינטימקייטן אויפן סמך פון זייער פריינטשאַפט.

זיך אין יענער קאָטירט. דאָס פולשטענדיק אומפּערזענלעכע לעבן פון די פרויען, ווי אויך דער איבעראינדיווידועלער זין פון זייער סעקסואַליטעט, די צוזויפּאָרעריי אַלס דער גרונטשטריך פון זייער וועזן, שפּיגלט זיך דערין דייטלעך אָפּ. זיי פאַרשאַנסן זיך גופא ווי די אַנדערע, זיך אין די אַנדערע. דאָס מינדסטע, וואָס אַפילו די העסלעכסטע פרוי פאַרלאַנגט, און אין וועלכן זי געפינט שוין אַ געוויסע באַפרידיקונג, איז, אַז ס׳זאָל בכלל ערגיצווו איינע פון איר געשלעכט באַוווּנדערט און באַגערט ווערן.

אין שייכות מיטן דאָזיקן צוזויפגעגאָסענעם לעבן פון דער פרוי געפינט זיך דער פאַקט, וואָס די פרויען פילן נישט אָפּ קיין אמתדיקע אייפערזוכט. ווי געמיין אייפערזוכט און נקמהדורשט זאָל נישט זיין, שטעקט אין זיי ביידן עפּעס גרויסעס, צו וועלכן די פרויען, ווי צו יעטוועדער גרויסקייט, אין גוטן אָדער אין שלעכטן, זענען נישט פעיק. אין דער אייפערזוכט ליגט אַ פאַרצווייפלטע פּרעטענזיע אויף אַ בלומרשט רעכט, און דער רעכטס-באַגריף איז פאַר די פרויען טראַנסצעדענט. אָבער דער עיקרדיקסטער טעם דערפון, וואָס די פרוי קאָן אויף דעם איינצלנעם מאַנסביל נישט זיין אינגאַנצן אייפערזיכטיק, איז אַן אַנדערער. ווען אַ מאַנסביל, אַפילו אַזעלכער, אין וועלכער זי זאָל זיין ביז משוגעת פאַרליבט, זאָל אין אַ שכנותדיקן צימער אַן אַנדערע פרוי אַרומהאַלזן און באַזיצן, דאַן וואָלט דער געדאַנק וועגן דעם זי אַליין סעקסועל אַזוי אויפגערירט, אַז פאַר דער אייפערזוכט וואָלט שוין נישט געבליבן קיין אָרט. פאַרן מאַנסביל וואָלט אַזאַ סצענע, ווען ער זאָל וועגן איר וויסן, געוועזן העכסט דערווידער און אָפּשטויסנדיק, און וואָלט אים פאַרטריבן פון יענעם אָרט; די פרוי באַוויליקט אינערלעך כמעט פיבערהאַפט די גאַנצע געשעעניש; אָדער זי ווערט היסטעריש, ווייבאַלד זי וויל זיך נישט מודה זיין, אַז אין דער טיפעניש פון האַרצן האָט זי זיך אויך געווּנטשן דיזאָזיקע פאַרייניקונג.

דער געדאַנק וועגן דעם פרעמדן געשלעכטס-אַקט באַהערשט קיינמאָל נישט דעם מאַנסביל אינגאַנצן, ער שטייט מחוץ און

איבער אַזאַ איבערלעבעניש, וועלכעס איז פֿאַר אים אייגנטלעך כּלל נישט קיין איבערלעבעניש; די פֿרוי אָבער פֿאַרפֿאָלגט דעם פּראָצעס נישט זעלבשטענדיק, זי איז אין פֿיבערהאַפֿטער אויפֿ-רעגונג און ווי פֿאַרכּישופֿט דורך דעם געדאַנק, וואָס האַרט לעבן איר קומט פֿאָר*).

אָפֿט קאָן אויך דער אינטערעס פֿונם מ אַ נ ס ב י ל בנוגע אַ געוויסן מענטש, וועלכער איז פֿאַר אים אַ רעטעניש, זיך אויסשפּרייטן אויך אויף זיין סעקסועלן לעבן; אָבער יענע ניי-געריקייט, וועלכע צווינגט אין געוויסער מאָס דעם אַנדערן מענטש צו סעקסואַליטעט, איז נאָר די פֿרויען אייגנטימלעך און ווערט בײַ זיי גאַנץ אַלגעמיין פּראַקטיצירט, אַזוי גוט בנוגע מענער, ווי בנוגע פֿרויען. דער פֿרוי אינטערעסירן אין יעדן מענטש צוערשט און פֿאַר אַלעם זיינע ל י ב ש אַ פֿ ט ן, און ער איז פֿאַר איר אינטעלעקטועל נאָר אַזוי לאַנג טונקל און רייצפֿול, כּל-זמן זי האָט נאָך אין דאָזיקן פּרט נישט דערגרייכט קיין קלאָרקייט.

פֿון דעם אַלעם דרינגט ווידעראַמאָל קלאָר אַרויס, אַז ווייבלעכקייט און צונויפֿפּאָרעריי זענען אידענטיש: אַ ריין א י מ אַ נ ע נ ט ע באַטראַכטונג פֿונם געגנשטאַנד וואָלט זיך געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן אויך מיט דערזעלביקער פֿעסטשטעלונג. מיין כּוונה איז אָבער געגאַנגען ווייטער. און איך גלויב שוין צו האָבן אָנגעמערקט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער פֿרוי אַלס עפּעס פּאָזיטיווס, אַלס צונויפֿפּאָרערין, מיט דער פֿרוי אַלס נעגאַציע, וואָס איז געגנצלעך באַרויבט פֿון אַ העכערן לעבן אַלס מאָנאַדע. די פֿרוי פֿאַרווירקלעכט איין איינציקע אידעע, וועלכע קאָן איר גופֿא טאַקע דערפֿאַר קיינמאָל נישט קומען צום באַוווסטזיין, יענע אידעע, וועלכע איז דירעקט קעגנזעצלעך דער אידעע פֿון

*) און דאָ ליגט אויך דער אונטערשיד צווישן דער צונויפֿפּאָרעריי פֿון דער פֿרוי אין דער צונויפֿפּאָרעריי פֿונם פֿאַרברעכער. מחמת, וואָס אַן אמת, פֿאַרמיטלט אויך דער פֿאַרברעכער; אָבער פֿאַר אים איז די צונויפֿפּאָרעריי נאָר אַ ספּעציעלער פֿאַל. מחמת ער באַגינציקט דאָס פֿאַרברעכן און די זינלעכקייט, ווי זיי זאָל נישט געשען: ער פֿרייט זיך איבער יעדן מאָרד, איבער יעטווועדן טויט און יעטווועדן אומגליק, איבער יעדער שׂרפֿה און יעדער צעשטערונג און יעטווועדעס צוגרונטגיין: מחמת ער זוכט אומעטום די רעכטפֿערטיקונג פֿון זיין אייגענעם אָפּקער צום נישטזיין, צום נידריקערן לעבן.

דער נשמה. צי זי גאַרט אַלס מוטער צום חתונה-בעט, אָדער אַלס זונה ווײל זי בעסער די באַקכאַנאַליע, צי זי וויל אין צווייען גרינדן אַ פאַמיליע, אָדער זי שטרעבט נאָך דעם מאַסן-פאַרשלינג ווי דער ווענוס-באַרג, האַנדלט זי תמיד לויט דער אידעע פון דער געמיינשאַפט, יענער אידעע, וועלכע פאַרניכט פולשטענדיק דורך פאַרמישונג די גרעניצן פון די אינדיווידן.

אַזוי דערמעגלעכט דאָ איינס דאָס אַנדערע: עמיסאַרין פון דעם געשלעכטס-אַקט קאָן נאָר זיין אַ וועזן אָן אינדיווידואַליטעט, אָן גרעניצן. נישט אָן גרונט האָבן מיר זיך אַריינגעלאָזט אין דער באַווייז-דורכפירונג אַזוי ווייט, ווי ס'איז נאָך אַוודאי קיינמאָל נישט געשען אין אַ באַהאַנדלונג פון דאָזיקן געגנשטאַנד, און נישט אין וועלכער ס'איז אַנדערער כאַראַקטעראָלאָגישער אַרבעט. די טעמע איז דערפאַר אַזוי שפעדיק, ווייל דאָ מוז זיך אַנטפלעקן דער צוזאַמענהאַנג פון יעטוועדן העכערן לעבן פון איין זייט און פון יעטוועדן נידריקערן לעבן פון דער צווייטער. יעטוועדע פסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע געפינט דאָ אַ בעסערן פרובירשטיין, אויף וועלכן יעדע פון זיי וואָלט זיך געקאָנט אויספרוּוון. נאָר דערפאַר בלייבט דער פראָבלעם מאַנסביל-פרוי אין יעטוועדער כאַראַקטעראָלאָגיע דאָס אינטערעסאַנטסטע קאַפיטל, און נאָר דערפאַר האָב איך עס אויסגעווײלט צום אָביעקט פון אַזאַ אומפאַסנדיקער, ווייט גרייכנדיקער אונטערזוכונג.

אין דאָזיקן פונקט, צו וועלכן מיר זעמיר איצט צוגעקומען אין אונזערע באַטראַכטונגען, איז דער לייענער בלי-ספק גרייט צו פרעגן אונז אָפן וועגן דעם, וואָס איז אפשר ביזאַהער בא[ַ] אים בלויז אַנטשטאַנען אין דער מחשבה: צי לויט דערדאָזיקער אָנשויונג זענען די פרויען נאָך איבערהויפט מענטשן? צי לויט דער טעאָריע פון מחבר וואָלטן זיי נישט געדאַרפט אייגנטלעך פאַררעכנט ווערן צווישן די חיות אָדער פלאַנצן? אַמער באַזיצן זיי לויט זיין אויפפאַסונג נאָר אַ זינלעכע עקזיסטענץ און זענען באַרויבט פון אַ העכער לעבן נישט אין אַ קלענערער מאָס, ווי די חיות; זיי האָבן אויך אַזוי ווייניק אָנטייל אין אייביקן לעבן, ווי אַלע איבריקע אָרגאַניזמען, פאַר וועלכע דער השארת-הנפש שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין

באַדערפֿעניש און נישט קיין מעגלעכקייט. קיין מעטאַפֿיזישע רעאַליטעט איז זיי ביידן גלייך נישט באַשערט, זיי אַלע האָבן נישט קיין זיין, אַזוי גוט די פֿרוי, ווי די חיה, ווי דאָס געוויקס — זיי אַלע זענען נאָר דערשיינונג, אָבער נישט קיין זאַך אין זיך. דער מענטש איז, לויט דער אָנשויונג, וועלכע האָט זיין מהות אַמטיפֿסטן באַנומען, אַ שפּיגל פֿונם אוניווערס, ער איז דער מיקראָקאָסמאָס; די פֿרוי אָבער איז אַבסאָלוט אומגעניאַל, זי לעבט נישט אין טיפֿן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַל.

איך וועל ברענגען אַ שיינע שטעל פֿון א י ב ס ג ס „קליינער עיאָלף", ווו די פֿרוי זאָגט צום מאַן:

ר י ט א: מיר זעמיר דאָך סוף־כּל־סוף באָר מענטשן.

אַ ל מ ע ר ס: אויך מיט הימל און ים זענען מיר אַביסל פֿאַרקרובישט, ריטאַ.

ר י ט אַ: דו אפֿשר. א י ך נ י ש ט.

דאָ איז גאַנץ קלאָר אויסגעדריקט די אָנשויונג פֿון דעם דיכטער, וועלכן מיר האָבן אַזוי ווייניק פֿאַרשטאַנען, און דער־פֿאַר אים געהאַלטן פֿאַר אַ פֿרויען־באַזינגער. דידאָזיקע אָנשוי־ונג זאָגט, אַז די פֿרוי האָט נישט קיין שום פֿאַרהעלטעניש צו דער אידעע פֿון דער אומענדלעכקייט, צו דער גאָטהייט: ווייל איר פֿעלט די נשמה. צום ב ר אַ מ אַ ן דערגרייכט מען, לויט די איבדיער, נאָר דורך דעם אַ ט מ אַ ן. די פֿרוי איז נישט מיקראָקאָסמאָס, זי איז נישט אַנטשטאַנען לויט דעם צלם־אלהים. איז זי בכן נאָך מענטש? אָדער איז זי חיה? אָדער גאָר פֿלאַנץ?

דעם אַנאַטאָם מוזן דידאָזיקע פֿראַגעס גאַנץ לעכערלעך אויסקומען, און ער וועט לכתחילה באַטראַכטן פֿאַר פֿאַלש אַ שטאַנדפּונקט, אויף וועמעס באָדן עס קאָנען אויסוואַקסן אַזעלכע פּראָבלעמען. פֿאַר אים איז די פֿרוי homo sapiens*), און פֿון אַלע איבריקע מינים גאַנץ אונטערגעשיידט, צוגעאָרדנט דעם מאַנסביל נישט אַנדערש, ווי יעדע אַנדערע נקבה באַגלייט איר זכר אין אַלע אַנדערע אַרטן און מינים. און דער פֿילאָזאָף דאַרף געוויס נישט זאָגן: וואָס גייען מיך דאָרט אָן די

*) שבֿלדיקער מענטש.

אַנטאָמען! מעג ער אַפילו פון דערדאָזיקער זייט האָפן אויף נאָך אַזוי ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר דעם, וואָס אים אינטערעסירט: ער רעדט דאָ וועגן אַנטראָפּאָלאָגישע ענינים, און ווײַבאַלד ער געפינט דעם אמת, דאַרף אויך דערביי נישט געמינערט ווערן די באַדייטונג פון די מאָרפאָלאָגישע פאַקטן.

און אינדעראמתן! די פרויען שטייען, וואָס אַן אמת, אין זייער אומבאַוווּסטזיין זיכער נעענטער צו דער נאַטור, איידער דער מאַנסביל. די בלומען זענען זייערע שוועסטערן, און אַז זיי זענען פון די חיות ווייניקער דערווייטערט ווי דער מאַנסביל, דערויף זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס זיי האָבן צו סאָדאָמיע בלי-ספק מער נויגונג, איידער ער (דער פּאַסיפיי- און לעדאַ-מיטאָס. אויך די סימפּאַטיע פאַר די שויס-הינטלעך איז וואַרשיינלעך נאָך פיל זינלעכער, ווי מען מאָלט זיך עס געוויינלעך אויס*). אָבער די פרויען זענען מענטשן. אַפילו פּ. וועלכע מיר שטעלן זיך פאַר אַן יעטוועדן שפּור פון אינטעליגיבלען איך, איז דאָך אַלץ די דערגאַנצונג פון מ. ווײַבאַלד דער פאַקט פון דער באַזונדערער *סעקסועלער* און *עראָטישער* דערגאַנצונג פון מענטשלעכן זכר דורך דער מענטשלעכער נקבה איז אַפילו נישט יענע זיטלעכע דערשיינונג, וועגן וועלכער עס פלוידערן די מליצים פון דער חתונה, האָט ער דאָך אַן אומגעהויערע באַדייטונג פאַרן פּראָבלעם פון דער פרוי. ווייטער, זענען די חיות בלויז אינדיווידן, די פרויען — פּערזאָנען (ווען אַפילו נישט קיין פּערזענלעכקייטן). די אויסערלעכע אורטיילספאָרם, ווען אַפילו נישט די אינערלעכע, די שפּראַך, הגם נישט די רייד, אַ געוויסער זכרון, הגם נישט קיין המשכותדיקע איינהייט פון זעלבסטבאַוווּסטזיין, איז זיי געגעבן געוואָרן. פאַר אַלצדינג אינם מאַנסביל באַזיצן זיי אייגנטימלעכע *סוראָגאַטן*, וועלכע באַגינסטיקן נאָך כסדר יענע באַגריפן-פאַרמישונג, וואָס

*) מען דאַרף דאָס נישט פאַרבייטן מיט דער פעיקייט אַרומצונעמען די גאַנצע נאַטור, ווי עס האָט זי דער מאַנסביל, ווייל ער איז נישט נאָר נאַטור. די פרויען שטעקן אין דער נאַטור אַלס אַ טייל פון איר, שטייענדיק אין אַ קוויזאַלער קעגנזייטיקער באַציונג צו אַלע אַנדערע טיילן: פון לבנה און ים, פון וועטער און שטורעם, פון עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזם זענען זיי אין אַ פיל ברייטערער מאָס אָפּהענגיק, איידער דער מאַנסביל.

הערשט אין די מוחות פון די שעצער פון דער ווייבלעכקייט. עס אַנטשטייט דורכדעם אַ געוויסע אַמפיסעקסואַליטעט פון די באַגריפן, פון וועלכע פיל (אייטלקייט, בושה, ליבע, פאַנטאַזיע, מורא, פילבאַרקייט א. א. וו.) האָבן צוויי באַדייטונגען: אַ מענלעכע און אַ ווייבלעכע.

דאָ האָבן מיר אַזויערנאָך באַרירט די פראַגע מכּוח דעם לעצטן מהות פון דעם געשלעכטס-קעגנזאַץ. די ראָליע, וועלכע דער מענלעכער און ווייבלעכער פּרינציפּ שפּילן אין חיות- און אין פּ, אַנצן-קיניגרייך, קומט דאָ נישט אין באַטראַכט; עס האַנדלט זיך אויסשליסלעך וועגן דעם מענטש. אַז אַזעלכע פּרינציפּן פון דער מענלעכקייט און ווייבלעכקייט מוזן אָנגענומען ווערן נישט אַלס מעטאַפיזישע אידעען נאָר אַלס טעאָרעטישע באַגריפן, האָט זיך אונזער אונטערזוכונג באַמיט אויפצווייזן באַלד אינאָנהויב. דער גאַנצער ווייטערדיקער פאַרלויף פון דער באַטראַכטונג ווידער האָט אָנגעוויזן סאַראַ טיפע אונטערשידן עס זענען פאַראַן צווישן מאַנסביל און פרוי, אונטערשידן, וועלכע גייען ווייניקסטנס באַ מענטשן ווייט אַריבער די גרעניצן פון דער בלויזער פּסיכאָלאָגיש-סעקסועלער נאַטורזייערער. יענע אָנשויונג בכן, וועלכע דערבליקט אינם פאַקט פון דואַליזם פון די געשלעכטער נישט עפּעס ווייטערס, ווי נאָר אַ געוויסע איינריכטונג פאַר דער פאַרטיילונג פון פאַרשידענע פונקציעס אויף פאַרשידענע וועזנס אין זין פון אַ פאַרטיילונג פון פיזיאָלאָגישער אַרבעט — אַן אויפפאַסונג, וועלכע האָט, לויט מיין מיינונג, צו פאַרדאַנקען איר באַזונדערע פאַרשפּרייטונג דעם זאָאָלאָג מילן-עדוואַרס — איז לויט אונזער שטאַנדפּונקט לחלוטין אומאָננעמבאַר; איבער איר לעכערלעכער אויבערפלעכלעכקייט און אינטעלעקטועלער באַגרעניצטקייט איז נישט כּדאַי ווייטער קיין וואָרט צו פאַרלירן.

וואָס אַן אמת, האָט דער דאַרוויניזם שטאַרק גורם געווען צו דער פּאָפּולאַריזירונג פון דערדאָזיקער אָנשויונג; ס'איז אויך געווען אַ כּמעט אַלגעמיין פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז די סעקסועל-דיפערענצירטע אָרגאַניזמען זענען אַנטשטאַנען פון אַ פריערדיקן סטאַדיום פון געשלעכטלעכער אומדיפערענצירטקייט: דורך אַ ניצחון פון די פון אַזאַ פונקציע-משאַ

באַפּריטע וועזנס איבער די פּרימיטיווע, איבערגעלאַסטעטע, אומגעשלעכטלעכע אָדער טאָפּלגעשלעכטלעכע מינים. אַז אָבער אַזאַ „אַנטשטייונג פון געשלעכט" אַלס פּועל יוצא פון דעם „יתרון פון אַרבעטס־פּאַרטיילונג", פון דער „פּאַרלייכטערונג אין קאַמף פּאַרן קיום" איז אַ גאַנץ אוממשותדיקע פאָרשטעלונג, דאָס האָט דערוויזן מיט אומדערשיטערלעכער אַרגומענטאַציע, לאַנג פאַרן באַווייזן זיך פון די קבר־ווערים באַם שטויב פון דאַרוויניען, גוסטאַוו טעאָדאָר פעכנער.

איזאָלירט לאָזט זיך דער זין פון מאַנסביל און פרוי נישט דערפאָרשן; זיי קאָנען אין זייער באַדייטונג נאָר אין איינאַנדער און קעגנאַנאַנדער דערקענט און באַשטימט ווערן. אין זייער פאַרהעלטעניש צו איינאַנדער מוז געפינען ווערן דער שליסל פאַר דעם מהות פון ביידן. באַמיענדיק זיך צו דערפאָרשן די נאַטור פון דער עראָטיק, האָבן מיר שוין וועגן דעם אָנגעטייט. דאָס פאַרהעלטעניש צווישן מאַנסביל און פרוי איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס פאַרהעלטעניש צווישן סוביעקט און אָביעקט. די פרוי זוכט איר תיקון אַלס אָביעקט. זי איז די זאַך פונם מאַנסביל אָדער די זאַך פונם קינד און וויל, אַנטקעגן יעטוועדער פאַרשלייערונג, נישט אַנדערש גענומען ווערן ווי אַלס זאַך. קיינער פאַרשטייט נישט אַזוי שלעכט דעם אמתדיקן פאַרלאַנג פון דער פרוי, ווי דער, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דעם אַלעם, וואָס אין איר קומט פאָר, וועלכער ווייזט אַרויס אויפמערקזאַמקייט צו אירע געפילן און האָפענונגען, אירע איבערלעבענישן און אינערלעכער אייגנאַרטיקייט. די פרוי וויל נישט באַהאַנדלט ווערן אַלס סוביעקט, זי וויל תמיד און אין יעדער הינזיכט — דאָס איז טאַקע איר פרוי־זיין — בלייבן אויסשליסלעך פּאַסיוו, זי וויל זיין אַן אָביעקט פון עפּעס אַ ווילן, זי וויל נישט זיין געערט און נישט געשוינט, זי וויל בכלל נישט געאַכט זיין. איר איינציקע באַדערפעניש באַשטייט דערין, אַז זי זאָל באַגערט ווערן אַלס קערפּער, און אַז זי זאָל באַזעסן ווערן אַלס פרעמד אייגנטום. פּונקט ווי די בלויזע עמפּינדונג געווינט רעאַליטעט ערשט דאַן, ווען זי ווערט

באַגריף, ד. ה. געגנשטאַנד, אַזוי דערלאַנגט די פרוי צו איר דאָזיין און צו אַ געפיל דערפון ערשט, ווען זי ווערט דורכן מאַנסביל אָדער דורכן קינד, אַלס סוביעקט, דערהויבן צו דער מדרגה פון אַן אָביעקט, און אַזויער־נאָך באַקומט זי פון זיי במתנה איר עקזיסטענץ.

דער קעגנזאַץ צווישן סוביעקט און אָביעקט פון דערקענטניש־טעאָרעטישן שטאַנדפונקט שטעלט מיט זיך פאָר אין אַנטאָלאָגישער הינזיכט די קעגנשטע־לונג פון פאָרם און מאַטעריע. די דאָזיקע קעגנ־שטעלונג איז נאָר די איבערטראָגונג פון יענער אונטערשיידונג פון דער טראַנסצענדענטאַלער ספערע אויף דער טראַנסצענדענ־טאַלער שפּראַך, פון דעם דערפאַרונגס־קריטישן געביט אויפן מע־טאַפיזישן געביט. די מאַטעריע, דאָס אַבסאָלוט אומאינדיווידו־אַליזירטע, דאָס, וואָס קאָן אָננעמען יעדע פאָרם, אַליין אָבער האָט עס נישט קיין באַשטימטע און דויערנדיקע אייגנשאַפטן, איז דאָס, וואָס באַזיצט אַזוי ווייניק יש, פונקט ווי די בלויזע עמפינדונג — די מאַטעריע פון דער דערפאַרונג — באַזיצט זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ. ובכן, אינדערצייט ווען דער קעגנזאַץ צווישן סוביעקט און אָביעקט באַציט זיך אויף דער עקזיסטענץ (מחמת די עמפינדונג געווינט ערשט איר רעאַליטעט אַלס אָביעקט, וואָס איז אַקעגנגעשטעלט דעם סוביעקט), באַטייט דער קעגנזאַץ צווישן פאָרם און מאַטעריע אַן אונטערשיד פונם יש (די מאַטעריע איז אָן געשטאַלטונג לחלוטין אוממאיכותדיק). דערפאַר האָט פּלאַטאָן געקאָנט אויך די שטאָפלעכקייט, די מאַסע, וואָס לאָזט זיך געשטאַלטן, דאָס אין זיך פאָרמלאָזע ἀπείρον, דעם קנעטבארן טייג פון ἐκμαγεῖον, דאָס, אין וועלכן ס'ווערט אַריינגעגאָסן די פאָרם, איר אָרט, איר χώρα, ἐν φ, יענץ אייביק צווייטע, אַנדערע, דאָס θάτερον, באַצייכענען אויך אַלס נישטזייענדיקע, אַלס דאָס μὴ ὄν, וועמען די דאָזיקע ווערטער פירן אַרויף אויפן רעיון, אַז פּלאַטאָן

איז מיט זיין נישטזייענדיקס אויסן געווען דעם רוים, דער צייט אַראָפּ דעם טיפסטן דענקער אויפן ניוואָ פון דער פלאַכסטער אויבערפלעכלעכקייט. אוודאי וועט קיין שום באַדייטנדיקער פילאָזאָף נישט צושרייבן דעם רוים קיין מעטאַפיזישע עקזיסטענץ, אָבער פונקט אַזוי ווייניק קאָן ער אים באַטראַכטן אַלס דאָס נישטזייענדיקע. דאָס כאַראַקטעריזירט גראָד דעם השגהלאָזן, פרעכן פלוידערער, וואָס דער ליידיקער רוים איז פאַר אים „לופט", „גאָרנישט"; ערשט באַ טיפערן נאָכדענקען געווינט ער רעאַליטעט, און ווערט צום פראָבלעם. דאָס נישטזייענדיקע פון פלאַטאָנען איז גראָד דאָס, וואָס דערשיינט דעם פיליסטער אַלס דאָס דענקבאַר רעאַלסטע, אַלס דער סך-הכל פון די עקזיסטענץ-ווערטן, און דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי טאַקע די מאַטעריע.

און אַזוי שליס איך זיך אָן פון איין זייט אָן פלאַטאָנען, וועלכער פאַרגלייכט זיין יעדע פאָרם-אָננעמענדיקן עלעמענט מיט דער מוטער און אַם פון יעטוועדן פּראָצעס פון ווערן בכלל, און פון דער צווייטער זייט, גייענדיק אין די שפּורן פון אַריסטאָטעלן, וועמעס נאַטורפילאָזאָפיע האָט צוגעטיילט אין געשלעכטס-אַקט דעם ווייבלעכן פרינציפּ די שטאָפלעכע, און דעם מענלעכן — די פאָרמירנדיק ראָליע. נאָר שוין-זשע וועט עס נישט זיין צו דרייסט און ריזיקאַליש צו באַהויפּטן אויפן סמך פון די געבראַכטע אָנשויונגען, אַז די באַדייטונג פון דער פרוי פאַרן מאַן באַשטייט דערין, וואָס זי איז איבערהויפּט די פאָרשטייערין פון דער מאַטעריע? דער מאַנסביל, אַלס מיקראָקאָסמאָס, איז ביידע, צונויפגעשטעלט פון העכערן און נידעריקערן לעבן, פון מעטאַפיזישן עקזיסטירנדיקן און וועזנלאָזן, פון פאָרם און מאַטעריע: די פרוי איז גאָרנישט, זי איז נאָר מאַטעריע.

ערשט דידאָזיקע דערקענטעניש בילדעט דעם שלוסשטיין פון דער געביידע, פון איר אויס ווערט דייטלעך אַלץ, וואָס איז נאָך געווען אומקלאָר, און פאַרקיילעכיקט זיך צום געשלאָסענעם צוזאַמענהאַנג. דאָס געשלעכטלעכע שטרעבן פון דער פרוי איז געריכטעט אויף דער באַרירונג, עס איז נאָך קאָנטרעקטאַציע- און נישט דעטומעסצענץ-דראַנג.

אַנטשפּרעכנדיק דערצו איז אויך דאָס דינסטע געפּיל פון דער פרוי, און צוגלייך דאָס איינציקע, בײַ איר מער אַנטוויקלטע ווי בײַם מאַנסביל, דאָס ט אַ פּ - ג ע פּ י ל. אויג און אויער פירן ביידע אין דאָס אומבאַגרעניצטע און לאָזן אונז אַנען אַן אומ- ענדלעכקייט; דער טאַפּ-חוש פּאָדערט ענגסטע קערפּערלעכע נאָענטקייט, כדי צו קאָנען זיין טעטיק; מען מישט זיך אויס מיט דעם, וואָס מען רירט אָן: ער איז דער עמינענט שמוציקער חוש, און ווי באַשאַפן פאַר אַ ווערזן, וואָס איז גענייגט צום קערפּערלעכן פאַרקער. ער איז דער פאַרמיטלער פאַר דער ווי- דערשטאַנדס-עמפּינדונג, פאַר דער געוואָרנעמונג פון דעם אָנ- טאַפּבאַרן; אָבער טאַקע וועגן דער מאַטעריע, ווי ק אַ נ ט האָט אויפגעוויזן, לאָזט זיך נישט זאָגן עפּעס אַנדערש ווי דאָס, אַז זי איז אַזאַ מין רוים-אָנפּילונג, וועלכע שטעלט אַ געוויסן ווי ד ע ר ש ט אַ נ ד אַלעם, וואָס שטרעבט אין איר אַריינצו- דרינגען. דער פאַקט פון דער „מניעה" האָט געשאַפן פּונקט אַזוי דעם פּסיכאָלאָגישן (נישט דעם דערקענטעניש-טעאָרעטישן) ז אַ ך -באַגריף, ווי אויך דעם מגוזמדיקן רעאַליטעטס-כאַראַקטער, וועלכן די מייסטן מענטשן שרייבן צו דעם טאַפּ-געפּיל, אַלס דער סאָלידערער, „פּרימערער" אייגנשאַפט פון דער דערפאַרונגס- וועלט. אָבער דער פאַקט, וואָס פאַר דעם געפּיל פונם מאַנסביל פאַרלירט די מאַטעריע נישט פולשטענדיק דעם כאַראַקטער פון דער אייגנטלעכער רעאַליטעט, דערקלערט זיך מיט דעם אין מאַנסביל נאָך אַלץ שטעקנדיקן לעצטן רעשט פון דער ווייבלעכ- קייט, וויבאַלד ס'וואָלט פאַראַן געווען אַן אַבסאָלוטער מאַנסביל, טאָ וואָלט פאַר אים די מאַטעריע נישט געווען אויך פּ ס י כ אָ- ל אָ ג י ש (נישט נאָר לאָגיש) אַן עפּעס זייענדיקס.

דער מאַנסביל איז פאָרם, די פרוי — מאַטעריע. וויבאַלד דאָס איז ריכטיק, מוז עס אויך געפינען אַן אויסדרוק אין דעם קעגנזייטיקן פאַרהעלטעניש פון זייערע איינצלנע פּסיכישע איבערלעבענישן. די לאַנג פעסטגעשטעלטע גלידערונג פון די אינהאַלטן פון מענלעכן נשמה-לעבן להיפוך צו די אומאַרטיקו- לירטע און כאַאָטישע פאָרשטעלונגען פון דער פרוי איז דער אויסדרוק פון נישט עפּעס אַנדערש, ווי פון דאָזיקן טאַקע קעגנ- זאַץ פון פאָרם און מאַטעריע. די מאַטעריע וויל געפורימט

ווערן: דערפאַר פאַרלאַנגט די פרוי פונם מאַנסביל די *ליי־טערונג* פון אירע פאַרפלאָנטערטע געדאַנקען, די *אויס־טײַטשונג* פון די *העגידן*.

די פרויען זענען די מאַטעריע, וועלכע נעמט אָן יעדע פאָרם. יענע אונטערזוכונגען, וועלכע האָבן פעסטגעשטעלט בײַ די מיידלעך אַ גרעסערע דערינערונג ספּעציעל אין דעם לערן־שטאָף, איידער בײַ די ייִנגלעך, לאָזן זיך נאָר דערקלערן מיט דער פוסטקייט און נוליטעט פון די פרויען, וועלכע קאָנען *אימפּרעגנירט* ווערן מיט יעטוועדן באַליביקן אינהאַלט, אינדערצייט ווען דער מאַנסביל פאַרבאַהאַלט נאָר דאָס, וואָס עס אינטערעסירט אים ווירקלעך, און אַלדאָס איבעריקע פאַר־געסט ער (פגל. II טייל). אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגע־רופן *בויגעוודיקייט* פון דער פרוי, איר אויסערגע־וויינלעכע *באַאײַנפלוסבאַרקייט* דורכן פרעמדן אורטייל, איר *סוגעסטיביליטעט*, איר פולשטענדיקע *אומגעשטאַלטונג* דורכן מאַנסביל אויפן דאָזיקן בלויז־מאַטעריע־זײַן — דאָס אַלץ דערקלערט זיך נאָר דערמיט, וואָס איר פעלט יעטוועדע *אורשפּרינגלעכע* פאָרם. *די פרוי איז גאָרניש, און דערפאַר, נאָר דערפאַר קאָן זי ווערן אַלץ*; *בשעת דער מאַנסביל קאָן תמיד נאָר ווערן דאָס, וואָס ער איז*. פון אַ פרוי קאָן מען מאַכן, *וואָס מען וויל*; דעם מאַן קאָן מען העכסטנס צוהעלפן צו דעם, וואָס ער וויל. דערפאַר האָט, ערנסט גערעדט, אייגנטלעך נאָר אַ *זין* צו *דערציען* פרויען, אָבער נישט קיין מענער. אין מאַנסביל וועט זיך דורך דערציונג קיינמאָל עפּעס עצמדיקס נישט ענדערן; אין דער פרוי קאָן אַפילו איר אייגנסטע נאַטור, די הויכשאַצונג פון דער סעקסואַליטעט, דורך אויסערלעכן אײַנפלוס פולשטענדיק אונטערדריקט ווערן. די פרוי קאָן זיך אויסווייזן צו זײַן אַלץ און פאַרלייקענען אַלץ, אָבער איגדערעמתן איז זי קיינמאָל גאָרנישט.

די פרויען האָבן נישט די אָדער יענע אייגנשאַפט, נאָר זייער עצם באַשטייט דערין, וואָס זיי *האָבן לגמרי נישט קיין שום* אייגנשאַפטן; דאָס איז די גאַנצע קאָמפּליצירט־קייט און דאָס [illegible] רעטעניש פון דער פרוי, דערין באַשטייט

איר יתרון איבערן מאַנסביל און איר פאַרהוילנקייט פאַר אים, מחמת דער מאַנסביל זוכט אויך דאָ תמיד דעם פעסטן קערן.

אַנטקעגן אונזערע ביזאַהעריקע אויספירן, ווען אַפילו מען זאָל מיט זיי גופא איינפאַרשטענדיק זיין, וועט געוויס אַרויס־געברוקט ווערן דער פאָרוואורף, אַלמאַי זיי דערקלערן לגמרי נישט, וואָס אייגנטלעך עס איז דער מאַנסביל. צי לאָזט זיך אים צושרייבן עפעס אַלס זיין אַלגעמיינע אייגנשאַפט, ווי מ׳האָט דער פרוי צוגעשריבן צוגויפּאַרערײַ און וועזנ־לאָזיקײַט? צי איז איבערהויפּט פאַראַן אַ באַגריף פונם מאַנסביל, ווי ס׳איז פאַראַן אַ באַגריף פון דער פרוי, און לאָזט זיך דערדאָזיקער באַגריף ענלעך דעפינירן?

דערויף קאָן מען ענטפערן, אַז די מענלעכקייט ליגט טאַקע אינם פאַקט פון דער אינדיווידואַליטעט, פון דער וועזנהאַפטיקער מאָנאַדע און דעקט זיך מיט אים פולשטענדיק. יעדע מאָנאַדע אָבער אונטערשיידט זיך פון יעדער אַנדערער מיט אַ גאַנצער אומענדלעכקייט און דערפאַר לאָזט זיך קיינע נישט אונטערוואַרפן וועלכן ס׳איז אַלגעמיינעם באַגריף, וועלכער זאָל אַנטהאַלטן דאָס געמיינזאַמע פון פיל מאָנאַדן. דער מאַנסביל איז דער מיקראָקאָסמאָס, אין אים זע־נען אַנטהאַלטן אַלע מעגלעכקייטן איבערהויפּט. אָבער מען דאַרף דאָס נישט פאַרטוישן מיט דער אוניווערסאַלער איבערנעמערישקייט פון דער פרוי, וועלכע קאָן ווערן אַלץ, זייענדיק גאָרנישט; בשעת דער מאַנסביל איז אַלץ און ער קאָן עס אויך ווערן, מער אָדער ווייניקער, לפי זיין באַ־גאַבונג. דער מאַנסביל האָט אין זיך אויך די פרוי, ער האָט אויך אין זיך די מאַטעריע, און ער קאָן דערדאָזיקער טייל פון זיין וועזן זיך לאָזן ברייט אַנטוויקלען, דאַן זינקט ער און דע־גענערירט; אָדער ער קאָן זי דערקענען און באַקעמפן — דערפאַר קאָן ער, און נאָר ער, דערלאַנגען צו דעם אמת וועגן דער פרוי (זע II טייל). די פרוי אָבער האָט נישט קיין שום מעגלעכקייט פון אַנטוויקלונג, אחוץ דורך דעם מאַנסביל.

גאַנץ דייטלעך ווערט די באַדייטונג פון מאַנסביל און פרוי תמיד ערשט אין דער באַטראַכטונג פון דידאָזיקע זייערע

קעגנזייטיקע סעקסועלע און עראָטישע פּאַרהעלטע-
ניש ן. דאָס טיפּסטע באַגערן פון דער פרוי איז, צו ווערן
געפּאָרמט און אַזוינאָך ערשט געשאַפן דורכן מאַנסביל.
די פרוי ווינשט, אַז דער מאַנסביל זאָל איר אונטערטראָגן מיי-
נונגען, גאַנץ אַנדערע, ווי זי האָט ביז אַהער געהאַט, זי
וויל דורך זיי זען אומגעשטויסן דאָס, וואָס זי האָט פריער גע-
האַלטן פאַר ריכטיק (היפוך פון פּיעטעט); זי וויל אַלס גאַנצעס
אָפּגעשאַפט זיין, כדי ערשט ניי געבילדעט צו ווערן
דורכן מאַנסביל. דער ווילן פונם מאַנסביל שאַפט ערשט די
פרוי, ער געוועלטיקט איבער איר און פאַרענדערט זי
פון גרונט אויס (היפּנאָז). דאָ קאָן מען אויך ענדלעך
געפינען אַן אויפקלערונג איבער דעם פאַרהעלטעניש פון פּסיכישן
צום פיזישן באַם מאַנסביל און פרוי. פריער האָבן מיר אָנגענו-
מען, אַז באַם מאַנסביל קומט פאָר זייער קעגנזייטיקער ווירי-
קונג אויף אַנאַנד און דאָס נאָר אין זינען פון אַן איינזייטיקער
שאַפונג פונם קערפּער דורך דער טראַנסצענדענטער פּסיכע אַלס
איר פּראָיעקציע אין דער דערשיינונגס-וועלט, באַ דער פרוי
דערקעגן האָט אַן אָרט דער פּאַראַלעליזם פון בלויז עמפּיריש-
פּסיכישע און עמפּיריש-פיזישע פּראָצעסן. איצט איז קלאָר, אַז
אויך באַ דער פרוי קומט פאָר אַ געוויסע קעגנזייטיקע ווירקונג.
אָבער בשעת באַם מאַנסביל, לויט שאָפּענהויערס אמת-
דיקסטער טעאָריע, אַז דער מענטש איז זיין אייגן ווערק, שאַפט
זיך דער אייגענער ווילן דעם קערפּער און אומגע-
שטאַלטיקט אים, ווערט די פרוי דורכן פרעמדן ווילן
קערפּערלעך באַאיינפלוסט און אומגעשטאַלטיקט
(סוגעסטיע, פאַרקוקן זיך). דער מאַן פאָרעמט בכן נישט בלויז
זיך, נאָר אויך, אַפילו לייכטער נאָך, די פרוי. יענע מיטן פון
דער גענעזיס און אַנדערע קאָסמאָגאָניעס, וועלכע לאָזן די פרוי
באַשאַפן ווערן דורכן מאַנסביל, האָבן אָנגעזאָגט אַ טיפערן אמת,
איידער די ביאָלאָגישע דעסצענדענץ-טעאָריעס, וועלכע גלויבן
אין דער אָפּשטאַמונג פון מענטשן אויס דעם ווייבלעכן.

אויך אויף יענער אין קאַפּ. IX אָפּגעלאָזטער פראַגע,
ווי אַזוי די פרוי, נישט באַזיצנדיק אליין קיין נשמה און ווילן,
האָט פאָרט די מעגלעכקייט אַרויסצוגעפינען, אין וועלכער מאָס

דער מאַנסביל איז מיט זיי באַשאָנקען, אויך אויף דערדאָזיקער שווערלעכער פראַגע קאָנען מיר איצט פּרוּוון צו ענטפערן. מען דאַרף זיך נאָר אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז דאָס, וואָס די פרוי באַמערקט און פאַר וועלכן זי האָט אַ פילבאַרן חוש, איז נישט די באַזונדערע נאַטור פון אַ מאַנסביל, נאָר דער *אַלגעמיינער פאַקט* און ווארשיינלעך נאָך דער *גראַד* פון זיין *מענלעכקייט*. דאָס איז אַ טיפער שקר, צביעות אָדער פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דער פרוי, וואָס איז דורכויס אימפּרעגנירט מיט דעם מענלעכן מהות, בעת מען זאָגט, אַז די פרוי האָט אַן אורשפּרינגלעך *פאַרשטענדעניש* פאַר דער *אינדיווידואַליטעט* פון דעם מאַנסביל. דער פאַרליבטער, ווען ס'איז אַזוי לייכט אָפּצונאַרן דורכן דאָזיקן אומבאַוווסטזיניקן סימולירן פון אַ טיפערן באַנעמען מצד דער פרוי, מעג זיך געזונטערהייט גלויבן, אַז עפּעס דאָרט אַ מיידל פאַרשטייט זיין מהות; ווער עס האָט גרעסערע פאָדערונגען, דער וועט עס זיך נישט קאָנען פאַרהוילן, אַז די פרויען באַזיצן נאָר אַ חוש פאַרן *דאָס*, נישט פאַרן *וואָס* פון דער נשמה, נאָר פאַרן *פאָרמעלן אַלגעמיינעם פאַקט*, נישט פאַר דער *באַזונדערקייט* פון דער פערזענלעכקייט. מחמת כּדי צו קאָנען פערציפּירן און אַפּערציפּירן *ספּעציעלע* פאָרם, וואָלט די מאַטעריע געמוזט זיין נישט *פאָרמלאָז*; דאָס פאַרהעלטעניש פון דער פרוי צום מאַנסביל איז אָבער נישט קיין אַנדערס ווי דאָס פאַרהעלטעניש פון דער מאַטעריע צו דער פאָרם, און איר פאַרשטענדעניש פאַר אים איז נישט עפּעס אַנדערש ווי גרייטוויליקייט, וואָס מעגלעך קרעפטיקער געפאָרמט צו ווערן, דער אינסטינקט פון עקזיסטענצלאָזן פאַר עקזיסטענץ. ובכן, דאָסדאָזיקע „פאַרשטענדעניש" איז קיין טעאָרעטיש, דאָס איז נישט קיין אָנטיילנעמען, נאָר אַ פאַרלאַנג צו האָבן אָנטייל; עס איז צודרינגלעך און עגאָיסטיש.

די פרוי האָט נישט קיין שום פאַרהעלטעניש צום *מאַנסביל*; זי איז נאָר באַשאָנקען מיט אַ חוש פאַר *מענלעכקייט*, אָבער נישט פאַרן מאַנסביל. און וויבאַלד זי דאַרף געהאַלטן ווערן פאַר סעקסועל באַדערפטיקער פון אים, טאָ ווייזט דאָס י׳ער אויף איר אינטענסיוון באַגער נאָך שפּעדיקסטער און

שטאַרקסטער געשטאַלטונג: עס איז דאָס וואַרטן אויף דעם מעגלעכסט גרעסטן קוואַנטום פון עקזיסטענץ.

און נישט עפעס אַנדערש איז אויך סוף-כל-סוף די צונויפפאָרעריי. די סעקסואַליטעט פון די פרויען איז איבעראינדיווידועל, ווייל זיי שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין אָפגעגרעניצטע, געפאָרמטע, אינדיווידואַליזירטע וועזנהייטן אין העכערן זינען. דער העכסטער אויגנבליק אין לעבן פון דער פרוי, דער, אין וועלכן עס אַנטפלעקט זיך איר אורזיין, איר אורחשק, איז יענער מאָמענט, ווען די מענלעכע זרע פליסט אין איר אַריין. דאַן האַלזט זי דעם מאַנסביל שטורמיש אַרום און פרעסט אים צו זיך: דאָס איז דער העכסטער חשק פון דער פאַסיוויטעט, שטאַרקער נאָך, איידער דאָס גליק-געפיל פון דער היפנאָטיזירטער, די מאַטעריע, וועלכע ווערט אָקאָרשט געפאָרעמט און וויל נישט אָפלאָזן די פאָרם, נאָר וויל זי אויף אייביק צושמידן צו זיך. דערפאַר איז אויך די פרוי דעם מאַנסביל אַזוי אומגעהויער דאַנקבאַר פאַרן קאָיטוס, צי דאָסדאָזיקע דאַנק-געפיל איז בלויז באַגרעניצט אויפן מאָמענט, ווי בא דער זפרונגלאָזער גאַסנמיידל, אָדער עס דויערט און ווירקט ווייטער, ווי בא די מער דיפערענצירטע פרויען. דאָסדאָזיקע אומענדלעכע באַמיען זיך פון דער אָרעמקייט, וואָס וויל זיך באַהעפטן מיט דעם רייכטום, דאָס לגמרי פאָרמלאָזע און דערפאַר איבעראינדיווידועלע שטרעבן פון אומגעגלידערטן צו ברענגען מיט זיך אין באַרירונג די פאָרם, זי דויערנדיק צוצוהאַלטן און אַזויערנאָך געווינען עקזיסטענץ, — דאָס אַלץ ליגט אין טיפסטן יסוד פון דער פאַרמיטלעריי. דער פאַקט, וואָס די פרוי איז נישט מאָנאַדע און האָט נישט קיין גרעניצן, דערמעגלעכט די דערשיינונג גופא פון דער פאַרמיטלעריי; זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ווירקלעכקייט, ווייל זי רעפרעזענטירט די אידעע פונם גאָרנישט פון דער מאַטעריע, וועלכע שטרעבט אומאויפהערלעך און אויף יעדן אופן צו ברענגען זיך אין אַ קשר מיט דער פאָרם. פאַרמיטלעריי איז דאָס אייביקע שטרעבן פונם „גאָרנישט" צו „עפעס".

אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז די דואַליטעט פון מאַנסביל

און פרוי אַנטוויקלט צום דואַליזם איבערהויפּט, צום דואַליזם פון העכערן און נידריקערן לעבן, פון סוביעקט און אָביעקט, פון פאָרם און מאַטעריע, פון עפּעס און גאָרנישט. יעטוועדעס מעטאַפיזישע, יעטוועדעס טראַנסצענדענטאַלע זיין איז לאָגיש און מאָראַליש זיין: די פרוי איז אַלאָגיש און אַמאָראַליש. זי אַנטהאַלט אָבער אויך נישט קיין אָפּקער פון לאָגישן און מאָראַלישן, זי איז נישט אַנטי־לאָגיש און זי איז נישט אַנטי־מאָראַליש. זי איז נישט דאָס נישט, נאָר דער גאָרנישט, זי איז נישט דער יאָ, זי איז אויך נישט דער ניין. דער מאַנסביל פאַרבאָרגט אין זיך די מעגלעכקייט צום אַבסאָלוטן עפּעס און צום אַבסאָלוטן גאָרנישט, און דערפאַר האָט זיין גאַנץ האַנדלען אַ ריכטונג צו דעם איינעם אָדער דעם אַנדערן: די פרוי זינדיקט נישט, מחמת זי איז אַליין די זינד, אַלס מעגלעכקייט אין מאַנסביל.

דער ריינער מאַנסביל איז דאָס אידעאַלע בילד פון גאָט, פון אַבסאָלוטן עפּעס, די פרוי, אויך די פרוי אינם מאַנסביל, איז דער סימבאָל פונם גאָרנישט: דאָס איז די באַדייטונג פון דער פרוי אינם אוניווערס, און אַזוי דערגאַנצן און באַדינגען זיך מאַנסביל און פרוי. אַלס היפּך פונם מאַנסביל, האָט די פרוי אַ זין און אַ פונקציע אינם וועלטגאַנצן; און פונקט ווי דער מענטשלעכער מאַנסביל דערהויבט זיך איבער דעם חיהשן זכר, אַזוי אויך די מענטשלעכע פרוי — איבער דער נקבה פון דער זאָאָלאָגיע. דער מענטש פירט נישט קיין קאַמף צווישן אַ באַגרעניצט זיין און אַ באַגרעניצט נישטזיין, ווי די חיות. אין מענטשלעכן קיניגרייך גייט אַ קאַמף צווישן אומבאַגרעניצטן זיין און אומבאַגרעניצטן נישטזיין. אָט פאַרוואָס מאַנסביל און פרוי צוזאַמען שטעלן ערשט מיט זיך דעם מענטש פּאָר.

דער זין פון דער פרוי איז בכן, נישט־זין צו זיין. זי רעפּרעזענטירט דעם גאָרנישט, דעם קעגן־פּאָליוס פון דער גאָטהייט, די אַנדערע מעגלעכקייט אין

מענטש. דערפאַר גייט קיינזאַך נישט אָן פאַר אַזוי נבזהדיק, ווי דער פרוי-געוואָרענער מאַנסביל; אים שטעלט מען נידריקער פאַרן טעמפּסטן און רויסטן פאַרברעכער. און אַזוי דערקלערט זיך אויך יענע טיפסטע מ ו ר א אינם מאַנסביל: די מ ו ר א פ אַ ר ד ע ר פ ר ו י, ד אָ ס א י ז ד י מ ו ר א פ אַ ר ד ע ר ז י נ ל אָ ז י ק ײ ט: ד אָ ס א י ז ד י מ ו ר א פ אַ ר ד ע ם ל אָ ק נ ד י ק ן אָ פּ-ג ר ו נ ט פ ו נ ם ג אָ ר נ י ש ט.

די אַלטע פרוי אַנטפּלעקט אונז ערשט אינגאַנצן, וואָס די פרוי איז אין ווירקלעכקייט. די שיינהייט פון דער פרוי ווערט, אויך ריין דערפאַרונגסמעסיק, נאָר ג ע ש אַ פ ן דורך די ל י ב ע פונם מאַנסביל: די פרוי ווערט שענער, ווען אַ מאַנסביל ליבט זי, ווײל זי אַ נ ט ש פּ ר ע כ ט פ אַ ס י ו ו ד ע ם ו ו י ל ן, וו אָ ס ל י ג ט א י ן ז ײ ן ל י ב ע; ווי מיסטיש דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עס אָבער אַן אַלטעגלעכע באָאָבאַכטונג. די אַלטע פרוי ווייזט, אַז די פרוי איז קיינמאָל נישט שיין ג ע ו ו ע ן: ווײַבאַלד די פרוי וואָלט געווען שיין, וואָלט זי נישט געווען די מכשפה. אָבער די פרוי איז גאָרנישט, אַ הוילע כּלי, אַ ציימלאַנג איבערגעשמינקט און איבערגעטינקט.

אַלע קוואַליטעטן פון דער פרוי זענען ענג פאַרבונדן מיט איר נישטזיין, מיט איר ו ו ע ז נ ל אָ ז י ק ײ ט: היות ווי זי באַזיצט נישט קיין אמתדיק, אומפאַרענדערלעך לעבן, נאָר האָט בלויז אַן ערדיש לעבן, דערפאַר באַגינסטיקט זי אַלס מעקלערין די פּרוכפּערונג אין דאָזיקן לעבן, דערפאַר לאָזט זי זיך דורכן מאַנסביל, וועלכער ווירקט אויף איר זינלעך, פון גרונט אויס אומגעשטאַלטן און איז בכלל אויפנעמעריש. אַזוי פאַרייניקן זיך די דרײַ פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן פון דער פרוי, וועלכע דאָסדאָזיקע קאַפּיטל האָט אויפגעדעקט, און שליסן זיך צוזאַמען אין איר נישטזיין.

פון דאָזיקן באַגריף פונם נישטזיין פליסן אַרויס פאַרענדערלעכקייט און ליגנערישקייט, אַלס די צוויי נעגאַטיווע באַשטימונגען, דורך א ו מ מ י ט ל ב אַ ר ן דערדוקציע. בלויז די מעקלערײַ, אַלס די איינציקע פ אָ ז י צ י ע אין דער פרוי,

לאָזט זיך פון אים נישט אַרויסדרינגען אַזוי ראַש דורך פשוטן אַנאַליז.

און דאָס איז גאַנץ באַגרייפלעך. מחמת דאָס דאָזיין פון דער פרוי איז אַליין אידענטיש מיט דער צושאַנסעריי, מיט באַוויליקונג פון יעטוועדער סעקסואַליטעט בכלל. צושאַנסעריי איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אוניווערסאַלע סעקסואַליטעט. דער פאַקט, אַז די פרוי איז, באַטייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַז אין דער וועלט איז פאַראַן אַ ראַדיקאַלער דראַנג צו אַלגעמיינער סעקסואַליטעט. די רייפוריי נאָך ווייטער קויזאַל צוריקצופירן, באַטייט אַזויפיל, ווי דערקלערן דאָס דאָזיין פון דער פרוי.

וויבאַלד מ'זאָל נעמען אַלס אויסגאַנגס-פונקט די טאַבעל פון צווייפאַכיקן לעבן, טאָ קאָן מען זאָגן, אַז די ריכטונג פון העכערן לעבן צום ערדישן איז דער איבערגאַנג פון זיין צום נישטזיין, דער ווילן צום גאָרנישט, דאָס נישטס, דאָס אין-זיך-שלעכטע. אַנטימאָראַליש איז די באַוויליקונג פונם גאָרנישט: דאָס באַדערפעניש צו פאַרוואַנדלען פאָרם אין פאַרמלאָזן, אין מאַטעריע, דאָס באַדערפעניש צו צעשטערן.

דאָס „נישט” אָבער איז פאַרקרובישט מיט דעם גאָרנישט. און דערפאַר עקזיסטירט אַזאַ טיפער צוזמענהאַנג צווישן יעטוועדן פאַרברעכערישן און יעטוועדן ווייבלעכן. דאָס אַנטימאָראַלישע באַרירט זיך טאַקע מיט דעם אַמאָראַלישן, פון וועלכן אונזער אונטערזוכונג האָט עס מתחילת אויסדריקלעך אָפּגעשיידט, אין געמיינזאַמען באַגריף פון אוממאָראַלישן, און די געוויינלעכע אונטערשיידסלאָזע פאַרטוישונג פון ביידן באַקומט אַזוינאָך אַ געוויסע רעכטפאַרטיקונג. מחמת דער גאָרנישט איז אַליין טאַקע — גאָרנישט, ער איז נישט, ער האָט נישט קיין עקזיסטענץ, נישט קיין מהות. ער איז תמיד נאָר דאָס מיטל פונם „נישט”, דאָס, וואָס ווערט דורכן ניין אַנטקעגנגעשטעלט דעם עפּעס. ערשט בעת דער מאַנסביל

באַווילִיקט זיין אייגענע סעקסואַליטעט, בעת ער פֿאַרניינט דאָס אַבסאָלוטע, קערט זיך אָפּ פֿון אייביקן לעבן און באַהעפֿט זיך צום נידריקערן — נאָר דאַן באַקומט די פֿרוי עקזיסטענץ. נאָר דאַן, ווען דער עפּעס גייט איבער אין גאָרנישט, קאָן זיך דער גאָרנישט פֿאַרוואַנדלען אין עפּעס.

דער באַווילִיקטער פֿאַלוס איז דאָס אַנטימאָראַלישע. דערפֿאַר ווערט ער אָפּגעפֿילט אַלס דאָס העסלעכסטע; דערפֿאַר האָט מען אים תּמיד אויפֿגעפּאַסט אין אַ געוויסער באַציִונג צום שטן: דעם מיטלפּונקט פֿון דעם דאַנטעישן גיהנום (דער צענטער פֿון דער ערד) בילדעט דער געשלעכטס-אָרגאַן פֿון לוציפֿערן.

אַזוי דערקלערט זיך בכן די אַבסאָלוטע שליטה פֿון דער מענ-לעכער געשלעכטלעכקייט איבער דער פֿרוי*). נאָר דאַן, ווען דער מאַנסביל ווערט סעקסועל, באַקומט די פֿרוי עקזיסטענץ און באַדייטונג: זיין דאָזיין איז פֿאַרבונדן מיטן פֿאַלוס, און דערפֿאַר איז ער איר העכסטער האַר און אומבאַגרענעצטער געביטער. דער סעקסועל-געוואָרענער מאַנסביל איז דער פֿאַטום פֿון דער פֿרוי; דער דאָן זשואַן איז דער איינציקער מענטש, פֿאַר וועמען זי צאַפּלט-אויף ביז אין דער טיפֿעניש.

די קללה, וועלכע לאַסטעט אויף דער פֿרוי, איז דער בייזער ווילן פֿון דעם מאַנסביל: דער גאָרנישט

*) פֿגל. קאַפּ XI, סוף. אַזוינאָך דערקלערט זיך אויך, אַלמאַי די העכער שטייענדיקע פֿרויען זענען ביסעקסועל, ד. ה. זיי מוזן נישט שטיין אויסשליסלעך אונטער דער שליטה פֿונם פֿאַלוס. דאָך שיינט אין דער לעסבישער ליבע די היסטעריע צו שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָליע.

איז נאָר אַ ווערקצייג אין דער האַנט פונם גייסט. די קירכן-פּאָטערס האָבן דאָסזעלביקע פּאַטעטישער אויסגעדריקט, זאָגנדיק, אַז די פרוי איז דער אינסטרומענט פון טייוול. מחמת אין זיך איז די מאַטעריע גאָרנישט, ערשט די פאָרם דאַרף איר געבן עקזיסטענץ. די זינד-ירידה פון דער פאָרם איז טאַקע יענע פּאַראומרייניקונג, מיט וועלכער זי באַלאָדנט זיך, שפּירנדיק אַ דראַנג צום רעאַליזירן איר טעטיקייט אין דער מאַטעריע. בעת דער מאַנסביל איז געוואָרן סעקסועל, האָט ער באַשאַפן די פרוי.

דער פאַקט, וואָס די פרוי עקזיסטירט, באַטייט נאָר דאָס, אַז דער מאַן האָט באַוויליקט די געשלעכטלעכקייטן. די פרוי איז נאָר דער פועל-יוצא פון דער דאָזיקער באַוויליקונג, זי איז די סעקסואַליטעט גופא.

די פרוי איז אין איר עקזיסטענץ אָפּהענגיק פונם מאַנסביל: דער לעצטער, ווערנדיק מאַנסביל, אַלס היפּוך פון דער פרוי, ווערנדיק געשלעכטלעך, רופט ער אַרויס די פרוי, גיט איר דאָזיין. דערפאַר מוז דער פרוי אַלץ געלעגן זיין דערין, דעם מאַנסביל סעקסועל צו דערהאַלטן: מחמת זי האָט נאָר אַזויפיל עקזיסטענץ, אויף וויפל דער מאַנסביל געשלעכטלעכקייט, דערפאַר מוז דער מאַנסביל, אַזוי וויל זי עס, ווערן אינגאַנצן פאַלוס, דערפאַר פירט זי צונויף. זי איז נישט פעיק צו באַנוצן עפּעס אַ וועזן אַנדערש ווי אַלס מיטל צום צוועק, צום דאָזיקן צוועק פון קאָיטוס טאַקע; מחמת זי גופא האָט נישט קיין שום אַנדערן צוועק, ווי נאָר צו ווערן די סיבה פון דעם מאַנסבילס שולד. און זי וואָלט געוועזן טויט אין דעם אויגנבליק, ווען דער מאַנסביל וואָלט איבערגעוועלטיקט זיין סעקסואַליטעט.

דער מאַנסביל האָט באַשאַפן די פרוי און באַשאַפט זי בסדר אויפסניי, ״״ זמן ער איז נאָך סעקסועל. פונקט ווי ער

האָט געגעבן דער פרוי דאָס באַוווסטזיין (II טייל, קאַפּ III סוף), אַזוי גיט ער איר אויך דאָס *זיין*. דערמיט וואָס ער איז נישט מותר אויפן קאָיטוס, רופט ער אַרויס צום לעבן די פרוי. *די פרוי איז די שולד פונם מאַנסביל.*

די ליבע איז באַרופן מתקן צו זיין דידאָזיקע שולד. דאָ ווערט אויפגעקלערט דאָס, וועגן וועלכן מיר האָבן באַם סוף פון פאָריקן קאַפּיטל גערעדט אין דער פאָרם פון אַ פאַרנעפּלטן, אומקלאָרן מיטאָס. עס אַנטפּלעקט זיך דאָס, וואָס איז שוין פריער געלעגן פאַרבאָרגן: אַז די פרוי עקזיסטירט נישט ביז צו דעם זינד-פאַל פונם מאַנסביל, זי עקזיסטירט נישט אָן אים, אַז דערדאָזיקער זינד-פאַל רויבט באַ איר נישט צו קיין רייכטום, וועלכעס זי האָט פאַרמאָגט ביז אים; אַז ער האָט גיכער פון אָנהויב אָן באַטראַכט די פרוי אַלס נעבעכדיקע אָרימקייט. פאַר דעם פאַרברעך, וואָס עס איז באַגאַנגען און באַגייט כסדר דער מאַנסביל, באַשאַפנדיק די פרוי, ד. ה. באַווילִיקנדיק דעם קאָיטוס, *וויל ער פאַרגיטיקן דער פרוי אַלס ערראָטיקער.* מחמת פונוואַנען דען זאָל שטאַמען דידאָזיקע קיינמאָל און מיט גאָרנישט געזעטיקטע *גרויסמוטיקייט* פון דער ליבע? אַלמאַי איז די ליבע באַרופן צו באַשענקען מיט נשמה גראָד די פרוי, און נישט עפּעס אַן אַנדער וועזן? אַלמאַי קאָן דאָס קינד נאָכנישט ליבן, און די ליבע טרעט תמיד אויף ערשט גלייכצייטיק מיט דער סעקסואַליטעט, אין דעם פּעריאָד פון געשלעכטלעכער רייפקייט, און צוזאַמענהאַנג מיט דער באַווילִיקונג פון דער פרוי און מיט דער באַנייונג פון דער זינד? די פרוי איז דורכויס דער געגנשטאַנד, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיטן כוח פון געשלעכטס-דראַנג פונם מאַנסביל; ער האָט זי באַשאַפן אַלס דעם אייגענעם ציל, אַלס דאָס האַליצינירטע בילד, פאַר וועלכן עס כאַפּט זיך דורשטיק זיין טרוים; די פרוי איז די אָביעקטיוויזאַציע פון דער מענלעכער סעקסואַליטעט, *די פאַרקערפּערטע געשלעכטלעכקייט, זיין פלייש-געוואָרענע שולד.* יעדער מאַנסביל, בעת ער אינקאַרנירט זיך, שאַפט פאַר זיך אויך אַ פרוי, מחמת יעדער איז אויך סעקסועל. אָבער די פרוי פאַרדאַנקט איר קיום נישט דער אייגענער, נאָר דער פרעמדער

שולד; און אַלץ, וואָס ס'קאָן דער פרוי ווערן פאַרגעוואָרפן, איז די שולד פונם מאַנסביל. די ל י ב ע דאַרף פאַרדעקן דידאָזיקע שולד, אָנשטאָט זי גובר צו זיין; זי דערהויבט די פרוי, אָנשטאָט זי אומצוברענגען. דער עפעס שליסט איין דעם גאָרנישט אין זיינע אָרעמס, און גלויבט אַזוינאָך צו באַפרייען די וועלט פון דער נעגאַציע און צו פאַרגלעטן אַלע סתירות; אינדערצייט ווען דער „גאָרנישט" וואָלט נאָר דעמאָלט געקאָנט פאַרשווינדן, ווען דער „עפעס" זאָל זיך פון איר האַלטן פונווייטנס. פונקט ווי די שנאה פון דעם מאַנסביל צו דער פרוי איז נאָר די נאָכנישט זעענדיק געוואָרענע שנאה צו דער אייגענער סעקסואַליטעט, אַזוי איז די ליבע פונם מאַנסביל זיין דרייסטסטער, ענדגילטיקער פרווו אָפּצוראַטעווען זיך די פרוי אַלס פרוי, אָנשטאָט זי, אַלס אַזעלכע, פון דער טיפעניש צו פאַרניינען. נאָר פונדאַנען שטאַמט איר שולדבאַוווסטזיין: דורך איר דאַרף די שולד גופא ווערן ב אַ ז י י ט י ק ט, אָבער נישט א ו י ס ג ע ק ו י פ ט.

מחמת די פ ר ו י א י ז נ אָ ר ד י ש ו ל ד א ו ן נ אָ ר ד ו ר ך ד י ש ו ל ד פ ו נ ם מ אַ נ ס ב י ל; א ו ן ו י ב אַ ל ד ו י י ב ל ע כ ק י י ט ב אַ ט י י ט מ ע ק ל ע ר י י, ט אָ א י ז ע ס נ אָ ר ד ע ר פ אַ ר, ו ו י י ל י ע ט ו ו ע ד ע ש ו ל ד ש ט ר ע ב ט פ ו ן ז י ך ג ו פ א צ ו פ אַ ר מ ע ר ן ז י ך. דאָס אַלץ, וואָס די פרוי איז אימשטאַנד צו טון מיט איר עקזיסטענץ, מיט איר גאַנצן מהות, אַלץ, וואָס זי טוט-אויף אייביק אומבאַוווסטזיניק, דאָס איז נאָר דער ד ר אַ נ ג א י נ ם מאַנסביל, זיין צווייטער, אומאויסראָטבאַרער, זיין נ י ד ר י ק ע ר ע ר דראַנג: ענלעך צו וואַלקירע, קלויבט זי פון פרעמדן ווילן בלינדערהייט איר גורל אויס. די מאַטעריע שיינט צו זיין אַ נישט וויניקער אומדערגרינטלעך רעטעניש ווי די פאָרם, די פרוי גלייך אומענדלעך ווי דער מאַנסביל, דער גאָרנישט פונקט אַזוי אייביק ווי דאָס זיין; אָבער דידאָזיקע אייביקייט איז נאָר די אייביקייט פון דער שולד.

קאַפּיטל XIII

דאָס יידנטום

> „Hiebei wird es darauf ankommen, etwas wirklich Vorhandenes deutlich auszusprechen, keineswegs aber etwas Unwirkliches durch die Kraft irgend welcher Einbildung künstlich beleben zu wollen".
>
> Richard Wagner

'ס וואָלט נישט געווען קיין חידוש, ווען עס זאָל זיך צמיצן אויסווייזן, אַז אין סך-הכל פון דער ביזאַהעריקער אונטערזוכונג זענען די מענער אַרויסגעקומען איז אַ צו גוט ליכט, אַז זיי זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַן איבערגעטריבן הויכן פּאָסטאַמענט. מען קאָן, פאַרשטייט זיך, נישט לייגן קיין אַכט אויף ביליקע אַרגומענטן, נישט שטרייטן אַקעגן דעם באַוויז, סאַראַ איבעראַשנדיקע ווירקונג עס דאַרף האָבן אויף דעם פיליסטער אָדער לאַידאַק דער איינער פאַקט, אַז ער אַנטהאַלט אין זיך די גאַנצע וועלט; און דאָך וועט מען די באַהאַנדלונג פון מענלעכן געשלעכט באַטראַכטן נישט בלויז פאַר צו דעליקאַט, נאָר מ'וועט אונז פשוט באַשולדיקן אין טענדענציעזער פאַרשווייגונג פון אַלע דערווידערלעכע און קליינלעכע זייטן פון דער מענלעכקייט לטובת אירע העכסטע שפּיצן.

די באַשולדיקונג וואָלט געווען אומגערעכטיק. עס קומט מיר כלל נישט אויפן רעיון צו אידעאַליזירן די מענער, כדי צו קאָנען לייכטער צראָפּצודריקן דעם ווערט פון דער פרוי.

איך לייקן נישט, אַז צווישן די עמפּירישע פאָרשטייער פון דער
מענלעכקייט איז פאַראַן פיל באַגרעניצטע און געמיינע עקזעמ-
פּלאַרן; אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן בעסערע מעגלעכ-
קייטן, וועלכע זענען דאָ אין יעדן מאַנסביל, און וועלכע
ווערן דורך אים, אַלס פאַרנאַכלעסיקטע, מיט שמערצלעכער העל-
קייט אָדער טויבער פיינטשאַפט אָפּגעפּילט; מעגלעכקייטן, וועל-
כע קומען בײַ דער פרוי קיינמאָל נישט אין חשבון, נישט אין
דער ווירקלעכקייט און נישט אין געדאַנקלעכער פאָרשטעלונג!
און ס'האָט מיר אויך דאָ בעצם נישט געקאָנט גיין וועגן אונ-
טערשיידונגען צווישן מענער, הגם איך פאַרמאַך נישט די אויגן
אויף זייער וויכטיקייט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער
פעסטשטעלונג, וואָס די פרוי איז נישט, און דאָ האָט זיך
טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז איר פעלט פיל אַזעלכע זאַכן, וועלכע
עס פעלט קיינמאָל נישט אינגאַנצן אַפילו דעם מיטלמע-
סיקסטן און המונישסטן מאַנסביל. דאָס, וואָס זי איז, די פּאָזי-
טיווע אייגנשאַפטן פון דער פרוי (אויף וויפל מ'קאָן דאָ בכלל
רעדן וועגן עפּעס אַ זיין, וועגן אַ פּאָזיטיווער עקזיסטענץ) וועט
מען קאָנען תמיד אויך בײַ פיל מענער אָפּגעפינען. פאַראַן
מענער, ווי מיר האָבן עס שוין אָפט באַמערקט, וועלכע
זענען געוואָרן ווייבער אָדער געבליבן ווייבער;
אָבער ס'איז נישט פאַראַן קיין שום פרוי, וועלכע זאָל איבער-
שרייטן געוויסע, נישט צו הויך אָנגעצייכנטע, מאָראַלישע און
אינטעלעקטועלע גרעניצן. און דערפאַר וויל איך עס דאָ נאָכ-
אַמאָל אַרויסזאָגן: די העכסטשטייענדיקע פרוי שטייט
נאָך אומענדלעך נידריקער פון דעם נידריקסט:
שטייענדיקן מאַנסביל.

יענע איינווענדונגען וואָלטן אָבער געקאָנט גיין ווייטער און
באַרירן אַ פונקט, אויף וועלכן דער טעאָריע מײַנער וועט אויסקומען
זיך אומבאַדינגט אָפּצושטעלן, כדי אויסצומיידן איבעריקע פאָר-
וורפן. פאַראַן פאַרשידענע פעלקערשאַפטן און ראַסן, ווו דער
מענלעכער עלעמענט, נישט קאָנענדיק כלל באַטראַכט ווערן אַלס
סעקסועלע צווישנפאָרם, ווייזט דאָך אַרויס אַזוי ווייניק ענלעכ-
קייט מיט דער אידעע פון דער מענלעכקייט, ווי זי טרעט-אויף
אין דער דאָ אָנגעוואָרפענער צייכענונג, אַזוי אַז די פּרינציפּן,

יאָ, דער גאַנצער יסוד, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די־דאָזיקע אַרבעט, שיינען דורכדעם דערשיטערט צו זיין. וואָס דאַרף מען, למשל, טראַכטן וועגן די כ י נ ע ז ע ר, מיט זייער ווייבלעכער באַדערפענישלאָזיקייט און זייער מאַנגל אין וועלכן ס'איז שטרעבן? דאָ איז בלי־ספק דער נסיון צוצושרייבן דעם גאַנצן פאָלק אַן אויסשליסלעכע ווייבלעכקייט באַזונדערס גרויס. ווייניקסטנס קאָן דאָך דער מנהג צו טראָגן אַ צאָפ נישט זיין קיין בלויזער קאַפריז פון אַ גאַנצער נאַציע, און איז דאָך אויך זייער באָרד־וווקס נאָר אַן אויסערגעוויינלעך קאַרגער. און ווי־זשע זעט עס אויס מיט די נ ע ג ע ר ן? שוין־זשע האָבן די נעגערן אַרויסגעגעבן כאָטש איין זשעני; און מאָראַליש שטייען זיי כמעט אַלע אַזוי נידריק, אַז מען האָט אין אַמעריקע כידוע אָנגעהויבן מורא צו האָבן, צי די עמאַנציפאַציע איז נישט אַמאָל אַ צו ריזיקאַלישער שריט.

ובכן, וויבאַלד דער פרינציפ פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען קאָן האָבן אַ געוויסע באַדייטונג פאַר אַ ראַסן־אַנטראָפאָלאָגיע (אַדאַנק דעם, וואָס איינציקע פעלקער באַזיצן בכלל אַ גרעסערן קוואַנטום ווייבלעכקייט), טאָ דאַרף מען דאָך אויך צוגעבן, אַז די ביזאַהעריקע אויספירן זענען נוגע קודם־כל דעם אַ ר י ש ן מ אַ נ ס ב י ל און די אַ ר י ש ע פ ר ו י. וואָס שייך אַנדערע גרויסע שבטים פון דער מענטשהייט וואָלט מען ערשט געדאַרפט אויפקלערן אויפן סמך פון גענויער און גרינטלעכער פאַרשונג אין די ראַסן־כאַראַקטערן, ווי ווייט די פאַרהעלטענישן באַ זיי שטימען מיט די פאַרהעלטענישן, וועלכע זענען פעסטגעשטעלט אויף אירע שפיצן, און וואָס האַלט זיי הויפטזאַכלעך אָפ און שטערט זיי זיך מער צו דערנענטערן צו די־דאָזיקע שפיצן.

וואָס שייך דעם יי ד נ ט ו ם, שיינט עס צו זיין מיט ביידע אויבנדערמאָנטע ראַסן, מיט די נעגערן און מאָנגאָלן, אין אַ געוויסער קרובהשאַפט. אויף דער קרובהשאַפט פון די יידן מיט די נעגערן זאָגן עדות די אַזוי אָפט באַ זיי געקרייזלטע האָר, אויף דעם צומיש פון מאָנגאָלן־בלוט. די גאַנץ כינעזישע אָדער מאַלאַיִש געפורעמטע פנים־ביינער, וועלכע מען טרעפט אַזוי אָפט באַ די יידן, און וועלכע עס אַנטשפרעכט רעגלמעסיק

אַ געלבלעכערע הויט-פאַרבונג. דאָס יידנטום קלויב איך אויס דערפאַר קודם-כל לאָס געגנשטאַנד פון די ווייטערדיקע באַטראַכטונגען, ווייל עס איז, ווי ס'ווּעט זיך אַרויסווייזן, דער האַרטססטער און מוראַדיקסטער קעגנער פון די אָנשויונגען, וועלכע זענען ביזאַהער דאָ אַנטוויקלט געוואָרן, און וועלכע ס'וועט נאָך אויסקומען צו אַנטוויקלען ווייטער, ווי איבערהויפּט פון גאַנצן שטאַנדפּונקט, פון וועלכן דידאָזיקע אָנשויונגען פליסן אַרויס.

דאָס אַלץ איז מערנישט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ טעגלעכער דערפאַרונג, און נאָר אין דאָזיקן זינען דאַרף מען פאַרשטיין אונזערע באַמערקונגען; די אַ נ ט ר אָ פּ אָ ל אָ ג י ש ע פראַגע מכּוח דער אַנטשטייונג פון יידנטום איז וואַרשיינלעך אַן אומלייזבאַרע; און אַפילו אַזאַ אינטערעסאַנטע פאַרענטפערונג, וועלכע ס'האָט געגעבן ה. ס. ט ש ע מ ב ע ר ל ע ן אין זיינע באַרימטע „יסודות פון XIX י. ה.", האָט אַרויסגערופן אין דער לעצטער צייט זייער פיל איינווענדונגען. כּדי זי צו באַהאַנדלען באַזיץ איך נישט דאָס נויטיקע וויסן; דאָ וועל איך זיך בכן נאָר באַמיען בקיצור, אָבער ביז צו דער מעגלעכסטער טיפקייט צו אַנאַליזירן די פּסיכישע אייגנשאַפטן פון יידנטום*). דידאָזיקע אויפגאַבע ליגט אין דער ספערע פון פּסיכאָלאָגישער באָאַבאַכטונג און צעגלידערונג; זי איז לייזבאַר, פריי פון כּל-ערליי היפּאָטעזן וועגן איצט שוין נישט מער קאָנטראָלירבאַרע היסטאָרישע פּראָצעסן; אָביעקטיווקייט — דאָס איז ס'עיקרדיקע,

*) דידאָזיקע גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פונם ייד שיינט מיר צו זיין אַ גאַנץ אייגנטימלעכע, איינהייטלעכע, לגמרי פאַרשידענע פון אַלע אַנדערע ריכטונגען פון גייסט און האַרץ, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן בײַ די איבריקע פעלקער פון דער ערד, ווייניקסטנס ווּעט זיך דאָס אַרויסווייזן באַם סוף פון דערדאָזיקער אונטערזוכונג. דערפאַר גלויב איך אויך נישט, אַז מ'זאָל דאָס יידישע קאָנען דערקלערן ראַסן-כעמיש דורך אַ קרייצונג און מישונג פון פאַרשידענע פעלקערשאַפטן; מחמת אַזעלכע באַשטאַנדטיילן וואָלטן זיך געמוזט פּסיכאָלאָגיש לאָזן אויסשפירן און אָפּגעפינען. דאָס יידנטום איז וואַרשיינלעך עפּעס פולשטענדיק איינהייטלעכס און יעדער פּרווו עמפּיריש אַרויסצופירן און סינטעטיזירן עס איז אויסזיכטלאָז. מען קאָן זיין זייער ווייט פון פילאָסעמיטיזם און דאָך מודה זיין, אַז דער גלויבן פון די יידן, צו זיין אַן „אויסדערוויילט פאָלק", אַנטהאַלט יז זיך אַ טיפן אמת.

וואָס מ׳דאַרף אָפּהיטן באַ דער לייזונג פון דער געשטעלטער אויפגאַבע. דאָס איז דערפאַר נאָך וויכטיקער, מחמת די שטעלונג צום יידנטום איז היינט כמעט די וויכטיקסטע און שאַרפסטע רובריק פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע יעדער באַמיט זיך עפנטלעך צו לייזן, און וועלכע דינט יעצט איבעראַל אַלס דער אָנגענומענסטער איינטיילונגס-פּרינציפּ פון די ציוויליזירטע מענטשן.

און עס לאָזט זיך נישט באַהויפּטן, אַז דער ווערט, וועלכן מ׳גיט-צו אַן אָפּענער דערקלערונג אין דערדאָזיקער פראַגע, זאָל נישט אַנטשפּרעכן דער ערנסטער און טיפער באַדייטונג אירער און איבערטרייבן איר וויכטיקייט. דער פאַקט, וואָס מיר שטויסן זיך אויף אים אומעטום אָן, צי מיר גייען אַרויס פון קולטורעלע אָדער מאַטעריעלע, פון רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע, פון קינסטלערישע אָדער וויסנשאַפטלעכע, ביאָלאָגישע אָדער היסטאָרישע, כאַראַקטעראָלאָגישע אָדער פילאָזאָפישע ענינים, מוז אוודאי האָבן אַ טיפן, טיפסטן גרונט אין מהות פון יידנטום גופא. אים אויפצוזוכן איז אַן אויפגאַבע, וואָס קיין שום מי דאַרף זיך נישט אויסווייזן צו גרויס: מחמת דער געפינס מוז זי אין יעדן פאַל אומענדלעך באַלוינען*)

צוערשט וויל איך גענוי אָנגעבן, אין וועלכן זין איך וועל רעדן וועגן יידנטום. עס גייט מיר נישט וועגן קיין ראַסע און נישט וועגן קיין פאָלק, און נאָך ווייניקער, פאַרשטייט זיך, וועגן אַ געזעצלעך אָנערקענטער אמונה. אונטער יידנטום דאַרף מען פאַרשטיין נאָר אַ גייסטיקע ריכטונג, אַ פסיכישע קאָנסטיטוציע, וועלכע בילדעט אַ מעגלעכקייט פאַר אַלע מענטשן, נאָר וועלכע האָט געפונען איר גראַנדיעזסטע פאַרווירקלעכונג אין היסטאָרישן יידנטום.

*) דער מחבר האַלט פאַר זיין חוב צו באַמערקן, אַז ער אַליין איז פון יידישער אָפּשטאַמונג.

אַז די זאַך איז אַזוי, ווערט באַוויזן דורך נישט עפּעס אַנדערש, ווי דורך דעם אַנטיסעמיטיזם.

די עכטסטע, אַרישסטע, אין זייער אַריערטום זיכערסטע אַריער, זענען נישט קיין אַנטיסעמיטן; חגם זיי פילן זיך געוויס אומאָנגענעם באַרירט דורך אויפפאַלנדיקע יידישע שטריכן, קאָנען זיי אָבער דאָך אין אַלגעמיין כּלל נישט באַגרייפן דעם פיינטלעכן אַנטיסעמיטיזם; דאָס זענען עס טאַקע די מענטשן, וועלכע ווערן דורך די פאַרטיידיקער פון יידנטום באַצייכנט אַלס „פילאָסעמיטן” און זייערע פאַרווונדערטע און טאַדלענדיקע מיינונגען וועגן דער יידן־שנאה ווערן תמיד געבראַכט, בעת דאָס יידנטום ווערט דערנידריקט אָדער אָנגעגריפן*). אין אַגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם קאָן מען דערקענען תמיד באַמערקן געוויסע יידישע שטריכן; יאָ, זיי קאָנען זיך אַפילו אָפּשלאָגן אויך אויף זיין פיזיאָגנאָמיע, מעג אַפילו זיין בלוט ריין זיין פון יעטוועדן סעמיטישן צומיש.

עס קאָן אויך טאַקע אַנדערש נישט זיין. פּונקט ווי מען ליבט אין אַנדערן נאָר דאָס, צו וועלכן מען שטרעבט אַליין און וועלכעס מיר קאָנען קיינמאָל פולשטענדיק נישט דערגרייכן, אַזוי האַסט מען אין אַנדערן נאָר דאָס, וואָס מיר ווילן קיינמאָל נישט זיין, און וואָס מיר זעמיר עס נאָך טייל־ווייז פאָרט.

מען האַסט נישט עפּעס, מיט וועלכן מ'האָט נישט קיין שום ענלעכקייט. נאָר דער אַנדערער מענטש איז אונז אָפט אימשטאַנד אָנצוווייזן, סאַראַ מיאוסע און געמיינע שטריכן מיר האָבן אין זיך.

דערמיט דערקלערט זיך עס, וואָס די שאַרפסטע אַנטי־סעמיטן קאָן מען געפינען צווישן די יידן. מחמת

*) אַזאַ פון יידנטום כּמעט פרייער מענטש, און דערפאַר פילאָסעמיט", איז געווען זאָלא. דער פאַקט וואָס די באַדייטנדיקסטע מענטשן זענען כּמעט תמיד געווען אַנטיסעמיטן (טאַציט, פּאַסקאַל, וואָלטער, הערדער, געטע, קאַנט, זשאַן פּאָל, שאָפּנהויער, גרילפּאַרצער, וואַגנער), דערקלערט זיך הערמיט, וואָס זיי, פאַרשטייענדיק מער ווי אַלע אַנדערע מענטשן, האָבן אויך דאָס יידנטום בעסער פאַרשטאַנען.

בלויז די גאַנץ יידישע יידן, דעסגלייכן די פולשטענדיק אַרישע אַריער, זענען לגמרי נישט אַנטיסעמיטיש געשטימט. וואָס שייך אַלע איבעריקע, ווייזן אַרויס די געמיינערע נאַטורן זייער אַנטיסעמיטיזם נאָר לגבי אַנדערע, טראָגן אַרויס איבער זיי זייער אורטייל, נישט משפטנדיק קיינמאָל זיך גופא אין דער־דאָזיקער הינזיכט; און נאָר ווייניקע הויבן אָן זייער אַנטיסע־מיטיזם פון זיך גופא.

איינס בלייבט דאָך זיכער: ווער עס האַסט דעם יידישן מהות, דער האַסט אים קודם־כל אין זיך גופא; דאָס, וואָס ער פאַרפאָלגט עס אין אַנדערן, איז נאָר אַ פרווו אָפּצוזונדערן זיך אויף אַזאַ אופן פון יידישן; ער באַמיט זיך פון אים אָפּ־צושיידן דורכדעם, וואָס עס לאָקאַליזירט עס געהנצלעך אינם אַנדערן מענטש, און גלויבט אַזוינאָך צו פילן זיך אויף אַ ווײַלע פריי פון אים. די שנאה איז אַזאַ פראָיעקציע־דערשיינונג ווי די ליבע: דער מענטש האַסט נאָר דעם, ווער עס רופט אין אים אַרויס אומאָנגענעמע דערינערונגען וועגן זיך גופא.

דער אַנטיסעמיטיזם פון דעם יי ד ליפערט בכן דעם באַווייז, אַז קיינער, וואָס קאָן דעם ייד, זעט נישט אין אים צפעס ליבנסווירדיקס—אַפילו דער ייד אַליין נישט; דער אַנטיסע־מיטיזם פון אַ ר י ע ר פירט אונז צו אַ נישט ווייניקער באַדייטונגס־פולן אמת: אַז מען דאַרף נישט פאַרבייטן דאָס יי ד נ ט ו ם מיט די יי ד ן. פאַראַן אַריער, וועלכע זענען יידישער, איידער וועלכער ס'איז ייד, און פאַראַן באמת יידן, וועלכע זענען אַרישער איידער געוויסע אַריער. איך וויל דאָ נישט אויסרע־כענען יענע נישט־סעמיטן, וועלכע האָבן געהאַט אין זיך פיל פון יידנטום, נישט די קלענערע (ווי, למשל, דעם באַקאַנטן פרידריך נ י ק אָ ל אַ י פון XVIII י. ה) און די באַדייטנדיקערע (פון צווישן וועלכע מ'דאַרף דערמאָנען פ ר י ד ר י ך ש י ל ע ר — איך זאָג זיך אויך אָפּ פון אַ געגויערן אַנאַליז פון זייער יידנטום. אָבער אויך ר י כ אַ ר ד וו אַ ג נ ע ר — דער ט י פ ס ט ע ר אַנטיסעמיט — איז נישט פריי געווען פון אַ געוויסן באַזיץ פון יידנטום, אַפילו אין זיין קונסט, — ווי שטאַרק עס זאָל אונז נישט אָפּנאַרן דאָס געפיל, וואָס זעט אין אים דעם גרויסן קינסטלער אין דער געשיכטע פון דער מענטש־

הייט, ווי ווייניק מיר זאָלן נישט צווייפלען דערין, אַז זיין „ז י ג פ ר י ד" איז דאָס א ו מ ײ ד י ש ס ט ע ווערק, וואָס האָט נאָר בעקאַנט געשאַפן ווערן. אָבער קיינער איז נישט אומויסט אַנטיסעמיט. פונקט ווי װ אַ ג נ ע ר ס אומווילן צו דער גרויסער אָ פּ ע ר ע און צום טעאַטער לאָזט זיך אַרויספירן פון דעם שטאַרקן דראַנג, וואָס ער האָט אַליין צו אים אָפּגעפילט, אַ דראַנג, וועלכער טרעט בולט אַרויס אין זיין „לאָהענגרין", — אַזוי קאָן מען אויך זיין מוזיק, וועלכע איז אין אירע מאָטיווישע איינצלהייטן די גוואַלדיקסטע אין דער וועלט, נישט אָנערקענען פאַר גענצלעך פריי פון אַ געוויסער צודרינגלעכקייט, שרייעוודיקייט און אומפאָרנעמקייט; מיט וועלכן עס שטייען אין צוזאַמענהאַנג די באַמיונגען װ אַ ג נ ע ר ס אַרום דער אויסערלעכער אינסטרומענטאַציע פון זיינע ווערק. עס לאָזט זיך אויך נישט פאַרלייקענען, אַז וואַגנערס מוזיק איבט אויס דעם שטאַרקסטן איינדרוק הן אויף דעם יידישן אַנטיסעמיט, וועלכער קאָן זיך פון יידנטום קיינמאָל גענצלעך נישט באַפרייען, הן אויף דעם אַנטיסעמיטישן אינדאָגערמאַנער, וועלכער האָט מורא אין אים אַריינצופאַלן. דאָס געזאָגטע איז נישט נוגע דער פאַרסיפאַל-מוזיק, וועלכע וועט אויף אייביק בלייבן אומצוגענגלעך פאַר דעם עכטן ייד, פונקט ווי די פאַרסיפאַל-דיכטונג גופא; ער וועט נישט באַנעמען נישט דעם „פּילגער-כאָר", נישט די „רוים-נסיעה פון טאַנהויזער", ווי אויך פיל אַנדערע שאַפונגען. בלי-ספק וואָלט אויך עמיצער, ווען ער זאָל זיין נ אָ ר אַ דייטש, קיינמאָל נישט געקאָנט קומען צו אַזאַ קלאָרן באַוווסטזיין וועגן דעם מהות פון דייטשנטום, ווי ס'איז װ אַ ג נ ע ר ן געלונגען אין די „מייסטערזינגער פון נירנבערג". לסוף דאַרף מען זיך אויך פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַלמאַי װ אַ ג נ ע ר ן האָט מער געצויגן צו פ ײ ע ר ב אַ כ ן, איידער צו ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר ן.

כ'האָב דאָ כּלל נישט בדעה געהאַט צו דערנידריקן דעם גרויסן מאַן מיט דער הילף פון קלייבלעכער פסיכאָלאָגישער גריבלעניש. פאַר אים איז דאָס יידנטום געווען די גרויסע ישועה, כּדי צו דערלאַנגען צו קלאָרער דערקענטעניש און פעסטשטעלן אין זיך דעם אַנדערן פּאָליוס, דורכצוקריגן זיך

צו זיגפריד און צו פּאַרסיפאַל, און צו געבן דעם איינציקן אין דער געשיכטע העכסטן אויסדרוק פון גערמאַנישן גייסט, נאָך אַ גרעסערער, ווי וואַגנער, האָט ערשט געמוזט אין זיך פריער גובר זיין דאָס יידנטום, איידער ער האָט אָפּגעפונען די אייגענע מיסיע; און עס איז, פאָרלויפיק גערעדט, אפשר די וועלטהיסטאָרישע באַדייטונג און דאָס אומגעהויערע פאַרדינסט פון יידנטום נ'שטעפּעס אַנדערש, וויכסדר צו ברענגען דעם אַריער צום באַוווסטזיין פון זיין איך און אים דערמאָנען אָן זיך גופא. אָטאָ דאָס האָט טאַקע דער אַריער צו פאַרדאַנקען דעם ייד; דורך אים ווייסט ער, פאַר וועלכן ער דאַרף זיך היטן: פאַר דעם יידנטום אַלס מעגלעכקייט אין זיך גופא.

דערדאָזיקער ביישפּיל גיט אַ גאַנץ גענויע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס מ'דאַרף, לויט מיין מיינונג, פאַרשטיין אונטער יידנטום. נישט קיין נאַציע און נישט קיין ראַסע, נישט קיין קאָנפעסיע און נישט קיין ביבל. ווען כ'וועל פון איצט אָן רעדן וועגן יידן, טאָ מיין איך נישט דעם איינצלנעם און נישט דעם כלל, נאָר דעם מענטש איבערהויפּט, אויף וויפל ער האָט אָנטייל אין דער פּלאַטאָנישער אידעע פון יידנטום. און נאָר די באַדייטונג פון דער דאָזיקער אידעע וויל איך באַגרינדן.

דאָס אָבער, וואָס דידאָזיקע אונטערזוכונג האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן גראָד אין אַ פּסיכאָלאָגיע פון די געשלעכטער, איז אַ נויטווענדיקע זאַך צוליב טעמים פון אַ געוויסער אָפּגרעניצונג. יעדן מענטש, וואָס פאַרטראַכט זיך איבערן ייד און איבער דער פרוי, פאַרשאַפט דאָס אַן אייגנטימלעכע איבערראַשונג, בעת ער באַמערקט, אין סאַראַ שטאַרקער מאָס שיינט גראָד דאָס יידנטום צו זיין דורכגעזאַפּט מיט יענער ווייבלעכקייט, וועמעס מהות מיר האָבן זיך באַמיט לעת-עתה צו דערפאָרשן נאָר אין קעגנזאַץ צו אַלעם אָן אויסנאַם מענלעכן. מ'וואָלט דאָ זייער לייכט געקאָנט נוטה זיין צוצושרייבן דעם יידן אַ גרעסערן אָנטייל אין דער ווייבלעכקייט, איידער

דעם אריער; יאָ, מ׳וואָלט זיך לסוף געקאָנט פילן באַוויגן אָנצונעמען עפּעס אַ פּלאַטאָנישע μέθεξις אַפילו פון דעם מענטשלעכסטן ייד אין דער פרוי.

די דאָזיקע מיינונג וואָלט געווען פאַלש. אָבער היות ווי עס עקזיסטירט אַ גרויסע צאָל פון די וויכטיקסטע פּונקטן, אַזעלכע פּונקטן, אין וועלכע עס שיינט צו אַנטפּלעקן זיך דער טיפסטער מהות פון דער ווייבלעכקייט, און וועלכע געפינען זיך אויף אַ מערקווירדיקן אופן אויך באַם ייד, האַלטן מיר פאַר נויטווענדיק פעסטצושטעלן דאָ געווי אַלע מעגלעכסטע פאַלן פון אידענטישקייט און אָפּווייכונג.

אויפן ערשטן בליק, ווהין מען ווענדעט נאָר די אויגן, זעט זיך אומעטום בלויז אידענטישקייט; די אַנאַלאָגיעס אויפן דאָזיקן געביט זענען אַזוי איבעראַשנדיק, גלייך ווי זיי וואָלטן געגרייכט אויסערגעוויינלעך ווייט. נאָכמער, מיר געפינען דאָ נישט נאָר די באַשטעטיקונג פון פריערדיקע אויספירן, נאָר מיר דערווערבן פיל נייע אינטערעסאַנטע דערגאַנצונגען צו דער עיקר-טעמע. און עס שיינט אויך צו זיין אַ גאַנץ גלייכגילטיקע זאַך, פון וואָס מ׳זאָל דאָ אָנהויבן.

און אַזוי, כדי גלייך צו ברענגען אַ געוויסע אַנאַלאָגיע מיט דער פרוי, וועלן מיר אָנווייזן אויף דער זייער מערקווירדיקער זאַך, ווי ווייט די יידן גיבן אָפּ דעם יתרון די באַוועגלעכע גיטער — אויך היינט צו טאָג, בעת זיי מעגן דערווערבן אויך אומבאַוועגלעכע — און נישט געקוקט אויף זייער שטאַרק אַנטוויקלטן דערווערבונגס-חוש, פילן זיי נישט קיין שום באַדערפעניש נאָך דעם א י ג נ ט ו ם, ווייניקסטנס אין דער פעסטסטער פאָרם, אין דער פאָרם פון גרונט-באַזיץ. דאָס אייגנטום שטייט אין אַן אומאיבעררייסלעכן קשר מיט דער אייגנאַרט, מיט דער אידיווידואַליטעט. דערפון פליסט אַרויס דער מאַסן-איבערגאַנג פון די יידן צום קאָמוניזם. דעם ק אָ מ ו נ י ז ם אַלס טענדענץ צו דער ג ע מ יי נ ש אַ פ ט דאַרף מען תמיד אונטערשיידן פון ס אָ צ י אַ ל י ז ם אַלס שטרעבונג צו געזעלשאַפטלעכער ק אָ אָ פּ ע ר אַ צ י ע און צו דער אָנערקענונג פון דער מענטשהייט אין איר יעדן מיטגליד. דער סאָציאַליזם איז אַריש (אָ ו ע ן, ק אַ ר ל יי ל, ר ע ס ק י ן, פ י כ ט ע), דער

קאָמוניזם יידיש*) (מאַרקס). די מאָדערנע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט זיך אין איר געדאַנקען-קרייז דערפאַר אַזוי דערווייטערט פון קריסטלעכן, פרעראַפאַעליטישן סאָציאַליזם, ווייל די יידן שפּילן אין איר אַזאַ גרויסע ראָלע. נישט געקוקט אויף אירע פאַרגעזעלשאַפטנדיקע נטיות, האָט די מאַרקסיסטישע פאָרם פון דער אַרבעטערבאַוועגונג (להיפוך צו ר אָ ט ב ע ר ט ו ס) קיין שום פאַרהעלטעניש נישט צו דער אידעע פון דער מ ל ו כ ה, וואָס פליסט בלי-ספק אַרויס פון דער פולשטענדיקער אומפאַר-שטענדעניש פונם ייד פאַר דער מלוכה-אידעע. זי איז צו ווייניק ממשיתדיק; די אַבסטראַקציע, וועלכע ליגט אין איר, איז צו ווייט פון וועלכע ס'איז קאָנקרעטע צוועקן, אַז דער ייד זאָל זיך מיט איר קאָנען אינערלעך באַפרייַנדן. די מלוכה איז דאָס גאַנצע פון אַלע צוועקן, וועלכע קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך אַ פאַרבינדונג פון שכלדיקע וועזנס, אַלס אַזעלכע. אָ ב ע ר ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר ק אַ נ ט י ש ע ר ש כ ל, ד ע ר-ד אָ ז י ק ע ר ג ײ ס ט א י ז ט אַ ק ע ד אָ ס, וו אָ ס ש ײ נ ט ד ע ם י י ד ן, פ ו נ ק ט ווי ד ע ר פ ר ו י, א י ן אַ ג ל ײ כ ע ר מ אָ ס צ ו פ ע ל ן.

צוליב דעמדאָזיקן טעם איז יעטוועדער ציוניזם אַזוי אויסזיכטלאָז, הגם ער האָט אין זיך קאָנצענטרירט די איידלסטע רעגונגען צווישן די יידן: מחמת דער ציוניזם איז די נעגאַציע פון יידנטום, אין וועלכן ס'ליגט, ל ו י ט ז י י ן א י ד ע ע, די פונאַנדערשפּרייטונג איבער דער גאָרער ערד. דער באַגריף פון בירגער איז פאַר דעם יידן פולשטענדיק ט ר אַ נ ס צ ע נ-ד ע נ ט; און דערפאַר איז אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט קיינמאָל קיין יידישע מ ל ו כ ה נישט געווען, און ס'קאָן אויך קיינמאָל אַזעלכע נישט זיין. אין דער מלוכה-אידעע ליגט אַ פּאָזיטיווע פעסטשטעלונג, די היפּאָסטאַזירונג פון די אינטער-אינדיווידועלע צוועקן, און אַנטשלוס זיך אונטערצוואַרפן

---

*) און רוסיש. אָבער די רוסן צייכענען זיך אויס מיט גאָר שוואַכע סאָציאַלע נטיות און צווישן אַלע אייראָפּעישע פעלקער האָבן זיי דאָס קנאַפּסטע פאַרשטענדעניש פאַר דער מלוכה. דערמיט געפינט זיך אויך אין הסכם מיט די פריערדיקע הנחות דער פאַקט, וואָס זיי זענען דורכויס אַנטיסעמיטן.

פייוויליק אַ זעלבסטגעשאַפענער רעכטסאָרדענונג, וועלכע געפינט איר ס י מ ב אָ ל י ש ן (און נישט וועלכן ס׳איז אַנדערן) אויסדרוק אין דעם ראש פון דער מלוכה. מהאי טעמא איז דער היפוך פון דער מלוכה די אַנאַרכיע, וועלכע איז נאָך היינט צו טאָג אַזוי נאָענט צום גייסט פון קאָמוניזם, טאַקע צוליב זיין אומפאַרשטענדעניש פאַרן מהות פון דער מלוכה. פונדעסטוועגן דאַרף מען דאָ באַמערקן, אַז די מייסטן אַנדערע עלעמענטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זענען פריי פון דאָזיקן אַנאַרכיסטישן ניואַנס. הגם דער מלוכה-געדאַנק איז אין קיין שום היסטאָרישער פאָרם, אַפילו נאָר ביז אַ געוויסער דער-נענטערונג נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, שטעקט פאָרט אין יעדן הסטאָרישן פרווו פון מלוכה-בילדונג עפעס, אפשר נאָר יענער מינימום פון דער אידעע, וואָס דערהויבט אים איבער דער בלויזער אַסאָציאַציע צוליב געשעפט- און מאַכט-צוועקן. די היסטאָרישע פאָרשונגען איבער דער אַנטשטייונג פון אַ באַשטימטער מלוכה זאָגן גאָרנישט וועגן דער א י ד ע ע, וועלכע ליגט אין איר, אויף וויפל זי איז טאַקע מלוכה און נישט קאַזאַרמע. כדי צו באַנעמען דעם מהות פון דערדאָזיקער אידעע וועט מען מוזן באין-ברירה אָפּגעבן אַ היפש חלק גערעכטיקייט דער היינט פיל-אויסגעלאַכטער ר ו ס אָ י ש ע ר אָפּמאַך-טעאָריע. אין דער אמתדיקער מלוכה דריקט זיך נאָר אויס די פאַרייני-קונג פון עטישע פערזענלעכקייטן אין נאָמען פון בשותּפישע אויפגאַבעס.

דער פאַקט, וואָס דער ייד איז, נישט פון נעכטן ערשט, נאָר פון גאַנץ לאַנג פרעמד דער מלוכה-אידעע, ווייזט שוין אָן דערויף, אַז דעם ייד, פונקט ווי דער פרוי, פעלט די פער-זענלעכקייט; וואָס ס׳וועט זיך ביסלעכווייז אין תוך אַרויסשטעלן. מחמת נאָר אויס דעם מאַנגל פון אינטעליגיבלען איך קאָן אַרויס-פליסן, ווי יעטוועדע ווייבלעכע, אַזוי אויך די יידישע אומסאָ-ציאַלישקייט. די יידן שטופּן זיך גערן צונויף, פונקט ווי די ווייבער, אָבער זיי פאַרקערן נישט מיט איינאַנדער אַלס זעלבשטענדיקע, גאַנץ פאַרשידענע וועזנס, אונטער דעם צייכן פון אַ געוויסער איבעראינדיווידועלער אידעע.

פונקט ווי ס׳איז אין דער ווירקלעכקייט נישט פאַראַן קיין

„פרויען־ווירדע“, אַזוי איז אוממעגלעך די פאָרשטעלונג פון אַ יידישן „דזשענטלמען“. דעם עכטן ייד פעלט יענע אינערלעכע פאָרנעמקייט, וועלכע איז דער מקור פון דער שעצונג פון אייגענעם און אַכטונג פון פרעמדן איך. נישט פאַראַן קיין יידישער אַדל; און דאָס איז נאָך מער באַמערקונגסווערט, מחמת צווישן די יידן עקזיסטירט דאָך יאָרטויזנטלאַנגער אָפּקלויב.

אַזוינאָך דערקלערט זיך אויך ווייטער די אַזויגערופענע יידישע חוצפה: זי שטאַמט פון דעם מאַנגל אין באַוווּסטזיין פון אַן איך און פון דעם געוואַלטזאַמען באַדערפעניש נאָך דער שטייגערונג פון ווערט פון דער אייגענער פערזאָן דורך דערנידריקונג פון אַנדערן מענטש. מחמת דער עכטער ייד האָט נישט, פּונקט ווי די פרוי, קיין איך און דערפאַר באַזיצט ער אויך נישט קיין אייגנווערט. און אָט פאַרוואָס, הגם דער ייד און אַריסטאָקראַטיזם זענען צוויי נישט צונויפּמעסטלעכע גרייסן, ער ווייזט אַרויס אַ ריין ווייבערישע ליידנשאַפט צו טיטלען. דאָס קאָן מען אַוועקשטעלן אין איין רייע מיט זיין גאווה, וועמעס אָביעקט עס איז די לאָזשע אין טעאַטער, אָדער די מאָדערנע געמעלן אין זיין סאַלאָן, זיין קריסטלעכע באַקאַנטשאַפט אָדער זיין וויסן. אָבער טאַקע אין דידאָזיקע ביישפּילן ליגט אייגנטלעך די יידישע פאַרשטענדנישלאָזיקייט פאַר יעטווידן אַריסטאָקראַט. דער אַריער האָט באַדערפעניש צו וויסן, ווער ס'זענען געווען זיינע אבות; ער אַכטעט זיי און אינטערעסירט זיך מיט זיי, ווייל זיי זענען געווען זיינע אבות; און ער שעצט זיי, ווייל ער האַלט די אייגענע פאַרגאַנגנהייט תמיד העכער איידער דער שנעל זיך פאַרוואַנדלענדיקער ייד, וועלכער איז פּיעטעטלאָז, ווייל ער קאָן דעם לעבן נישט צוגעבן קיין שום ווערט. אים פעלט פולשטענדיק יענער אָבותשטאָלץ, וועלכן אַפילו דער אָרימסטער, המונישסטער אַריער באַזיצט נאָך אין אַ געוויסן גראַד. ער ערט נישט, ווי דער, זיינע אבות, מחמת זיי זענען זיינע אבות, ער ערט נישט אין זיי זיך גופא. דער איינווענד, וואָס זאָל זיך פאַררופן אויף דעם אויסערגעוויינלעכן אומפאַנג און דעם כוח פון דער יידישער

טראַדיציע, וואָלט נישט געווען ריכטיק. די יידישע געשיכטע
שטעלט מיט זיך פאָר פאַר דעם נאָכקומער, אַפילו פאַר דעמ-
יעניקן, וועלכער גיט איר צו אַ גרויסע באַדייטונג, נישט דעם
סכום פון דעם אַמאָליקן, געוועזענעם, נאָר זי איז גיכער פאַר
אים דער מקור, פונוואַנען ער שעפּט נייע האָפענונגס-חלומות:
דער עבר פון דעם ייד איז נישט באמת זיין עבר, ער איז
תמיד נאָר זיין עתיד. — — —

די חסרונות פון יידנטום האָט מען אָפט געוואָלט דער-
קלערן — נישט בלויז פון דער יידישער זייט — מיט דער ברו-
טאַלער אונטערדריקונג און פאַרקנעכטונג, פון וועלכע די יידן
האָבן געליטן אין גאַנצן מיטלאַלטער ביז אין XIX יאָרהונדערט.
דעם שקלאַווישן גייסט זאָל אין דעם ייד כלומרשט ערשט דער
אַריער האָבן דערצויגן; און פאַראַן נישט ווייניק קריסטן, וועלכע
פילן אַזויערנאָך ערנסט אָפּ דעם ייד אַלס זייער אייגענע
שולד. אָבער דערדאָזיקער אופן פון דענקען גייט צו ווייט אין
דעם זעלבסטפאָרוואורף. ס'איז אַן אומדערלאָזלעכע זאַך צו רעדן
וועגן פאַרענדערונגען, וועלכע זאָלן זיין אַ פּועל-יוצא פון אוי-
סערלעכע השפּעות אין משך פון אַ גאַנצער ריי דורות, וויבאַלד
דערדאָזיקער מענטש זאָל נישט מיטן כּוח פון אייגענעם אימ-
פּולס גערן אַקעגנגעקומען דער אויסערלעכער געלעגנהייט און
איר ווילליק אויסגעשטרעקט די האַנט. ס'איז נאָכנישט דערוויזן,
אַז ס'זאָל עקזיסטירן אַ פאַראַרבונג פון דערוואָרבענע אייגנ-
שאַפטן, און נישט געקוקט אויף אַלע לפּנימדיקע צופּאַסונגען
בלייבט פאָרט דער כאַראַקטער באַם מענטש, אַזוי גוט פון
דער איינצלנער פערזאָן, ווי פון דער גאַנצער ראַסע, מיט גרע-
סערער זיכערקייט אומפאַרענדערט, איידער בא אַלע אַנדערע
לעבעדיקע וועזנס. נאָר די אָרעמסטע אויבערפלעכלעכקייט קאָן
גלויבן, אַז דער מענטש ווערט אויסגעבילדעט דורך זיין סביבה;
און ס'וואָלט פּשוט געווען אַ חרפּה צו ווידמען אַפילו איין
שורה אויף דער באַקעמפונג פון אַזאַ אָנשויונג, וואָס רויבט
אַוועק דעם אָטעם פון יעטוועדן פריי‌ען דענקען. וויבאַלד דער
מענטש ענדערט זיך, טאָ קאָן דאָס געשען נאָר פונאינעווייניק;
אָדער עס איז, ווי בא דער פרוי, אין אים קיינמאָל עפּעס
ווירקלעכס נישט פאַראַן, ובכן בלויז דאָס נישטזיין, דאָס אייביק

אומפארענדערלעכע. ווי קאָן מען איבעריקנס רעדן וועגן עפעס היסטאָרישער דערציונג פון דעם יידן, וויבאלד שוין דער אלטער טעסטאמענט דערציילט דאָך אויף א באשיימפערלעך גאנץ צושטימנדיקן אופן, ווי יעקב, דער פאטריארך, האָט אָפּגענאַרט זיין שטארבנדיקן פאָטער יצחק, אָנגעפּרייערט זיין ברודער עשו און נישט ערלעך נתעשר געוואָרן אויפן חשבן פון שווער לבן.

די פארטיידיקער פון די יידן באטאָנען אָפּט מיט רעכט, אז די יידן, אפילו אין זייער פּראָצענטועלן פארהעלטעניש, באגייען שווערע פארברעכנס פיל זעלטענער, איידער די אריער. דער ייד איז אייגנטלעך כלל נישט אנטימאָראליש. אָבער ס'מוז אויך צוגעגעבן ווערן, אז ער שטעלט אויך מיט זיך נישט פאָר דעם העכסטן עטישן טיפּ. ער איז גיכער רעלאטיוו אמאָראליש, ער איז נישט באזונדערס גוט, נישט באזונדערס שלעכט, אין תוך איז ער נישט קיינס פון ביידן; נאָר גיכער איז ער נידריק. דערפאר פעלם דעם יידנטום אזוי גוט די קאָנצעפּציע פון די מלאכים, ווי דער באגריף פון טייוול; די פּערזאָניפיצירונג פון גוטן, ווי די פערזאָניפיצירונג פון שלעכטן. דורך דער אָנווייזונג אויפן ספר איוב, אויף דער בליעל-געשטאלט און דעם עדן-מיטאָס, ווערט דידאַקטיקע באהויפטונג כלל נישט אָפּגעשוואכט. הגם די מאָדערנע מקורים-קריטישע שטרייטפראגעס, וועלכע באמיען זיך דאָ פונאנדערצושיידן דאָס עכטע און אנטליענע, ליגן אויף אזא וועג, וואָס אים צו באטרעטן פיל איך מיך נישט בארופן, פונדעסטוועגן באהויפט איך מיט דער פולער זיכערקייט, אז אין פסיכישן לעבען פון היינטיקן ייד, צי ער איז „אויפגעקלערט" אָדער ער איז „אָרטאָדאָקס", שפּילן נישט די מינדסטע רעליגיעזע ראָלע נישט קיין טייוולשער און נישט וועלכער ס'איז מלאכישער פּרינציפּ, נישט הימל און נישט גיהנום. — וויבאלד-זשע דער ייד דערגרייכט קיינמאָל נישט די העכסטע עטישע הויך, טאָ וועט ער אויך בלי-ספק זעלטענער באגיין מאָרד און געוואלטאַט, איידער דער אריער; און דערפון ווערט ערשט פולשטענדיק פארשטענדלעך יענער מאנגל פון יעטוועדער מורא פאר א דיאבאָלישן פּרינציפּ.

נישט ווייניקער אָפט, ווי די מליצים פון די יידן פאַררופן זיך די פאַרטיידיקער פון די פרויען אויף זייער קנאַפער קרימינאַליטעט אַלס אויף דעם באַווייז פון זייער שלמותדיקערער זיטלעכקייט. די האָמאָלאָגיע צווישן ביידן שיינט צו ווערן אַלץ פולשטענדיקער. נישט פאַראַן קיין ווייבלעכער מלאך, פונקט ווי ס'איז נישט פאַראַן קיין ווייבלעכער טייוול: נאָר די ליבע, יענע ,הכעיסדיקע פאַרניינונג פון דער ווירקלעכקייט, הייסט דעם מאַנסביל זען אין דער פרוי אַ הימלישוועזן, נאָר בלינדע שנאה הייסט אים זי דערקלערן פאַר פאַרדאַרבן און געמיין. וואָס ס'איז אומבאַדינגט פרעמד דער פרוי, פונקט ווי דעם ייד, — דאָס איז גרויסקייט, גרויסקייט אין וועלכער ס'איז הינזיכט; נישט פאַראַן צווישן זיי קיין באַדייטנדיקע זיגערס אויפן מאָראַלישן, קיין מעכטיקע דינערס פון אַנטימאָראַלישן עלעמענט. אין ערשטן מאַנסביל זענען דער גוטער און שלעכטער פרינציפּ פון דער קאַנטישער רעליגיע-פילאָזאָפיע ביידע באַזאַמען און דאָך שטרענג פונאַנדערגעשיידט, איבער אים קעמפן זיין גוטער און זיין שלעכטער דעמאָן. אין דעם ייד זענען, כמעט ווי אין דער פרוי, גוטס און שלעכטס נאָכנישט דיפערענצירט פונאַנאַנד; נישט פאַראַן טאַקע קיין יידישער מערדער, ס'איז אָבער אויך נישט פאַראַן קיין יידישער הייליקער. און זייער וואַרשיינלעך, אַז די ווינציקע עלעמענטן פונם טייוול-גלויבן אין די יידישע מסורות שטאַמען פון דעם פרסיזם און פון בבל.

די יידן לעבן אַזוינאָך נישט אַלס פרייע, זעלבשטענדיקע, צווישן טוגנט און זינד אויסוויילנדיקע אינדיווידואַליטעטן ווי די אַריער. יעדער מענטש שטעלט זיך נישטווילנדיק די אַריער פאָר ווי אַ מחנה איינצלנע מענער; די יידן ווידער נעמען אָן דאָס געשטאַלט פון עפּעס אַ צונויפגעגאָסענעם פלאַסמאָדיום, אויסגעשפרייט אויף אַ ברייטן שטח. דער אַנטיסעמיטיזם האָט דערפון אָפט פאַלש געמאַכט אַ האַרטנעקיקע באַוווסטזיניקע אחדות, און גערעדט וועגן דער „יידישער סאָלידאַריטעט". דאָס איז אַ לייכט באַגרייפלעכע פאַרבייטונג פון פאַרשידענע זאַכן. וויבאַלד קעגן עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, צום יידנטום אָנגעהעריקער פערזאָן, ווערט אויפגעהויבן וועלכע

ס׳איז באַשולדיקונג און באַלד שטייען אַלע יידן אינגאַנצן אויף איר צד, פאַרלאַנגען איר באַפרייונג, האָפן און באַמיען זיך צו דערווייזן זיין אומשולד, טאָ דאַרף מען נאָר נישט מיינען, אַז זיי אינטערעסירט דערדאָזיקער מענטש אַלס איינצלנער ייד, אַז זיין אינדיווידועלער גורל, ווייל ער איז דער גורל פון אַ ייד, וועקט אין זיי מער מיטלייד, איידער פון אַן אומגערעכט פאַרפאָלגטן אריער. דאָס איז ווייט נישט אַזוי. נאָר דאָס באַדראָטע יידנטום, די מורא, טאָמער וועט אויף דעם כלל ישראל, בעסער: אויף דעם יידישן מהות איבערהויפט, אויף דער אידעע פון יידנטום פאַלן אַ שעדלעכער שאָטן, רופט אַרויס יענע דערשייגונגען פון אינסטינקטיוון אַוועקשטעלן זיך אויפן צד פון באַשולדיקטן. פונקט דאָסזעלביקע איז אויך מיט דער פרוי, וועלכע האָט שטאַרק הנאה בעת זי הערט ווי מען דערנידריקט יעדע איינצלנע אָנגעהעריקע פון איר געשלעכט און העלפט נאָך טיילמאָל אַליין מיט, אבי דאָס זאָל נאָר נישט וואַרפן קיין שלעכט ליכט אויף דער פרוי, אַבי קיין מאַנסביל זאָל זיך נישט לאָזן דורכדעם אָפּשרעקן פון באַגערן די פרוי בכלל, אַבי ס׳זאָל נאָר עמיצער נישט נעמען צווייפלען אין דער „ליבע״, אַבי מ׳זאָל נאָר ווייטער חתונה האָבן און די אַלטע בחורים זאָלן זיך נישט פאַרמערן. נאָר דער מין ווערט פאַרטיידיקט, נישט די פערזאָן, נאָר דאָס געשלעכט, פאַרהעלטנישמעסיק די ראַסע ווערט געשיצט, נישט דער אינדיוויד; דער קומט אויף אַזויפיל אין באַטראַכט, אויף וויפל ער איז אָנגעהעריקער פון דער גרופּע. דער עכטער ייד, פונקט ווי די עכטע פרוי, לעבן ביידע נאָר אין דעם מין, נישט אַלס אינדיווידואַליטעטן *).

דערמיט דערקלערט זיך עס, וואָס די משפחה (אַלס ביאָלאָגישער, נישט אַלס רעכטלעכער קאָמפּלעקס) שפּילט בײַ קיין פאָלק אין דער וועלט נישט אַזאַ גרויסע ראָלע, ווי בײַ די יידן; אַן ענלעכע באַדייטונג האָט אויך די משפחה בײַ די ענגלענדער, וועלכע זענען, ווי ס׳וועט זיך ווייטער אַרויס-

*) דער גלויבן אין יהוה און אין תורת-משה איז נאָר אַ גלויבן אין דאָזיקן יידישן מין און זיין לעבנסקראַפט; יהוה איז די פּערזאָניפיצירטע אידעע פון יידנטום.

ווייזן, אין א געוויסער מאָס פאַרקרוביסט מיט די יידן. די משפחה אין דאָזיקן זינען איז טאַקע פון ווייבלעכן, מוטערלעכן אורשפרונג, און האָט גאָרנישט צו טון מיט דער מלוכה, מיט דער געזעלשאַפטס-בילדונג. די צוזאַמענגעהעריקייט פון די פאַמיליען-מיטגלידער אַלס פועל-יוצא פון א בשותפותדיקן אויסאָטעמונגס-קרייז איז צום ענגסטן בא די יידן. יעדן אינדאָגערמאַנישן מאַנסביל, דעם באַגאַבטערן תמיד מער ווי דעם מיטלמעסיקן, איז אייגנטימלעך דאָס, וואָס ער לעבט נישט מיט זיין פאָטער אין פולשטענדיקן שלום; ווייל יעדער איינער עמפינדט, ווען אפילו א נאָך אזוי שטילן, אומבאַוווסטזיניקן, אָדער באַוווסטזיניק געוואָרענעם צאָרן אויף דעמיעניקן מענטש, וועלכע האָט אים אָן זיין ווילן געצוווּנגען צום לעבן און אים בא דער געבורט באַשאָנקען מיט דעם נאָמען, וועלכן ער האָט געפונען פאַר פאַסיק. דערין דריקט זיך טאַקע אויס דעם זונס לפחות אין דאָזיקן פרט אָפּהענגיקייט פון פאָטער, הגם מ'וואָלט, לויט א טיפערער מעטאַפיזישער אָנשויונג, געקאָנט ברענגען דעמדאָזיקן מאָמענט אין אַגעוויסן צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דער זון אַליין האָט געוואָלט דאָס ערדישע לעבן. נאָר צווישן יידן שיקט זיך עס, אַז דער זון שטעקט זייער טיף אין דער משפחה, און פילט זיך גאַנץ גוט אין געמיינשאַפטלעכער צונויפלעבונג מיטן פאָטער; און כמעט נאָר צווישן קריסטן, אַז פאָטער און זון זאָלן מיט זיך פאַרקערן ווי צוויי פריינט. יאָ, אַפילו די טעכטער פון די אַריער שטייען נאָך אַלץ גיכער מחוץ דער משפחה, איידער די יידישע, און אָפטער ווי זיי כאַפּן יענע זיך פאַר א פאַך, וואָס דערווייטערט זיי פון קרובים און עלטערן און מאַכט זיי אומאָפּהענגיק.

דאָ שטייט מיר פאַר אונטערצוּוואַרפן א פּראָבע די דורך מיר אין פאָריקן קאַפּיטל אַרויסגעשטעלטע הנחה, אַז דאָס אינדיווידועלע לעבן, וואָס איז נישט אָפּגעטיילט פון אַנדערן מענטש דורך די גרעניצן פון איינזאַמקייט, איז א נויטווענדיקער תנאי פון דער מעקלעריי. מענער, וועלכע מעקלען, האָבן תמיד יידנטום אין זיך; און דערמיט איז דערגרייכט דער פונקט פון דער שטאַרקסטער אידענטישקייט צווישן ווייבלעכקייט און יידנטום. דער ייד

איז תמיד ליידנשאַפטלעכער, תאווהדיקער, ווען אַפילו מערקוויר-
דיקערווייז, אפשר אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין נישט אייגנטלעך
אַנטימאָראַלישער נאַטור, ווייניקער פּאַטענט אין סעקסועלער
הינזיכט; ער איז בלי-ספק ווייניקער פעיק צו יעטוועדן גרויסן
תענוג, איידער דער אַרישער מאַנסביל. נאָר יידן זענען עכטע
חתונה-פאַרמיטלער, און אינערגיץ געפינסט נישט שדכנות דורך
מענער פון אַזאַ ברייטער פאַרשפּרייטונג ווי צווישן די יידן.
וואָס אַן אמת, איז די טעטיקייט אין דערדאָזיקער הינזיכט דאָ
מער ווי ערגיץ אַנדערש אַ דרינגנדיקע נויטווענדיקייט; מחמת
ס'איז נישט פאַראַן קיין צווייט פאָלק אין דער וועלט, אין
וועלכן מ'זאָל אַזוי ווייניק חתונה-האָבן אויס ליבע, ווי
צווישן זיי, ווענן וועלכן מיר האָבן שוין איינמאָל דערמאָנט
(I טייל): נאָך אַ באַווייז פאַר דער נשמהלאָזיקייט פון אַבסאָלוטן ייד.

דאָס, וואָס די מעקלעריי איז אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט
פון דעם ייד, ווערט אויך דערוויזן דורך דעם אומפאַרשטענדעניש
פונם ייד פאַר יעטוועדן אַסקעטיזם. דידאָזיקע אייגנשאַפט באַ-
קומט נאָך אַ גרעסערע בולטקייט אונטערן איינפלוס פון די
רבנים, וועלכע האָבן ליב צו רעדן אויף דער טעמע פון פריה
ורביה און ברענגען אַ מינדלעכע מסורה אין צוזאַמענהאַנג
מיט דער קינדער-פרוכפּערונג. עפּעס אַנדערש אייגנטלעך האָט
מען נישט געקאָנט דערוואַרטן פון די ראשים פון אַ פאָלק,
וועמעס עטישע עיקר-אויפגאַבע, לויט זיין איבערצייגונג
ווייניקסטנס, מוז זיין דאָס „פאַרמערן זיך".

מעקלעריי איז לסוף גרעניץ-פאַרווישונג: און דער
ייד איז דער גרעניץ-פאַרווישער
$\kappa\alpha\tau$ ἐξοχήν. ער איז דער קעגנפּאָליוס פון דעם אַריסטאָקראַט;
דער פּרינציפּ פון יעטוועדן אַריסטאָקראַטיזם איז שטרענגסטע
אָפּהיטונג פון אַלערליי גרעניצן צווישן די
מענטשן. דער ייד איז געבוירענער קאָמוניסט, און וויל תמיד
די געמיינשאַפט. די פאָרמלאָזיקייט פון דעם ייד אין פאַרקער,
זיין מאַנגל אין געזעלשאַפטלעכן טאַקט שטאַמען טאַקע דערפון.
אַלע אומגאַנגס-פאָרמען זענען נאָר די פיינע מיטלען, כדי צו
באַטאָנען און באַשיצן די גרעניצן פון די פערזענלעכע מאָנאַדן;
דער ייד אָבער איז נישט מאָנאַדאָלאָג.

איך באַטאָן נאָכאַמאָל, הגם דאָס דאַרף זיין גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעך: נישט געקוקט אויף דער נעגאַטיווער אָפּשאַצונג פון עכטן ייד, בין איך פונדעסטוועגן נישט ווייניקער ווייט פונם רציון צו דינען מיט מיינע אויספירונגען אַלס אַן אָנשפּאַר פאַר וועלכער ס'איז טעאָרעטישער אָדער גאָר פּראַקטישער יידנפאַרפאָלגונג. איך רעד וועגן יידנטום אַלס פּלאַטאָנישע אידעע — פּונקט אַזוי ווי ס'איז דאָ אַן אַבסאָלוטער קריסט, — איך רעד נישט וועגן די איינצלנע יידן, וואָס דער מערהייט פון זיי וואָלט איך מיט מיינע אויספירן כלל נישט וועלן פאַרשאַפן קיין ווייטיק; און מען דאַרף באַמערקן, אַז פיל פון זיי וואָלט געשען אַ ביטער אומרעכט, ווען דאָס געזאָגטע זאָל אָנגעווענדט ווערן לגבי זיי. לאָזונגען ווי „קויפט נאָר בא קריסטן" זענען ייִדיש, מחמת זיי באַטראַכטן און שאַצן אָפּ דעם אינדיווידואום נאָר אַלס מין-אָנגעהעריקן; ענלעך ווי דער יידישער באַגריף „גוי" באַצייכנט יעדן קריסט פּשוט אַלס אַזעלכן, און סובסומירט אים שוין צוגלייך.

ובכן, נישט דער באָיקאָט, און נישט די אַרויסטרייבונג פון די יידן, אָדער דאָס נישט צולאָזן זיי צו אַמט און ווירדע ווערט דאָ פאַרטיידיקט. דורך אַזעלכע מיטלען לאָזט זיך די יידנפראַגע נישט לייזן, ווייל זיי ליגן נישט אויף דעם וועג פון דער זיטלעכקייט. אָבער אויך דער ציוניזם איז עס נישט בכוח צו טון. ער וויל צונויפנעמען די יידן, וועלכע, ווי עס ווייזט אָן ה. ס. טשעמבערלען, האָבן שוין לאַנג פאַרן חורבן בית-מקדש טיילווייז אויסגעוויילט דעם גלות אַלס זייער נאַטירלעך לעבן, דאָס לעבן פון אַ שבט, וואָס איז זיך פונאַנדערגעקראָכן איבער דער גאַנצער ערד, וואָס האָט אייביק אונטערגעדריקט אין זיך די אינדיווידואַציע. קלאָר, אַז דער ציוניזם וויל עפּעס נישט-יידישס. די יידן וואָלטן געמוזט צוערשט גובר זיין דאָס יידנטום, איידער זיי וואָלטן רייף געוואָרן פאַרן ציוניזם.

צום דאָזיקן צוועק וואָלט אָבער קודם-כל נויטיק געווען, אַז די יידן זאָלן זיך גופא קענענלערנען און קעמפן קעגן זיך, אַז זיי

ואָלן וועלן אינערלעך באַזיגן דאָס יידנטום אין זיך.

ביז היינט אָבער קענען זיך די יידן נאָר אויף אַזויפיל, וואָס זיי מאַכן וויצן איבער זיך און סמאַקעווען אין זיי — ווייטער גאָרנישט. אומבאַוווּסטזיניק נאָר אַכטעט יעדער ייד דעם אַריער העכער ווי זיך גופא. ערשט די פעסטע און אומדערשיטערלעכע אַנטשלאָסנקייט צו דערמעגלעכן ; זיך די העכסטע זעלבסטאַכטונג וואָלט געקאָנט די יידן פון יידנ-טום באַפרייען. דערדאָזיקער אַנטשלוס קאָן נאָר ווערן אָנגענו-מען און אויסגעפירט דורך אַן אינדיווידועל, און נישט דורך קיין גרופּע, און זאָל זי אַפילו זיין נאָך אַזוי שטאַרק און ערנהאַפ-טיק. דערפאַר קאָן די יידן-פראַגע נאָר אינדיווידועל געלייזט ווערן, יעדער איינצלנער ייד מוז זיך באַמיען זי צו לייזן פאַר זיין אייגענער פּערזאָן.

נישט פאַראַן קיין אַנדערע לייזונג פון דער פראַגע און ס'קאָן אויך קיין אַנדערע נישט זיין ; דעם ציוניזם וועט זי קיינמאָל נישט געלינגען.

דער ייד טאַקע, וועלכער וואָלט גובר געווען אין זיך דאָס יידנטום, דער ייד, וועלכער וואָלט געוואָרן אַ קריסט, וואָלט דאַן אויך בלי-ספק באַזעסן דאָס פולע רעכט, אַז דער אַריער זאָל זיך צו אים באַציען ווי צו אַן איינצלנער פּערזאָן, און נישט ווי צו אַ מיטגליד פון אַ ראַסע, איבער וועלכער זיין מאָראַלישׂ שטרעבן האָט אים שוין לאַנג אַרויסגעהויבן. ער מעג זיין גאַנץ רויק : זיינע באַגרינדעטע טענות וועט קיינער נישט וועלן אָפּלייקענען. דער העכער שטייענדיקער אַריער האָט תּמיד דאָס באַדערפעניש צו אַכטן דעם ייד, זיין אַנטיסעמיטיזם איז אים נישט גורם קיין באַזונדערע פרייד און איז פאַר אים נישט קיין צייטפאַרטרייב. דערפאַר האָט ער אויך נישט ליב, ווען דער ייד רעדט אָפנהאַרציק וועגן יידן ; און ווער עס טוט עס פונדעסטוועגן, דער רופט אַרויס אין דעם אַריער נאָך ווייניקער דאַנקבאַרקייט, איידער אין דעם תּמיד אַזוי עמפינדלעכן יידנטום. אָבער דער אַריער וויל שוין בשום-אופן נישט, אַז דער ייד זאָל באַרעכטיקן דעם אַנטיסעמיטיזם דורך זיין שמד. אָבער

אויך דידאָזיקע גלפּאַר פון עקסטער אומאָנערקענונג פון זיין ערלעכסטן שטרעבן דאַרף נישט קימערן דעם ייד, וועלכער וויל די א י נ ע ר ל ע כ ע באַפרייונג. ער וועט מוזן מוותּר זיין אויפן געדאַנק צו דערגרייכן דאָס אוממעגלעכע; ער קאָן נישט שעצן אין זיך דעם יי ד, ווי דאָס פאַרלאַנגט דער אַריער, און טראַכטן וועגן דעם, זיך צו קאָנען ערן אַלס מ ע נ ט ש. ער וועט שטרעבן צו דערגרייכן דעם נשמה-טויף פון גייסט, נאָך וועלכן עס קאָן שוין שפּעטער נאָכקומען דער אויסערלעכער סימבאָלישער שמד פון קערפּער.

די פאר דעם ייד אַזוי וויכטיקע און אַזוי נויטיקע דערקענטעניש וועגן דעם, וואָס דאָס יידישע און דאָס יידנטום איז אייגנטלעך, וואָלט געווען די לייזונג פון איינעם פון די שווערסטע פּראָבלעמען; דאָס יידנטום איז אַ פיל טיפער רעטעניש, ווי עס גלויבט וועלכער ס'איז אַנטיסעמיטן-קאַטעכיזם. און אין לעצטן תּוך וועט אפשר זיין מהות קיינמאָל פולשטענדיק נישט אויפגעקלערט ווערן. אויך דער פּאַראַלעל מיט דער פרוי וועט אונז דאָ איינגיכן פאַרלאָזן; לעת-עתּה וועט זי אונז נאָך דאָ אַביסל באַהילפיק זיין.

אין דעם קריסט פירן מיטאַנאַנד אַ קאַמף שטאָלץ און הכנעה, אין ייד הויכמוט און קריכעריי; אין ערשטן זעלבסטבאַוווסטזיין און זעלבסטפאַרניכטיקונג, אין צווייטן — חוצפּה און דעוואָציע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מאַנגל פון הכנעה באַם ייד געפינט זיך זיין לגמרידיקע אומפאַרשטענדעניש פאַר דער אידעע פון חסד. נאָר זיין קנעכטישע נאַטור האָט געקאָנט באַשאַפן זיין העטעראָנאָמישע עטיק, זיין דעקאַלאָג*) — דעמדאָזיקן אוממאָראַלישסטן קאָדעקס אין דער וועלט, וואָס זאָגטצו פאַר דעם געהאָרכזאַמען פאָלגן פון אַ מעכטיקן פ ר ע מ ד ן ווילן דעם ווילטאָג אויף דער ע ר ד און די דעראָבערונג פון דער גאַנצער וועלט. דאָס פאַרהעלטעניש צום יהוה, דעם אַ ב ס ט ר אַ ק ט ן געץ, פאַר וועלכן ער האָט דעם פּחד פון אַ ש ק ל אַ ו, וועמעס נאָמען ער וואַגט צומאָל נישט אַ ר ו י ס צ ו ר ע ד ן, — דאָס אַלץ כאַראַקטעריזירט דעם ייד אַנאַלאָגיש צו דער פרוי, וועלכע באַדאַרף אַ פרעמדע הערשאַפט איבער

*) עשרת-הדברות

זיך. שאָפּענהויער דעפינירט ערגיץ: „דאָס וואָרט גאָט באַטייט אַ מענטש, וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט". דער גאָט פון די יידן איז טאַקע אַזעלכער. וועגן דעם געטלעכן אין מענטש, וועגן דעם „גאָט, וועלכער וווינט אין מיין האַרצן", ווייסט דער עכטער ייד לגמרי נישט. דאָס אַלץ, וואָס ס'האָבן אונטער געטלעכן פאַרשטאַנען קריסטוס און פּלאַטאָן, עקהאַרד און פּאַול, געטע און קאַנט, און אַלע אַריער, פון די וועדישע פּריסטער ביז אויף פעכנער, די הערלעכע שלוס-פערזן פון די „דריי מאָטיוון און יסודות פון דער אמונה" — די ווערטער: „איך וועל זיין בײַ אייך אַלע טעג ביזן סוף פון דער וועלט" — דאָס אַלץ איז דער ייד לגמרי נישט בכוח משיג צו זיין. מחמת דאָס געטלעכע אינם מענטש איז זיין נשמה: דער אַבסאָלוטער ייד איז נשמהלאָז.

דערפאַר איז עס פולשטענדיק נאַטירלעך, וואָס אין אַלטן טעסטאַמענט פעלט דער גלויבן אין השארת-הנפש. ווער עס האָט נישט קיין נשמה, ווי אַזוי-זשע זאָל ער האָבן אַ באַדערפעניש נאָך איר אומשטערבלעכקייט? דעם ייד, פונקט ווי דער פרוי, איז פרעמד די באַדערפעניש נאָך אומשטערבלעכקייט: „anima naturaliter christiana"*), זאָגט טערטוליאַן.

צוליבן זעלביקן טעם איז אויך נישט פאַראַן בײַ די יידן — ה. ס. טשעמבערלען האָט עס ריכטיק אויפגעוויזן — קיין אייגנטלעכע מיסטיק, אַחוץ עפּעס אַ וויסטן אַבערגלויבן און אינטערפּרעטאַציע-מאַגיע, וועלכע ווערט אָנגערופן „קבלה". דער יידישער מאָנאָטעיזם האָט לגמרי נישט צו טון מיט דער עכטער אמונה אין גאָט, ער איז גיכער איר נעגאַציע, אַ „פאַלשע נאָכמאַכונג" פון אמתער דינסט אונטער דעם פּרינציפּ פון גוטס, די האָמאָגימיטעט פון יידישן גאָט מיטן קריסטלעכן גאָט איז פאַר דעם לעצטן דער ערגסטער חוזק. דאָס איז נישט קיין רעליגיע פון ריינעם שכל; גיכער אַן אַלטווייבערישער גלויבן אויס שמוציקן פחד.

אַלמאַי ווערט פון דעם אָרטאָדאָקסישן יהוה-קנעכט אַזוי

---

*) אַ נשמה, וואָס איז פון געבוירן קריסטלעך.

ראש און לייכט א מאטעריאליסט, א „פריידענקער"? אלמאי איז דער לעסינגשער אויסדרוק „אויפקלערעכץ"—וואס ס'זאָל נישט האָבן געזאָגט דער אנטיסעמיטישער דיורינג אויף א גאנץ בארעכטיקטן יסוד — גלייך ווי באשאפן פארן יידנטום? דאָ האָט דער שקלאַון-חוש אביסל אָפגעטרעטן, מאכנדיק אן אָרט פאר זיין תמידיקער פארקערטער זייט, דער פרעכקייט: ביידע זענען זיך טוישנדיקע פאזעס פון איין און דעמזעלביקן ווילן אין אייגענעם מענטש. די חוצפה לגבי זאכן, וועלכע ווערן נישט אָפגעפילט אלס סימבאָלן פון עפעס טיפערס, אָדער אפילו נאָר געאַנט אין אומקלאָרן טאָרגעפיל, דער מאנגל אין „Verecundia"*) אויך פאר דעם נאטור-געשען, דאָס אלץ פירט צו דער יידישער, מאטעריאליסטישער פאָרם פון דער וויסנשאפט, וועלכע האָט היינט ליידער באקומען די שליטה. און איז געוואָרן אומטאָלעראנט לגבי יעטוועדער פילאָזאָפיע. וויבאלד מען באטראכט דאָס יידנטום אלס א אידעע — ווי דאָס איז די איינציק נויטווענדיקע און ריכטיקע זאך — אין וועלכער אויך דער אריער קאָן האָבן מער אָדער ווייניקער אָנטייל, דאן וועט זיין ווייניק איינצוווענדן דערקעגן, ווען עמיצער זאָל אָנשטאָט „געשיכטע פון מאטעריאליזם" וועלן ארייננשטעלן „מהות פון יידנטום". „דאָס יידנטום אין דער מוזיק" האָט שוין וואגנער באהאנדלט; וועגן יידנטום אין דער וויסנשאפט וועט נאָך דאָ אויסקומען אביסל צו רעדן.

יידנטום אין ברייטסטן זינען איז יענע ריכטונג, וועלכע זעט אין דער וויסנשאפט קודם-כל א מיטל צו א באשטימטן צוועק — אויסצושליסן יעטוועדעס טראנסצענדענטאלע. דער אריער עמפינדט דאָס שטרעבן, אלץ צו באגרייפן און ארויסצודרינגען, אלס א געוויסע אנטווערטונג פון דער וועלט, מחמת ער פילט, אז גראָד דאָס אומדערפאָרשלעכע גיט צו דעם דאָזיין זיין ווערט.

דער ייד האָט נישט קיין יראת-הכבוד פאר געהיימנישן, ווייל ער פילט זיי בכלל אינערגיץ נישט אָפ. זיין שטרעבן איז צו זען די וועלט מעגלעכסט פלאך און געווינלעך, נישט ערשט דורך קלאָרקייט צו זיכערן דעם אייביק טונקעלן אן אייביק

*) יראת הכבוד.

רעכט, נאָר כּדי צו שאַפן אַ פּוסטע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון דעם אַל און אָפּצורוימען פון וועג די זאַכן, וועלכע שטערן דער פרייער באַוועגונג פון זיינע עלנבויגנס אויך אין דער גייסטיקער ספערע. די אַנטיפילאָזאָפישע (נישט די אַפּילאָזאָפישע) וויסנשאַפט איז אין תּוך יידיש.

די יידן זענען תּמיד געווען גינציק געשטימט צו דער מעכאַניסטיש-מאַטעריאַליסטישער אַנשויונג פון דער וועלט — טאַקע דערפאַר, ווייל זייער גאָט-פאַרערונג האָט נישט קיין שום קרובהשאַפט מיט אמתער רעליגיע. זיי האָבן זיך צום הייסטן אָנגעכאַפּט אָן דעם דאַרוויניזם און דער לעכערלעכער טעאָריע וועגן דער מאַלפּישער אָפּשטאַמונג פון מענטש; אַזוי זענען זיי כּמעט געווען די שעפער און באַגרינדער פון יענער עקאָנאָמישער אויפפאַסונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלכע שטרייכט פולשטענדיק אויס דעם גייסט פון דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין. פריער די פאַרברענטסטע אָנהענגער פון ביכנער, זענען זיי איצט די באַגייסטערטסטע פאַרקעמפער פון אָסטוואַלדן.

ס'איז אויך נישט קיין בלויזער צופאַל, וואָס די כעמיע געפינט זיך היינט צו טאָג אין אַזאַ ברייטן אומפאַנג אין די הענט פון יידן, ווי אַמאָל אין די הענט פון די שטאַם-פאַרקרובישטע אַראַבער. דאָס אויפלייזן זיך אין דער מאַטעריע, דאָס באַדערפעניש צו לאָזן אין איר אַלץ צעגיין, פאַרלאַנגט דעם לגמרידיקן מאַנגל פון אַן אינטעליגיבלען איך, און איז בכן בעצם יידיש.

„O curas Chymicorum! o quantum in pulvere inane!"*).

דערדאָזיקער העקסאמעטער שטאַמט, וואָס אַן אמת, פון דעם דייטשישסטן פאַרשער פון אַלע צייטן: דער וואָס האָט אים געדיכטעט, הייסט יאָהאַן קעפּלער

בלי-ספק שטייט דאָס אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט די איינפלוסן פון יידישן גייסט, וואָס די מעדיצין, צו וועלכער די יידן שטרעמען מחנותווייז, האָט אָנגענומען איר היינטיקע אַנטוויקלונג. אין אַלע צייטן, פון די ווילדע ביז צו דער

*) ווי צו דער הילונג פון די כעמיקער! אָ, וויפל נישטיקייט ס'איז פאַראַן אין די פּראָשקעס!

הייגטיקער נאַטורהייל-באַוועגונג, פון וועלכער די יידן,—וואָס איז
וייער כאַראַקטעריסטיש — האָבן זיך תמיד געהאַלטן אָן אַ
וייט, האָט יעטוועדע הייל-קונסט געהאַט אין זיך עפּעס רעלי-
ניעזס; דער רופא איז געווען דער כּוהן. די בלויז כעמישע
ריכטונג אין דער מעדיצין — דאָס איז דאָס יידנטום. געוויס
וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן דערקלערן דאָס אָרגאַנישע מיט
דעם אומאָרגאַנישן, נאָך להיפך, העכסטנס וועט זיך דאָס לעצטע
לאָזן אַרויספירן פון ערשטן. ס'איז קיין ספק נישט, אַז
פּעכנער און פּרעיער זענען גערעכט געווען, אַרויספירנדיק
דאָס טויטע פון דעם לעבעדיקן, און נישט פאַרקערט. מיר
וועלן טעגלעך אין אינדיווידועלן לעבן די פאַרוואַנדלונג פון
אָרגאַנישן אין אומאָרגאַנישן (שוין די פאַרקנאָכונג און פאַר-
קאַלכונג אויף דער עלטער, די זקנה - אַרטעריעסקלעראָז
און אַטעראָמאַטאָז גרייטן צו דעם טויט); אינדערצייט ווען
קיינער האָט נאָכנישט געזען אַנטשטיין עפּעס לעבעדיקס פון
טויטן. דאָס וואָלט מען אויך געדאַרפט — אין זינען פון
„ביאָגענעטישן" פּאַראַלעליזם צווישן אָנטאָגעניע און פילאָגעניע —
אָנווענדן אויף דער גאַנצער אַנאָרגאַנישער מאַטעריע. וויבאַלד
די טעאָריע פון דער אורגעבורט האָט פון סוואַמערדאַנען
ביז פּאַסטערן געמוזט נאָכאַנאַנד אָפּטרעטן פון אַזויפיל
פּאָזיציעס, טאָ וועט זי אויך מוזן וואַרפן איר לעצטן מקלט,
וועלכן זי האָט געפונען אין מאָניסטישן באַדערפעניש פון
אַזויפיל מענטשן, וויבאַלד, נאַטירלעך, דאָסדאָזיקע באַדערפעניש
וועט זיך לאָזן באַפרידיקן אויף אַן אַנדערן וועג און אויף אַ
ריכטיקערן אופן. די גלייכונגען, וועלכע דריקן אויס די טויטע
פּראָצעסן, וועלן זיך אפשר אַמאָל דורך אַריינשטעלונג פון באַ-
שטימטע צייטווערטן אַרויסווייזן אַלס גרעניץ-פאַלן פון די
גלייכונגען, וואָס דריקן אויס לעבנס-פּראָצעסן; אָבער מיר שטעלן
זיך כּלל נישט פאָר, אַז די באַשאַפונג פון לעבעדיקן מיט דער
הילף פון טויטן זאָל זיין מעגלעך. די שטרעבונג צו באַשאַפן אַ
האָמונקולוס איז פּאַוסטן פרעמד געווען. ער האָט
זי, נישט אָן גרונט, רעזערווירט פאַר וואַגנערן, דעם
פּאַמולוס. מיט דער כעמיע קאָן מען נאָר באמת בייקומען בלויז
די עקסקרעמענטן פון לעבעדיקן; איז דאָך דאָס טויטע גופא

נאָר אַן עקסקרעט פון לעבן. דער כּימישער אָנשווינגס-אופן שטעלט אַוועק דעם אָרגאַניזם אויף איין שטופּע מיט זיינע אָפּפאַלעכצן און אויסשיידונגען. ווי-זשע אַנדערש וואָלט מען זיך נאָך געקאָנט דערקלערן דעם גלויבן פון אַ מענטש דערין, צו קאָנען דורך דערנערונג מיט מער אָדער ווייניקער צוקער באַאיינפלוסן דאָס געשלעכט פון דעם געבוירנווערנדיקן קינד? דידאָזיקע מאניר פון באַרירן מיט אומצניעותדיקער האַנט יענע זאַכן, וועלכע דער אריער עמפּינדט אין תּוך פון זיין נשמה אַלס שיקזאַל, איז אַריין אין דער נאַטורוויסנשאַפט ערשט דורך די יידן. די צייט פון יענע טיף-רעליגיעזע פאָרשער, פאַר וועלכע זייער אָביעקט האָט תּמיד אויסגעוויזן צו האָבן אָנטייל אין עפּעס אַן איבערחושימדיקער חשיבות, פאַר וועלכע עס האָבן עקזיסטירט סודות און וועלכע זענען אפשר קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער טיפער השתוממות איבער דעם, צו וועמעס אַנטדעקונג זיי האָבן זוכה געווען, די צייט פון אַ קאָפּערניק און גאַליליי, אַ קעפּלער און אוילער, ניוטאָן און ליניי, לאַמאַרק און פאַראַדעי, קאָנראַד שפּרענגעל און קיוויע איז משמעות פאַריבער. די היינטיקע פרייגייסטער, וועלכע, ווייל זיי זענען פריי פון גייסט, זענען שוין נישט בכּוח צו גלויבן אין קיין שום אימאַנענטער התגלות פון עפּעס העכערס אין נאַטורגאַנצן, זענען נישט אימשטאַנד, אפשר טאַקע דערפאַר, אויך אין זייערע באַזונדערן וויסנשאַפטלעכן פאַך פּאַקטיש צו פאַרנעמען און צו דערגרייכן יענע הויך, אויף וועלכער ס'זענען געשטאַנען דידאָזיקע מענטשן.

אָט-דער מאַנגל אין טיפקייט דערקלערט אונז, אלמאי די יידן קאָנען פון זיך נישט אַרויסגעבן קיין באמת גרויסע מענער, אלמאי די יידן, פונקט ווי דער פרוי, איז פאַרזאָגט די העכסטע געניאַליטעט. דער באַדייטנדיקסטער ייד פון די לעצטע ניינצן יאָרהונדערטער, אין וועמעס ריין סעמיטישן אָפּשטאַם ס'איז נישטאָ קיין גרונט צו צווייפלען, און וועלכער באַזיצט בלי-ספק פיל מער באַדייטונג, איידער דער, כּמעט פון יעדער גרויסקייט באַרויבטן, דיכטער היינע, אָדער דער אָריגינעלער, אָבער בשום אופן נישט

טיפער מאָלער איזראַעלס, איז דער פילאָזאָף שפינאָזאַ. די אַלגעמיין פאַרשפרייטע, אומגעהויערע איבערראַשונג פון דעם לעצטן איז אַרויסגערופן נישט אַזויפיל דורך פאַרטיפונג און שטודירונג פון זיינע ווערק, וויפל דורך דעם צופעליקן אומשטאַנד, וואָס ער איז דער איינציקער דענקער, וועמען געטע האָט באַזונדערס פלייסיק געלייענט.

פאַר שפינאָזאַ גופא האָבן אייגנטלעך נישט עקזיסטירט קיין פראָבלעמען: דערין ווייזט ער זיך אַרויס אַלס עכטער ייד; אַזיסטן וואָלט ער נישט געקאָנט אויסוויילן יענעם „מאַטעמאַטישן מעטאָד", וועלכער איז ווי באַרעכנט דערויף, פאָרצושטעלן אַלצדינג פשוט און זעלבסטפאַרשטענדלעך. דער סיסטעם פון שפינאָזאַ איז געווען זיין מקלט, אין וועלכן ער האָט זיך צוריקגעצויגן, ווייל קיינער האָט אַזוי ווי ער נישט אויסגעמיטן דאָס נאָכדענקען איבער זיך גופא. אָט פאַרוואָס דערדאָזיקער סיסטעם האָט געקאָנט זיין פאַר געטע, דעם מענטש, וואָס האָט אַמייסטן, און שמערצפולער פון אַלע אַנדערע, איבער זיך נאָכגעטראַכט, אַ באַרויקונג און דערהאָלונג. מחמת וועגן וואָס ס'זאָל אַלץ נישט דענקען דער באמת באַדייטנדיקער מענטש, דענקט ער דאָך אין תוך נאָר איבער זיך גופא. און הגם העגעל איז זיכער געווען אין טעות, טראַקטירנדיק די לאָגישע אָפּאָזיציע, אַלס רעאַלע אָפּשטויסונג, טאָ פליסט דאָך בלי-ספק אַפילו דער טרוקנסטער לאָגישער פראָבלעם באַ דעם טיפערן דענקער פּסיכאָלאָגיש אַרויס פון אַ מעכטיקן אינערלעכן קאָנפליקט. שפינאָזאַס סיסטעם, אין זיין דאָגמאַטישן מאָניזם און אָפּטימיזם, אין זיין פולקאָמענער האַרמאָניע, וועלכע געטע האָט אַלס אַזוי היגיעניש אָפּגעפילט, איז בשום אופן נישט קיין פילאָזאָפיע פון אַ מעכטיקן גייסט; ער איז גיכער אַ התבודדות פון אַן אומגליקלעכן, וואָס זוכט אַן אידיליע, צו וועלכער ער איז אין תוך כּלל נישט מסוגל, אַלס אַ גענצלעך הומאָרלאָזער מענטש.

די עכטקייט פון זיין יידנטום באַווייזט שפינאָזא נישט איינמאָל און לאָזט דייטלעך זען די גרעניצן, וועלכע זענען אויף תמיד אָנגעצייכנט פאַרן ריין יידישן גייסט: איך מיין דאָ נישט אַזויפיל זיין אומפאַרשטענדעניש פאַר דעם מלוכה-

געדאַנק און זיין אָנהענגערשאַפט פון דער האָבסישער „מלחמה פון אַלע קעגן אַלע", אַלס כלומרשטער אורצושטאַנד פון דער מענטשהייט. אויף דער פאַרהעלטנישמעסיק נידריקער מדרגה פון זיינע פילאָזאָפישע אָנשויונגען זאָגט פיל מער עדות זיין לגמרידיקע אומפאַרשטענדעניש פאַר דער פרייהייט פון ווילן — דער ייד איז תמיד שקלאַוו און בכן דעטערמיניסט, — און אַמייסטן אָבער דאָס, וואָס פאַר אים, אַלס עכטן ייד, זענען די אינדיווידן נאָר אַקצידענצן, נישט סובסטאנצן, נאָר אומווירקלעכע מאָדוסן פון אַן אַליין ווירקלעכער, יעטוועדער אינדיווידואַציע פרעמדער אומענדלעכער סובסטאַנץ. דער ייד איז נישט מאָנאַדאָלאָג. דערפאַר איז נישט פאַראַן קיין טיפערער קעגנזאַץ, איידער צווישן שפינאָזא און זיין ווייט באַדייטנדיקערן און אוניווערסאַלערן בן-דור לייבניץ, דעם פאָרשטייער פון דער מאָנאַדן-טעאָריע און איר נאָך ווייט גרעסערן שפּעטער ברונא, וועמעס ענלעכקייט מיט שפינאָזא איז דורך אַ געוויסע אויבערפלעכלעכע אָנשויונג אויף אַזאַ משונהדיקן אופן איבערגעטריבן געוואָרן*).

פונקט ווי דאָס „ראַדיקאַל-גוטע" און דאָס „ראַדיקאַל-שלעכטע", אַזוי פעלט אויך דעם ייד (און דער פרוי) צוזאַמען מיטן זשעני דאָס ראַדיקאַל-נאַרישע פון דער מענטשלעכער, מענלעכער נאַטור. דער ספּעציפישער מין אינטעליגענץ, וואָס ווערט דעם ייד ווי דער פרוי נאָכגערומט, איז פון איין זייט נאָר גרעסערע וואַכזאַמקייט פון זייער גרעסערן עגאָיזם; פון דער אַנדער זייט

*) קיין זשעני איז שפינאָזא נישט געווען. נישט פאַראַן קיין געדאַנקען־אָרעמערן און קיין פאַנטאַזיעלאָזערן פילאָזאָף צווישן אַלע באַדייטנדיקערע געשטאַלטן פון דער פילאָזאָפיע-געשיכטע. וויבאַלד אָבער מען איז גוטה צו זען אין ספינאָציזם דעם שעמעוודיקן אויסדרוק פון אַ טיפן פאַרהעלטעניש צו דער נאַטור — וואָס ווערט תמיד אַרויסגערופן דורכן געדאַנק וועגן געטע — איז דאָס די סאַמע קאַפּויערדיקע באַנעמונג פון דערדאָזיקער פילאָזאָפיע. ווער עס וויל דעם וועלטאַל אַרומנעמען, דער קאָן נישט אָנהויבן מיט דעפיניציעס. שפינאָזאַס פאַרהעלטעניש צו דער נאַטור איז געווען גיכער אַן אויסערגעוויינלעך לויזע. דערמיט שטימט דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך אויף זיין גאַנצן לעבנסוועג אינערגיץ נישט אָנגעשטויסן אויף דער קונסט (זע קאַפּ XI).

באַשטייט זי אין דער אומענדלעכער צופּאַסונגפעיִקייט פון ביידע צו כּלערליי אויסערלעכע צוועקן אָן אונטערשיד: ווייל זיי טראָגן נישט אין דער אייגענער ברוסט קיין שום אורטימלעכן מאָסשטאַב פון ווערט, קיין שום קיניגרייך פון צוועקן. דערפאַר באַזיצן זיי אומגעטריבטערע נאַטירלעכע אינסטינקטן, וועלכע קערן זיך באַם אַרישן מאַן נישט תּמיד אום צוהילף, בעת אים פאַרלאָזט דאָס איבערחושימדיקע פון זיין אינטעליגענץ.

דאָ איז אויך דאָס אָרט צו דערמאָנען וועגן דער זינט ריכאַרד וואַגנער אָפּט אויפגעהויבענער ענלעכקייט פון דעם ענגלענדער מיט דעם ייִד. מחמת בלי-ספק האָבן צווישן אַלע גערמאַנער די ענגלענדער אַמייסטן אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט די סעמיטן. זייער אָרטאָדאָקסאַלישקייט, זייער שטרענג ווערטלעכע אינטערפּרעטאַציע פון דער שבת-רו ווייזט דערויף אָן, אין דער רעליגיעזישקייט פון די ענגלענדער שטעקט נישט זעלטן צביעות, אין זייער אַסקעטיזם — נישט ווייניק פּרודעריע. אויך זענען זיי, פּונקט ווי די פּרויען, קיינמאָל נישט פּראָדוקטיוו געווען אין דער מוזיק און אין דער רעליגיע: פאַראַן אפשר אירעליגיעזע דיכטער – זייער גרויסע קינסטלער קאָנען עס נישט זיין — אָבער ס'איז נישט פאַראַן קיין אירעליגיעזער מוזיקער. און עס שטייט אויך דערמיט אין צוזאַמענהאַנג, אַלמאַי די ענגלענדער האָבן קיינמאָל נישט אַרויסגעבראַכט קיין שום באַדייטנדיקן אַרכיטעקט און קיין גרויסן פילאָזאָף. בערקלי, ווי אויך סוויפט און שטערן זענען אירלענדער; עריגענא, קארלייל און האמילטאָן, ווי אויך בערנס, זענען שאָטלענדער. שעקספּיר און שעלי, די צוויי גרעסטע ענגלענדער, באַצייכענען נאָך ווייט נישט די שפּיצן פון דער מענטשהייט; זיי גרייכן אויך נישט אַפילו אין ערך צו מיקעלאַנדזשעלאָ אָדער בעטהאָווען. און וויבאַלד מיר וועלן זיך אַרומקוקן צווישן די ענגלישע „פילאָזאָפן", וועלן מיר זען, ווי פון זיי איז זינט דעם מיטלאַלטער תּמיד אַרויסגעגאַנגען די רעאַקציע קעגן יעטוועדער טיפקייט: פון ווילהעלם אָקאַם און דונס סקאָט אָנגעהויבן,

איבער ראָזשער בעקאָן און זיין נאָמען-פעטער דעם קאַנצלער, דעם שפּינאָזאַס אַזוי גייסט-פאַרקרובישטן האָבס און דעם פלאַכן לאָק, ביז צו האַרטלי, פּריסטלי, בענטאַם, דיביידע מיללס, לואיס העקסלי און ספּענסער. דערמיט זענען שוין אָבער אויסגערעכנט די וויכטיקסטע נעמען פון דער ענגלישער פילאָזאָפיע; מחמת אַדאַם סמיט און דאַוויד יום זענען געווען שאָטלענדער.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פון ענגלאַנד איז צו אונדז געקומען די נשמהלאָזע פּסיכאָלאָגיע! דער ענגלענדער האָט אימפּאָנירט דעם דייטש אַלס טיכטיקער עמפּיריקער, אַלס רעאַל-פּאָליטיקער אין פּראַקטישן ווי אין טעאָרעטישן, אָבער דערמיט איז אויך אויסגעשעפּט זיין וויכטיקייט פאַר דער פילאָזאָפיע. ס׳איז נאָך קיינמאָל נישט געווען קיין טיפערער דענקער, וועלכער זאָל האָבן שטיינגעבליבן באַ דעם עמפּיריזם; און ס׳איז אויך נישט געווען קיין איין ענגלענדער, וועלכער זאָל האָבן זעלבשטענדיק איבערגעשריטן דעם גבול פון עמפּירישן.

פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט פאַרטוישן דעם ענגלענדער מיט דעם ייד. אין ענגלענדער איז פאַראַן פיל מער טראַנסצענדענטס ווי אינם ייד, נאָר זיין גייסט איז מער געריכטעט פון טראַנסצענדענטן אויפן עמפּירישן, איידער פון עמפּירישן אויפן טראַנסצענדענטן. אַזיסטן וואָלט ער נישט געווען אַזוי הומאָר-פול, ווי ער איז עס, בשעת דעם ייד פעלט דער הומאָר לגמרי און ער אַליין שטעלט מיט זיך גיכער פאָר, נאָך דער סעקסואַליטעט, דער שפּעדיקכטער אָביעקט פון יעטוועדן וויץ.

איך ווייס גאַנץ גוט, סאַראַ שווערער פּראָבלעם ס׳איז דאָס געלעכטער און דער הומאָר; פּונקט אַזוי שווער ווי אַלץ, וואָס איז נאָר מענטשלעך און נישט אויך חיהיש; אַזוי שווער, אַז שאָפּענהויער האָט נישט געוווּסט צו זאָגן וועגן דעם עפּעס רעכטס, און אַפילו זשאַן פּאָל איז נישט בכוח געווען צו דערקלערן גאַנץ באַפרידיקנדיק דעמדאָזיקן געגנשטאַנד. אין הומאָר שטעקן קודם-כל פילערליי עלעמענטן: פאַר טייל מענטשן שיינט ער צו באַדייטן אַ פיינע פאָרם פון מיטלייד מיט אַנדערע אָדער מיט זיך גופא; אָבער דערמיט

איז נאָכנישט געזאָגט, וואָס ס'איז אייגנטלעך פאַרן הומאָר אויסשליסלעך כאַראַקטעריסטיש. אין אים קאָן קומען צום אויסדרוק באַוווסטזיניקער „פּאַטאָס פון דיסטאַנץ" — באַם גענצלעך אומפּאַטעטישן מענטש; אָבער אויך דערמיט נעווינען מיך נאָך גאָרנישט אַנטשיידנדיקס פאַרן מהות פון הומאָר.

דאָס עצמדיקסטע אין הומאָר שיינט מיר צו זיין אַן איבערמעסיקע באַטאָנונג פון עמפּירישן, וועלכע שטעלט דורכדעם קלאָרער אַרויס די גאַנצע אומווכטיקייט טאַקע פון לעצטן. לעכערלעך איז אין תוך אַלץ, וואָס ס'איז פאַרווירקלעכט; און דערויף באַזירט זיך דער הומאָר, זייענדיק דער קעגנשפּיל פון דער עראָטיק.

די עראָטיק פאַרייניקט מיטאַנאַנד מענטש און וועלט, לענקענדיק אַלץ אין אים צום דעם ציל; דער הומאָר לאָזט זיי נעמען די קעגנזעצלעכע באַוועגונג, ער לייזט-אויף אַלע סינטעזן, כּדי צו ווייזן, וואָס די וועלט איז אָן טענער. מ'וואָלט כמעט געקאָנט זאָגן, אַז הומאָר פאַרהאַלט זיך לגבי עראָטיק ווי אומפּאָלאַריזירט ליכט לגבי פּאָראַליזירטס*).

אינדערצייט ווען די עראָטיק שטרעבט פון דעם באַגרעניצטן צו דעם אומבאַגרעניצטן, קאָנצענטרירט דער הומאר זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם באַגרעניצטן, רוקט עס אַרויס אויסשליסלעך אויפן פאָדערגרונט פון דער בינע און באַטראַכטנדיק פון אַלע זייטן שטעלט ער עס אַרויס פאַר אַלעמענס אויגן. דער הומאָריסט האָט נישט קיין באַדערפעניש אַרומצורייזן, ער האָט נאָר דעם חוש פאַר קלייניקייטן און פילט אַ דראַנג צו קלייניקייטן; זיין קיניגרייך איז נישט ים און נישט בערג, זיין געביט איז דאָס פלאַכלאַנד. דערפאַר זוכט ער מיט פאָרליבע די אידיליע אויף, און פאַרטיפט זיך אין יעטוועדער איינצלזאַך: אָבער תמיד נאָר דערויף, כּדי צו אַנטהילן איר גאַנצע דיספּראָפּאָרץ מיט דער זאַך אין זיך. ער בלאַמירט די אימאַנענץ, אָפּרייסנדיק זי

*) כּדי זיך דאָס קלאָר צו מאַכן, איז גענוג אַ טראַכט צו טון וועגן דעם אונטערשיד צווישן שעקספּירן און בעטהאָווענען, איינעם פון די גרעסטע קאָנטראַסטן אויפן געביט פון דער פילאָזאָפיע.

גענצלעך פון דער טראַנסצענדענץ, יאָ, ער דערמאָנט שוין צומאָל נישט דעם נאָמען פון דער לעצטער. דער וויץ זוכט די סתירה אויף אין דער דערשיינונג גופא, דער הומאָר דערלאַנגט איר דעם שטאַרקערן קלאַפּ, פאָרשטעלנדיק זי אַלס אַ אין זיך געשלאָסענע גאַנצקייט; ביידע ווייזן, וואָס ס׳איז בכלל מעגלעך, און קאָמפּראָמיטירן דורכדעם אמגויינטלעכסטן די דערפאַרונגס-וועלט· די טראַגיק דערקעגן ווייזט דאָס, וואָס ס׳איז אין אַלע אייביקייטן אוממעגלעך, און אַזוי פאַרנייענען קאָמיק און טראַגיק, יעדע אויף איר אופן, די עמפּיריע; הגם יעדע פון זיי שיינט צו זיין דער היפך פון דער אַנדערער.

דער ייד, וועלכער קומט נישט פון איבערחושימדיקן, און שטרעבט נישט דאָרט אַהין, ווי דער עראָטיקער, האָט נישט קיין שום אינטערעס צו פאַרקלענערן דעם ווערט פון דער געגעבענער ווירקלעכקייט: דערפאַר פאַרוואַנדלט זיך פאַר אים דאָס לעבן קיינמאָל נישט אין אַ לצים-שפּיל, קיינמאָל נישט אין אַ משוגעים-הויז. דער הומאָר איז לויט זיין מהות טאָלעראַנט, ווייל ער קען העכערע ווערטן, ווי די אַלע קאָנקרעטע זאַכן, נאָר ער פאַרשווייגט זיי ערמהדיק; די סאַטירע, זיין היפוך, איז לויט איר מהות אומטאָלעראַנט און אַנטשפּרעכט דערפאַר בעסער דער אייגנטלעכער נאַט׳ור פונם ייד, ווי אויך פון דער פרוי. יידן און פרויען זענען הומאָרלאָז, אָבער גענויגט צום אָפּשפּעטן. אין רוים איז אַפילו געווען אַ פאַרפאַסערין פון סאַטירעס, מיטן נאָמען סולפּיציאַ. די אומגעדולדזאַמקייט פון דער סאַטירע איז גורם דערצו, אַז דער מענטש ווערט אוממעגלעך אין דער געזעלשאַפט. דער הומאָריסט, וועלכער ווייסט ווי אויסצומיידן, אַז די קליינקייטן און קליינלעכקייטן פון דער וועלט זאָלן זיין בכוח אים און די אַנדערע מענטשן צו פאַרשאַפן צער, איז דער אַמליבסטן געזעענער גאַסט אין יעדער געזעלשאַפט. ווייל דער הומאָר, פּונקט ווי די ליבע רוימט אַוועק בערג פונד עם וועג; ער איז אַן אופן פון פאַרהאַלטן זיך, וואָס באַגינסטיקט זייער אַ סאָציאַל לעבן, ד. ה. אַ געמיינזאַמקייט אונטער איין העכערער אידעע. דער ייד איז אויך

בלד נישט געזעלשאַפטלעך געשטימט, דער ענגלענדער דערקעגן אין אַ הויכער מאָס.

דער פאַרגלייך פונם ייד מיטן ענגלענדער פאַרלאָזט אונז בכן פיל פריער, איידער זיין פאַרגלייך מיט דער פרוי. דער טעם, צוליב וועלכן מיר האָבן געמוזט דאָ ווי דאָרט גרינטלעך פאַרפאָלגן די אַלע אַנאַלאָגיעס, שטעקט אין דעם היציקן קאַמף, וועלכער פירט זיך זינט אַ לענגערער צייט מכּוח דעם ווערט און מהות פון יידנטום. אויך קאָן איך מיך דאָ פאַררופן אויף ו אַ ג נ ע ר ן, וועמען דער פראָבלעם פון יידנטום האָט צום אינטענסיווסטן פון אָנהויב ביזן סוף באַשעפטיקט און וועלכער האָט נישט בלויז אינם ענגלענדער געפרווט אָפּצוגעפינען אַ ייד: אויך איבער זיין ק ו נ ד ר י, דער טיפסטער פרויען-געשטאַלט פון דער קונסט, שוועבט בולט דער שאָטן פון אַ ה אַ ס ו ו ע ר.

דער פאַראַלעל, וועלכן מיר האָבן דורכגעפירט צווישן דער פרוי מיט דעם ייד, באַקומט אַ נאָך גרעסערע באַגרינדונג און באַשטעטיקונג אַדאַנק דעם פאַקט, וואָס קיין פרוי אין דער וועלט רעפרעזענטירט נישט אַזוי פולשטענדיק די א י ד ע ע פון דער פרוי, ווי די יידן. און זי ווייזט זיך אַלס אַזעלכע נישט בלויז אין די אויגן פונם ייד; אַפילו דער אַריער פילט זי ענלעך אָפּ: גענוג צו דערמאָנען ג ר י ל פ אַ ר צ ע ר ס „יידין פון טאָלעדאָ". אַזאַ פאָרשטעלונג אַנטשטייט אַדאַנק דעם, וואָס די אַריערין פאָדערט פון אַריער אויך דאָס מעטאַפיזישע אַלס זיין סעקסואַל-שטריך, און דרינגט זיך פונקט אַזוי דורך מיט זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען ווי מיט זיינע אַנדערע קוואַליטעטן. (פגל. קאַפּ IX, באַם סוף און קאַפּ. XII). אין ווירקלעכקייט עקזיסטירן, אייגנטלעך נאָר קריסטן, נישט קיין קריסטניס. די יידין אָבער, סיי אַלס מטופּל-דיקע הויזפרוי, אָדער אַלס תּאווהדיקע אָדאַליסקע, קאָן זיך דערפאַר אויסווייזן ווי די פולשטענדיקערע רעפרעזענטאַנטין פון דער ווייבלעכקייט אין אירע ביידע פּאָליוסן, אַלס קיפּרידאַ און קיבעלע, ווייל דער מאַנסביל, וועלכער דערגאַנצט זי סעקסועל און אימפּרעגנירט זי גייסטיק, דער מאַנסביל, וועל-

כער האָט זי פאַר זיך געשאַפן, האָט אַליין אין זיך אַזוי ווייניק טראַנסצענדענטס.

די ענלעכקייט צווישן דעם יידנטום און דער ווייבלעכ־קייט וועט זיך ארויסווייזן כמעט פולשטענדיק, וויבאַלד מיר וועלן זיך פאַרטראַכטן איבער דער אומענדלעכער פאַרענדערונגס־פעיקייט פונם ייד. דער גרויסער טאַלאַנט פון די יידן צו זשורנאַליסטיק, די „באַוועגלעכקייט" פון יידישן גייסט, דער מאַנגל אין אַן איינגעוואָרצלטן און אורשפּרינגלעכן דענק־אופן — שוין־זשע הייסן זיי נישט גלויבן, סיי בנוגע דעם ייד, סיי בנוגע דער פרוי, אַז זיי זענען בעצם גאָרנישט און קאָנען דערפאַר טאַקע ווערן אַלץ? דער ייד איז אינדיווידוּאַליטעט; געוועגדט אינ־גאַנצן צום נידריקערן לעבן, האָט ער נישט קיין באַדערפעניש נאָך קיין פערזענלעכער אומשטערבלעכקייט: עס פעלט אים דאָס אמתע, אומפאַרענדערלעכע, דאָס מעטאַפיזישע זיין, ער האָט נישט קיין חלק אין העכערן, אייביקן לעבן.

און דאָך גייען זיך גראָד דאָט יידנטום און ווייבלעכקייט שאַרף פונאַנדער: דאָס נישטזיין און די פעיקייט צו ווערן־אַלץ איז אינם ייד אַן אַנדערס ווי אין דער פרוי. די פרוי איז די מאַטעריע, וועלכע נעמט פּאַסיוו אָן יעדע פאָרם. אינם ייד ליגט קודם־כל אַ געוויסע אַגרעסיוויטעט: ער ווערט רעצעפּטיוו נישט דורכן גרויסן איינדרוק, וועלכע עס איבן אויף אים אויס אַנ־דערע; ער איז נישט סוגעסטיבלער, ווי דער אַריער, נאָר פּאַסט זיך זעלבשטענדיק צו צו די פאַרשידענע אומשטאַנדן און פאָדערונגען פון לעבן, צו יעטוועדער סביבה און ראַסע. ער איז ענלעך צו דעם פּאַראַזיט, וועלכער ווערט אין יעדן נייעם קערפּער אַן אַנדערער, וועלכער ענדערט אַזוי ווייט זיין אויסער־לעכקייט, אַז מען גלויבט צו האָבן פאַר זיך אַ נייע חיה, בשעת ער איז דאָך געבליבן דערזעלביקער. דער ייד אַסימילירט זיך מיט אַלעם און אַלץ אַסימילירט ער מיט זיך; דערביי וואַרפט ער זיך נישט אונטער דעם אַנדערן, נאָר ער איז משעבד צו זיך דאָס אַנדערע.

ווייטער, די פרוי איז גאָרנישט, דער ייד איז אין

אַ באַדייטנדיקער מאָס פעיק צו שאַפן באַגריפן; אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטייט אויך זיין נייגונג צו יוריספּרודענץ, אין וועלכער די פרוי וועט קיינמאָל נישט פילן קיין טעם; און אויך אין דערדאָזיקער באַגריפלעכער נאַטור פון דעם ייד קומט זיין אַקטיוויטעט צום אויסדרוק, אַן אַקטיוויטעט, וואָס אַן אמת, פון גאַנץ אייגנטימלעכן מין, נישט קיין אַקטיוויטעט פון זעלבסטשעפערישער פרייהייט פונם העכערן לעבן.

דער ייד איז אייביק ווי די פרוי, אייביק נישט אַלס פּערזענלעכקייט, נאָר אַלס מין. ער איז נישט אוממיטל-באַר ווי דער אַרישער מאַנסביל, אָבער זיין אוממיטלבאַרקייט איז נישט גע̈קוקט דערויף אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די אוממיטלבאַרקייט פון דער פרוי.

אַמטיפסטן עפנט זיך פאַר אונז אָפּ די דערקענטעניש פון אייגנטלעך-יידישן מהות דורך די אירעליגיעזישקייט פון דעם ייד. ס'איז דאָ נישט דאָס אָרט פאַר אַן אונטערזוכונג פון דעם רעליגיע-באַגריף, מחמת דידאָזיקע אונטערזוכונג וואָלט געמוזט אומפאַרמיידלעך ווערן לאַנגאָטעמדיק און אונז ווייט אַוועקגעפירט פון דער טעמע, מיר ווילן דורך רעליגיע קודם-כל פאַרשטיין דעם מענטשנס באַווּליקן פון אַלעם אייביקן, פון יענעם אייביקן לעבן אין מענטשן, וועלכעס קאָן נישט ווערן דערוויזן און אַרויסגעפירט פון די דאַטן פון נידריקערן לעבן. דער ייד איז דער אומגלויביקער מענטש. גלויבן איז יענע האַנדלונג פונם מענטש, דורך וועלכע ער טרעט אַריין אין אַ פאַרהעלטעניש צו אַ זיין. דער רעליגיעזער גלויבן איז געריכטעט ספּעציעל אויף דעם צייטלאָזן, דעם אַבסאָלוטן זיין, דעם אייביקן לעבן, ווי עס הייסט אין דער שפּראַך פון דער רעליגיע. און דער ייד איז אין תוך גאָרנישט, און טאַקע צוליב דעמדאָזיקן טיפסטן טעם, וואָס ער גלויבט אין גאָרנישט.

גלויבן אָבער איז אַלץ. מעג אַ מענטש גלויבן אין גאָט אָדער נישט, עס גייט נישט וועגן דעם: ווען ער זאָל כאָטש ווייניקסטנס גלויבן אין אַטעיזם. דאָס אָבער איז עס טאַקע: דער ייד גלויבט נישט אין גאָרנישט, ער גלויבט נישט אין זיין גלויבן,

ער צווייפלט אין זיין צווייפל. ער איז קיינמאָל נישט געווען דורכגעדרונגען מיט זיין חדווה, איז אָבער פונקט אַזוי ווייניק פעיק זיך דורכצונעמען פולשטענדיק מיט זיין צער. ער נעמט זיך קיינמאָל נישט ערנסט, און דערפאַר נעמט ער אויך נישט באמת ערנסט קיין אַנדערן מענטש, קיין אַנדערע זאַך. ס'איז אינערלעך גאַנץ *באַקוועם* צו זיין אַ ייד; און אייניקע אויסערלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן מוז מען שוין דערפאַר פאַר ליב נעמען.

דערמיט איז די וועזנטלעכע דיפערענץ צווישן דעם ייד און דער פרוי ענדלעך באַצייכנט. זייער ענלעכקייט באַשטייט קודם-כל אין דעם, וואָס ביידע גלויבן נישט אין זיך גופא. אָבער זי גלויבט אין דעם אַנדערן, אין דעם מאַנסביל, אין דעם קינד, אין דער „ליבע"; זי האָט אַ שווערפונקט, נאָר ער ליגט מחוץ איר. *דער ייד אָבער גלויבט גאָרנישט, נישט אין זיך, נישט מחוץ זיך*; אויך אין פרעמדן האָט ער נישט קיין אָנשפּאַר און שלאָגט אין אים קיין וואָרצלען נישט. און נאָר ווי סימבאָליש דערשיינט זיין מאַנגל פון וועלכער ס'איז באָדנשטענדיקייט אין זיין אַזוי טיפן אומפאַרשטענדיש פאַר יעטוועדן גרונט-באַזיץ און זיין פאָרליבע פאַר דעם באַוועגלעכן קאַפּיטאַל*).

די פרוי גלויבט אין דעם מאַנסביל, אין דעם מאַנסביל מחוץ זיך, אָדער אין דעם מאַנסביל אין זיך, אין דעם מאַנסביל, פון וועלכן זי איז גייסטיק אימפרעגנירט געוואָרן, און קאָן אַזויערנאָך אַפילו זיך גופא נעמען ערנסט**). דער ייד האַלט קיינמאָל נישט ווירקלעך עפּעס פאַר עכט און אומאָפּוועדבאַר, פאַר הייליק און אומבאַרירלעך. דערפאַר איז ער אייטל, און באַוויצלט אַלץ; ער גלויבט נישט קיין קריסט זיין קריסטנטום, ווער שמועסט שוין אַ יידן די ערלעכקייט פון זיין שמד. אָבער ער איז אויך נישט ווירקלעך רעאַליסטיש און בשום אופן קיין עכטער עמפּיריקער. אין דערדאָזיקער הינזיכט דאַרף מען מאַכן די וויכטיקסטע באַוואָרעניש בנוגע די פריערדיקע הנחות, וועלכע

*) און אויך זיין מאַנגל אין אַ טיפערן חוש פאַר דער נאַטור געפינט זיך דערמיט אין צוזאַמענהאַנג.

**) פגל. קאַפּ. XII

זענען טיילווייז אַנאַלאָגיש צו די אָנשויונגען פון ה. ס. ט ש ע מ ב ע ר ל ע ן. דער ייד איז נישט אייגנטלעך אימאַנענט, ווי דער ענגלישער דערפאַרונגס-פילאָזאָף; מחמת דער פּאָזיטיוויזם פון דעם ריינעם עמפּיריסט גלויבט אין אַן אָפּשלוס פון יעטוועדעס מענטשנמעגלעכע וויסן אין גבול פון דער חושימדיקער וועלט, ער האָפט אויף דער פולשטענדיקער פאַרענדיקונג פון דעם סיסטעם פון עקזאַקטער וויסנשאַפט. דער ייד אָבער גלויבט אויך אין דעם וויסן נישט; און דאָך איז ער דערפאַר בשום אופן נישט סקעפּטיקער, מחמת פּונקט אַזוי ווייניק איז ער איבערצייגט אין סקעפּטיציזם. דערקעגן שוועבט נאָך איבער אַ לגמרי אַמעטאַפיזישן סיסטעם, ווי די פילאָזאָפיע פון אַ וו אַ נ ע ר י ו ס ן, אַ הייליקלעכע זאָרגצוודיקייט, יאָ, אַפילו איבער די רעלאַטיוויסטישע אָנשויונגען פון ע ר נ ס ט מ אַ ך איז אויסגעשפּרייט אַ פאַרטרויונגספולע פ ר ו מ ק יי ט. דער עמפּיריזם מעג נישט טיף זיין; יידיש קאָן מען אים אָבער דערפאַר נישט אָנרופן.

ד ע ר יי ד א י ז ד ע ר א ו מ פ ר ו מ ע ר מ ע נ ט ש א י ן ב ר יי ט ס ט ן ז י נ ע ן. פרומקייט איז אָבער נישט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן זיין, וואָס איז ל ע ב ן אַנדערע זאַכן אָדער מ ח ו ץ אַנדערע זאַכן: פרומקייט איז דער יסוד פון אַ ל ע ם, און דער באַזיס, אויף וועלכן עס דערהויבט זיך ערשט אַלדאָס אַנדערע. מען האַלט דעם ייד שוין פאַר פּראָזאַיִש, ווייל ער איז נישט שווונגפול, און בענקט נישט נאָך קיין אורקוואַל פון דער הויה. יעטוועדע עכטע אינערלעכע קולטור, דאָס אַלץ, וואָס אַ מענטש האַלט נאָך פאַר אמת, אַנטהאַלט אין תוך אמונה, נויטיקט זיך אין פרומקייט. אויפן דאָזיקן יסוד שטיצט זיך אויך דער פאַקט, וואָס פאַרן מענטש עקזיסטירט קולטור, וואָס פאַר אים עקזיסטירט דער אמת, וואָס עס עקזיסטירן ווערטן. און פרומקייט איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז אין דער מיסטיק און אין דער רעליגיע; זי שטעקט אויך אין טיפן יסוד פון יעטוועדער וויסנשאַפט און יעטוועדן סקעפּטיציזם, אין יסוד פון אַלעם, מיט וועלכן דער מענטש מיינט עס אינערלעך ערנסט. קלאָר, אַז זי קאָן זיך אויסדריקן אויף פאַרשידענע אופנים: באַגייסטערונג און זאַכלעכקייט, הויכער

ענטוזיאַזם און טיפער ערנסט, דאָס זענען די צוויי פּאַרנעמסטע פאָרמען, אין וועלכע זי טרעט אויף. דער ייד איז נישט טרוי-מעריש, אָבער ער איז אויך נישט אייגנטלעך ניכטער; ער איז נישט עקסטאַטיש, אָבער ער איז אויך נישט טרוקן. פעלט אים דאָס נידריקערע ווי דאָס גייסטיקע שיכּרות, איז ער אַזוי ווייניק אַלקאָהאָליקער, ווי פעיק צו העכערער התלהבות. אָבער דערפון איז נאָכנישט געדרונגען, אַז ער איז קיל, און באַזיצט די רויקייט פון אַרגומענטאַציע, וואָס איבערצייגט פון אַ גרעסערן מרחק: זיין וואַרימקייט שוויצט, און זיין קעלט דאַמפּט. זיין באַגרעניצונג ווערט מאָגערקייט, זיין פולקייט תּמיד אָנגעשוואָלנקייט. און וואָגט ער אַמאָל דעם שווונג צו דער גרעניצלאָזער באַגייסטערונג פון געפיל, הויבט ער זיך אויך דאַן נישט אויף העכער פון דעם פּאַטאָס; אומקערנדיק זיך אין די ענגסטע גרעניצן פון זיין געדאַנק, פאַרזוימט ער אויך נישט צו קלינגען מיט זיינע קייטן. און הגם עס שטויסט אים כּלל נישט צום קוש מיט דער גאַנצער וועלט, בלייבט ער פונדעסטוועגן לגבי איר נישט ווייניקער צודרינגלעך.

יעטוועדע התבודדות און יעטוועדע געמיינשאַפטלעכקייט, יעטוועדע שטרענגקייט און יעטוועדע ליבע, יעטוועדע זאַכלעכ-קייט און יעטוועדעס הימנישע, יעטוועדע אמתע און אויפריכטיקע רעגונג אין מענטשלעכן האַרץ, צי זי איז ערנסט אָדער פריי-דיק, באַשטייט סוף כּל סוף אין דער פרומקייט. דער גלויבן מוז נישט, ווי באַם זשעני, ד. ה. אין פרומסטן מענטש, זיך באַציען אויף אַ מעטאַפיזיש זיין — די רעליגיע איז באַשטעטי-קונג פון זיך גופא און פון דער וועלט צוזאַמען מיט זיך גופא,— ער קאָן זיך אויך אויסשפּרייטן אויף אַן עמפּירישן זיין און זיך אין אים כּמעט פולשטענדיק פאַרגיין: עס איז דאָך נאָר איין און דערזעלביקער גלויבן אין אַ זיין, אין אַ ווערט, אין אַן אמת, אין אַן אַבסאָלוטס, אין אַ גאָט.

דער דאָ אַנטוויקלטער אומפאַסנדיקסטער באַ-גריף פון רעליגיע און פרומקייט וואָלט זיך לייכט געקאָנט באַ-געגענען נישט מיט איין פאַלשער אויסטייטשונג. דערפאַר וואָלט איך צו זיין אויפקלערונג געוואָלט צוגעבן נאָך עטלעכע באַמער-קונגען. פרומקייט ליגט נישט בלויז אין באַזיץ, נאָר אויך

אין קאַמף פֿאַרן דערווערבן באַזיץ: נישט בלויז די איבערגעצייגטע גאָט-אָנזאָגער (ווי הענדעל, אָדער ווי פּעכנער) איז פֿרום, נאָר אויך דער בלאָנזשענדיקער, צווייפֿלענדיקער גאָטזוכער (ווי לענאַו, אָדער ווי דיורער*) פֿרומקייט מוז נישט שטיין אין אייביקער באַטראַכטונג פֿאַר דעם וועלטגאַנצן (ווי באַך שטייט פֿאַר אים); זי קאָן (ווי באַ מאָצאַרט) זיך אַנטפּלעקן אַלס רעליגיעזישקייט, וועלכע באַגלייט אַלע איינצלנע זאַכן. זי איז לסוף נישט פֿאַרבונדן מיטן אויפֿטרעטן פֿון עפּעס אַ רעליגיע-גרינדער: דאָס פֿרומסטע פֿאָלק פֿון דער וועלט זענען געווען די גריכן און נאָר דערפֿאַר איז זייער קולטור געווען די העכסטע פֿון אַלע ביזאַהעריקע; צווישן זיי אָבער איז זיכער קיינמאָל נישט געווען קיין איין באַדייטנדיקער רעליגיע-שעפֿער (אין וועלכן זיי האָבן זיך נישט גענויטיקט).

רעליגיע איז די שאַפֿונג פֿון דעם וועלטאַל; און אַלץ, וואָס ס'איז אין מענטש, איז נאָר דורך רעליגיע. דער ייִד איז לויט דעם לגמרי נישט דער רעליגיעזער מענטש, פֿאַר וועלכן מ'האָט אים אַזוי אָפֿט אויסגעגעבן; ער איז דער אירעליגיעזער מענטש $\mathring{\eta}$ κατ ἐξοχήν.

צי דאַרף איך דאָס נאָך באַגרינדן? צי דאַרף איך באריכות אויספֿירן, ווי דער ייִד איז אָן התלהבות אינם גלויבן, און דערפֿאַר איז די ייִדישע קאָנפֿעסיע די איינציקע, וועלכע ווער-בירט נישט קיין פּראָזעליטן, אַז דער וואָס גייט איבער אויפֿן ייִדישן דת, איז פֿאַר די ייִדן גופא דאָס גרעסטע רעטעניש און דער געגנשטאַנד פֿון דעם דערשטוינלעכסטן געלעכטער**).

*) דער ייִד איז נישט! דער נאָך נישט דערלויכטערטער, נאָך נישט צעבעדיקער טאָמאַס ווראָקיאָ (אויף דער קירך „Or San Michele" אין פֿלאָרענץ), וואָס גאַרט נישט אַזוי נאָך עפּעס אַנדערש ווי נאָכן גלויבן. דער ייִד עמפּינדט זיין אומגלויבן גיכער אַלס זיין יתרון איבער אַנדערע, אַלס דעם ווייז, וועמעס זין נאָר ער אַליין פֿאַרשטייט.

**) קעגן דעם קאָן די ייִדישע אומטאָלעראַנץ נישט בילדן קיין אײַנווענד: אין אמתער רעליגיע שטעקט תמיד ברען, אָבער קיינמאָל נישט העלאָטיזם. אומטאָלעראַנץ איז גיכער אידענטיש מיט אומגלויביקייט; פּונקט ווי די מאַכט איז דער אילוזאָרישסטער סוראָגאַט פֿון דער פֿרייהייט, אַזוי אַנטשטייט אומטאָלעראַנץ נאָר פֿון דעם מאַנגל אין אינדיווידועלער זיכערקייט פֿון גלויבן.

זאָל איך מיך דאָ צעשפּרייטן איבער דעם מהות פון יידישער תפילה און איר פּאָרמעלהאַפטיקייט, און באַטאָנען איר מאַנגל אין יענער התלהבות, וואָס נאָר די רגע קאָן געבן? זאָל איך לסוף נאָכאַמאָל איבערחזרן, וואָס די יידישע רעליגיע איז: קיין שום לערע וועגן זין און צוועק פון לעבן, נאָר אַ היסטאָרישע טראַדיציע, אין וועמעס צענטער עס שטייט דער אריבערגאַנג פון די יידן דורכן רויטן ים, אַ טראַדיציע, וואָס קולמינירט בכן אין דעם דאַנק פאַרן מעכטיקן גואל מצד דעם אַנטלויפנדיקן פחדן?

עס וואָלט אויך אָן דעם געווען קלאָר: דער ייד איז דער אירעליגיעזער מענטש און שטייט אַמווייטסטן פון יעטוועדן גלויבן. ער באַשטעטיקט נישט זיך גופא און צוזאַמען מיט זיך די גאַנצע וועלט, אין וואָס עס באַשטייט דאָס וועזנטלעכע אין דער רעליגיע. יעטוועדער גלויבן איז הערויש: דער ייד אָבער קען נישט, נישט דעם מוט, נישט דעם פּחד, אַלס דאָס געפיל פון באַדראָטן גלויבן; ער איז נישט זונענהאַפטיק, נישט דעמאָניש.

ובכן, נישט מיסטיק, ווי עס מיינט טשעמבערלען. נאָר פרומקייט איז דאָס, וואָס פעלט סוף כל סוף דעם ייד. וואָלט ער געווען ערלעכער מאַטעריאַליסט, וואָלט ער געווען באַטש באַגרעניצטער פאַרערער פון דער אַנטוויקלונגס-טעאָריע! אָבער ער איז נישט קריטיקער, נאָר קריטיקאַנער, ער איז נישט סקעפּטיקער לויטן בילד פון קאַרטעזיוס, נישט צווייפלער, וואָס שטרעבט פון גרעסטן אומצוטרוי צו דער גרעסטער זיכערקייט; נאָר אַבסאָלוטער איראָניקער ווי — און דאָ קאָן איך נאָר אַ ייד אָנרופן — היינריך היינע. אויך דער פאַרברעכער איז אומפרום און האָט נישט קיין אָנהאַלט אין גאָט; אָבער ער זינקט דורכדעם אין אָפּגרונט, ווייל ער קאָן נישט שטיין לעבן גאָט. דאָס אָבער איז די אייגנטימלעכע ערמה פון אַלעם יידישן. דער פאַרברעכער איז דערפאַר תמיד פאַרצווייפלט; דער ייד קיינמאָל נישט.

ער איז כלל נישט עכטער רעוואָלוציאָנער (מחמת פונוואַנען וואָלט זיך צו אים דערנומען די קראַפט און דער אינערלעכער שווונג פון מרידה?), און אונטערשיידט זיך טאַקע דערמיט פון

די פ ר אַ נ צ ו י ז ן: ער איז נאָר צעזעצעריש, אָבער קיינמאָל נישט באמת צעשטעריש.

און וואָס-זשע איז ער בכן אַליין, דער ייד, וויבאַלד ער איז גאָרנישט פון דעם אַלעם, וואָס אַ מענטש קאָן נאָך בכלל זיין? וואָס קומט אין אים אינדעראמתן פאָר, וויבאַלד ער איז אָן יענעם לעצטן, אָן יענעם גרונט, אויף וועלכן די זאָנדע פון פסיכאָלאָג זאָל זיך סוף כל סוף דאָך קאָנען האַרט און הויך אָנשטויסן?

יעטוועדער פסיכישער אינהאַלט פונם ייד איז תמיד באַהאָפטן מיט אַ געוויסער צווייהייט אָדער מערהייט; איבער דערדאָזיקער צווידייטיקייט, דערדאָזיקער צווייענדיקייט און אַפילו מערהייטלעכקייט קאָן ער קיינמאָל נישט אַרויס. בײַ אים בלייבט נאָך תמיד עפּעס אַ מעגלעכקייט, נאָך פיל מעגלעכקייטן דאָרט, ווו דער אריער, נישט זייענדיק אָרעמער אין בליק, דעצידירט זיך און ווילט אויס לחלוטינדק. דידאָזיקע אינערלעכע פילדייטיקייט, דעמדאָזיקן מאַנגל אין אוממיטלבאַרער אינערלעכער ר ע אַ ל י ט ע ט פון עפּעס אַ פסיכישן געשעען, די אָרעמקייט אין יענעם „זיין אין און פאַר זיך", אויס וועלכן אַליין עס קאָן אַרויספליסן העכסטע שעפערישע קראַפט, גלויב איך צו מוזן באַטראַכטן אַלס די דעפיניציע דערפון, וואָס איך האָב אָנגערופן דאָס יידישע אַלס אידעע*) עס איז ווי אַ צושטאַנד פאַר דעם זיין, אַן אייביק בלאָנדזשען אינדרויסן פאַרן טויער פון דער רעאַליטעט. מיט גאָרנישט קאָן זיך נישט דער ייד באמת אידענטיפיצירן, נישטאָ קיין זאַך, פאַר וועלכער ער זאָל אינגאַנצן אָפּגעבן זיין לעבן**). נישט דער קנאי, נאָר דאָס קנאות פעלט דעם יידן: ווייל אים איז פרעמד יעטוועדעס

*) דערמיט דערקלערט זיך ערשט טאַקע די זשעגילאָזיקייט פון דעם ייד. נאָר גלויבן איז שעפעריש. און אפשר שפיגלען נאָר אָפ די קנאפערע געשלעכטלעכע פּאַטענץ פון דעם ייד און די גרעסערע שוואַכקייט פון מוסקלען פון זיין קערפּער דעמזעלביקן פאַקט אין דער גידריקערער ספערע.

**) דער מאַנסביל באַשאַפט ערשט די פרוי. דערפאַר באַזיצט בידוע נישט די יידישקע יענע פשטות פון דער קריסטין, וועלכע גיט זיך אָפּ אינגאַנצן אָן שהיות איר סעקסועלן דראַנגאַנצער.

אומגעטיילטע, יעטוועדעס גאַנצע. עס פעלט אים די פ ש ט ו ת
פון א מ ו נ ה, און ווייל ער האָט נישט דידאָזיקע פשטות,
און בילדעט נישט קיין לעצטע, וועלכע נישט איז איינגעשטעלטע
פ אָ ז י צ י ע, דערפאַר ווייזט ער זיך אויס מיושבדיקער, פקחות-
דיקער פאַר דעם אַריער, און דרייט זיך ע ל אַ ס ט י ש אַרויס
פון יעטוועדער אונטערדריקונג. א י נ ע ר ל ע כ ע פ י ל ד יי-
ט י ק יי ט, איך וועל זיך דערלויבן איבערצוחזרן, א י ז ד אָ ס
אַ ב ס אָ ל ו ט יי ד י ש ע, פ ש ט ו ת ד אָ ס אַ ב ס אָ ל ו ט
א ו מ יי ד י ש ע. די פראַגע פונם ייד איז דיזעלביקע פראַגע,
וואָס עלזא שטעלט לאָהענגרינען: די פראַגע וועגן דער אומ-
פעיקייט צו פאַרנעמען די שטים אַפילו פון אַן אינערלעכער
התגלות, וועגן דער אוממעגלעכקייט פשוט צו ג ל ו י ב ן אין
ע פ ע ס אַ ז יי ן.

מען וועט אפשר איינווענדן, אַז יענע צווייִשפּאַלטיקע זיין
געפינט זיך נאָר בא די ציוויליזירטע יידן, אין וועלכע די
אַלטע אָרטאָדאָקסיע ווירקט נאָך ווייטער לעבן די מאָדערנע
מדות. אָבער דאָס וואָלט געווען ווייט נישט ריכטיק. די ביל-
דונג פונם ייד לאָזט זיין מהות דערפאַר נאָך שאַרפער און
קלאָרער צום אויסדרוק קומען, ווייל ער פאַרנעמט זיך דאָ מיט
ענינים, וועמעס באַטראַכטונג פאָדערט אַ טיפערן ערנסט, איידער
מאַטעריעלע געלט-געשעפטן. אַלס באַווייז, אַז דער ייד איז אין
זיך נישט איינדייטיק, קאָן דינען דאָס, וואָס דער ייד ז י נ ג ט
נישט. נישט מחמת שעמעוודיקייט, נאָר ווייל ער ג ל ו י ב ט
נישט אין זיין געזאַנג. פונקט אַזוי ווייניק ווי פילדייטיקייט
פונם ייד האָט צו טון מיט אייגנטלעכער, רעאַלער דיפערענ-
צירטקייט אָדער געניאַליטעט, אַזוי ווייניק האָט זיין אייגנטימ-
לעכע מורא פאַר דעם געזאַנג, אָדער אַפילו נאָר פאַר דעם
הויכן קלאָרן וואָרט, עפעס אַ שייכות מיט עכטער צוריקגע-
האַלטנקייט. יעטוועדע בושה איז שטאָלץ; יענע אָפּנייגונג
פונם ייד איז אָבער אַ צייכן פון א י נ ע ר ל ע כ ע ר ווי ר ד ע-
ל אָ ז י ק יי ט: מחמת דאָס אוממיטלבאַרע זיין פאַרשטייט ער
נישט, און ער וועט זיך שוין געפינען לעכערלעך און פילן קאָמ-
פראָמיטירט, ווען ער זאָל נאָר אַ זינג טון. שעמעוודיקייט
נעמט אַרום יעטוועדן אינהאַלט, וועלכער איז מיט דעם איך

פונם מענטש דורך אַן אינערלעכער קאָנטינויטעט פעסטער פאַר־קניפּט ; די ספּקדיקע שעמעוודיקייט פונם ייד שפּרייט זיך אָבער אויס אויך אויף זאַכן, וועלכע קאָנען אים בשום אופן נישט זיין הייליק, וועלכע ער דאַרף בכן נישט מורא האָבן מחלל צו זיין, ווען ער זאָל עפנטלעך אויפהויבן די שטים. און ווי־דעראַמאָל טרעפט זיך דאָס צונויף מיט דער אומפּרומקייט פונם ייד : מחמת יעטווועדע מוזיק איז אַבסאָלוט, זי איז ווי אָפּגע־ריסן פון יעטוועדן פונדאַמענט ; נאָר דערפאַר האָט זי צווישן אַלע קונסטן די ענגסטע באַציונג צו רעליגיע, און דאָס סאַמע פּשוטע געזאַנג, וואָס פּילט אָן די גאַנצע נשמה מיט אַן איינצל־נער מעלאָדיע, איז פּונקט אַזוי אומיידיש ווי יענע. מען זעט, ווי שווער ס׳איז צו דעפינירן דאָס יידנטום. דעם ייד פעלט די האַרטקייט, אָבער אויך די מילדקייט — גיכער איז ער עקשנות־דיק און ווייך ; ער איז נישט גראָב, נישט העפלעך, אָבער אויך נישט לענסמאַן, נישט וואסאל. אים איז פרעמד די דערשיטע־רונג ; אָבער אים פעלט אויך דער גלייכמוט. אים איז קיינזאַך נישט זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָבער פּונקט אַזוי פרעמד איז אים יעטוועדע אמתע השתוממות. ער האָט אין זיך גאָרנישט פון ל אָ ה ע נ ג ר י ן, אָבער כמעט נאָך ווייניקער פון ט ע ל ר א־מ ו נ ד, וועלכער לעבט און שטאַרבט מיט כבוד. ער איז לע־בערלעך אַלס סטודענט-קאָרפּאָראַנט, נאָר ער איז אַפילו נישט קיין עכטער פּיליסטער. ער איז נישט מעלאַנכאָליש, אָבער אויך נישט לייכטזיניק פון גאַנצן האַרצן. ווייל ער גלויבט גאָרנישט, אַנטלויפט ער אין דער מאַטעריעלער ספערע ; נאָר פונדאַנען שטאַמט זיין געלט-גיריקייט : ער זוכט דאָ אַ געוויסע רעאַליטעט און וויל דורך „געשעפט” איבערצייגן זיך אין דער מציאות פון עפּעס אַ זיין — דער איינציקער ווערט, וועלכן ער אָנערקענט פאַר פאַקטיש, ווערט אַזוינאָך דאָס „פאַרדינטע” געלט. אָבער פונדעסטוועגן איז ער צומאָל נישט אייגנטלעך געשעפטסמאַן : מחמת דאָס „אומרעיעלע”, „אומסאָלידע” אין דער התנהגות פון יידישן סוחר איז נאָר די קאָנקרעטע דערשיינונג פון דעם אי נ ע ר ל ע ך א י ד ע נ ט י ט ע ט ל אָ ז ן יידישן מהות אויך אויפן דאָזיקן געביט. „יי ד י ש” א י ז ב כ ן אַ ק אַ־ט ע ג אָ ר י ע און פּסיכאָלאָגיש נישט ווייטער צוריקצופירן און

צו באַשטימען; מעטאַפיזיש קאָן מען עס אויפפאַסן אַלס צו־שטאַנד פאַר דעם זיין; אינטראָספעקטיוו קומט מען נישט ווייטער ווי ביז צו אינערלעכער; פילדייטיקייט, צום מאַנגל פון וועלכער ס'איז איבערגעצייגטקייט, די אומפעיקייט צו וועלכער ס'איז ליבע, ד. ה. צו פולקאָמער איבערגעגעבנ־קייט און אויפאָפּערונג.

די עראָטיק פונם ייד איז סענטימענטאַל, זיין הומאָר סאַטירע; יעדער סאַטיריקער איז סענטימענטאַל, פונקט ווי יע־דער הומאָריסט איז נאָר אַ פאַרקערטער עראָטיקער. און אין דער סענטימענטאַלישקייט ליגט יענע צווייענדיקייט, וועלכע בילדעט אייגנטלעך דאָס יידישע (מחמת די סאַטירע פאַרשווייגט צו ווייניק און פעלשט דערפאַר דעם הומאָר); אוןביידן איז געמיינזאַם יענער שמייכל, וועלכער כאַראַקטעריזירט אַזוי דאָס יידישע פּנים: דאָס איז נישט קיין מילדער, קיין צערפולער, קיין שטאָלצער, קיין אויסגעקרומטער שמייכל, נאָר יענער אומ־באַשטימטער פּנים-אויסדרוק (דער פיזיאָנאָמישער קאָרעלאט פון אינערלעכער פילדייטיקייט), וועלכער פאַרראַט גרייט־קייט איינצוגיין אויף אַלעם און מאַנגל פון יעטווע־דער ערפאָרכט פון מענטש פאַר זיך גופא; יענע ערפאָרכט, וועלכע קאָן ערשט אַליין דינען אַלס יסוד פאַר יעטוועדער אַנדערער "Verecundia"(*).

איך גלויב צו האָבן געוועזן גענוג דייטלעך, כּדי נישט שלעכט פאַרשטאַנען צו ווערן בנוגע דעם. וואָס איך האָב גע־מיינט מיט דעם אייגנטימלעכן מהות פון יידנטום. איבסנס קעניג האַקאָן אין די „טראָן-פּרעטענדענטן", זיין דר. שטאָק־מאַן אין „פאָלקס-פיינט" קאָנען, ווען מ'וואָלט עס געדאַרפט נאָך קלאָרער מאַכן, וואָס פאַר דעם עכטן ייד איז אין אַלע אייבי־קייטן אומצוגענגלעך: דאָס אוממיטלבאַרע זיין, דער חסד פון גאָט, דער אייכנבוים, דער טראָמפּייט, דער זיגפריד-מאָטיוו, די שאַפונג פון זיך גופא, דאָס וואָרט: איך בין. דער ייד איז באמת „גאָטס שטיפקינד אויף דער ערד"; און נישט פאַראַן אויך אַזאַ ייד (אַ מאַנסביל), וועלכער זאָל נישט, ווען אַפילו נאָך אַזוי

*) יראַת-הכבוד.

טעמפּ, ליידן פון זיין יידנטום, ד. ה. — אין טיפסטן יסוד — פון זיין אומגלויבן.

יידנטום און קריסטנטום, יענץ דאָס צעריסנסטע, פון דער איגערלעכער אידענטיטעט באַרויבטע, דאָס אַנדערע דאָס גלויבנס־קרעפּטיקסטע, גאָטפּאַרטרויענדיקסטע זיין, זיי בילדן אַזויערנאָך דעם ברייטסטן, אומדערמעסטלעכן קעגנזאַץ. קריסטנטום איז העכסטעס העלדנטום ; דער ייד אָבער איז קיינמאָל נישט אייניקייטלעך און גאַנץ. דערפאַר טאַקע איז דער ייד פּחדניש, און דער העראָס זיין עקסטער היפּך.

ה. ס. טשעמבערלען האָט אַרויסגעזאָגט פיל אמתע און טרעפלעכע באַמערקונגען מכּוח דעם שרעקלעכן, אומהיימלעכן פאַרשטענדעניש פון עכטן ייד פאַר דער געשטאַלט און דער תּורה פון יעזוס, פאַר דעם קעמפער ווי פאַר דעם מאַרטירער אין אים, פאַר זיין לעבן, ווי פאַר זיין טויט. אָבער ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו גלויבן, אַז דער ייד האַסט קריסטוסן; דער ייד איז נישט דער אַנטיקריסט, ער האָט צו יעזוסן נאָר אייגנטלעך גאָר קיין באַציונג נישט; פאַראַן, שטרענג גענומען, נאָר אַרייער — פאַרברעכער — וועלכע האַסן יעזוסן. דער ייד פילט זיך נאָר דורך אים געשטערט און אומאָנגענעם געערגערט, וואָס ער איז פאַר זיין וויץ נישט רעכט דערגרייכבאַר, מחמת ער איז לגמרי אומצוטריטלעך פאַר זיינע באַגריפן.

און דאָך האָט די מסורה וועגן נייעם טעסטאַמענט, אַלס רייפסטע בליעכץ און העכסטער השלמה פון אַלטן, און די קינסטלעכע פאַרמיטלונג, וועלכע האָט דעם נייעם טעסטאַמענט צוגעפּאַסט צו די משיחישע הבטחות פון דעם אַלטן, געבראַכט די יידן גרויס נוצן ; זי איז געווען איר שטאַרקסטער אויסערלעכער שוץ. דער פאַקט, וואָס נישט געקוקט אויפן דאָזיקן פאָלאַרישן פאַרהעלטעניש איז דאָס קריסטנטום גראָד פון יידנטום אַרויסגעקומען, בילדעט איינס פון די טיפסטע פסיכאָלאָגישע רעטענישן : דער פּראָבלעם, וועגן וועלכן עס האַנדלט זיך דאָ, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער פּראָבלעם פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם רעליגיע־שעפער גופא.

מיט וואָס אונטערשיידט זיך דער געניאַלער רעליגיע־שעפער

פון יעטוועדן אַנדערן זשעני? וועלכע אינערלעכע נויטווענדי־קייט טרייבט אים צו דער באַשאַפונג פון אַ נייער רעליגיע?

דאָ דאַרף מען משער זיין, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט נישט תמיד געגלויבט אין דעמזעלביקן גאָט, וועלכן ער פּרעדיקט. די מסורה דערציילט וועגן ב ו ד א ווי וועגן ק ר י ס ט ו ס, אויף וועלכע נסיונות זיי זענען געווען אויסגעשטעלט, פיל שטאַרקערע, איידער אַלע אַנדערע מענטשן. צוויי ווייטערדיקע, מ אַ ה אָ מ ע ד און ל ו ט ע ר, זענען געווען ע פ י ל ע פ ט י ק ע ר. די עפּילעפּסיע אָבער איז די ק ר אַ נ ק ײ ט פ ו ן פ אַ ר ב ר ע־כ ע ר: צ ע ז אַ ר, נ אַ ר ז ע ס, נ אַ פ אָ ל ע אָ ן, די „גרויסע" פאַרברעכער, האָבן געליטן אַלע אויף חולי־נופל; און פ ל אָ ב ע ר און ד אָ ס ט אָ י ע װ ס ק י, וועלכע זענען צו איר ווייניקסטנס געניויגט געווען, האָבן ביידע געהאַט אומגעהויער פיל אין זיך פון פאַרברעכער, נישט זייענדיק נאַטירלעך קיין פאַרברעכער.

ד ע ר ר ע ל י ג י ע־ש ע פ ע ר א י ז י ע נ ע ר מ ע נ ט ש, װ ע ל כ ע ר ה אָ ט ג ע ל ע ב ט ג אַ נ ץ ג אָ ט ל אָ ז א ו ן ז י ך ד אָ ך ד ע ר ש ל אָ ג ן צ ו ם ה ע כ ס ט ן ג ל ו י ב ן. „ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ פון דער נאַטור שלעכטער מענטש זאָל זיך גופא מאַכן צום גוטן מענטש, דאָס שטייגט איבער אַלע אונזערע השגות; מחמת ווי קאָן אַ שלעכטער בוים ברענגען גוטע פירות?" אַזוי פרעגט ק אַ נ ט אין זיין רעליגיע־פילאָזאָ־פיע, און ב אַ ש ט ע ט י ק ט פ ו נ ד ע ס ט װ ע ג ן פ ר י נ צ י פ י ע ל דידאָזיקע מעגלעכקייט: „מחמת נישט געקוקט אויף יענעם זינקען, שאַלט דאָך מעכטיק און אומפאַרמינערט אויף אין אונזער נשמה דאָס געבאָט: מיר ד אַ ר פ ן ווערן בעסערע מענטשן; ובכן, מוזן מיר עס אויך ק אָ נ ע ן..." יענע אומבאַגרייפלעכע מעגלעכקייט פון דער פולשטענדיקער װ י ד ע ר ג ע ב ו ר ט פון אַ מענטש, וועלכער האָט אַלע יאָרן און טעג פון זיין פריער־דיקן לעבן געלעבט אַלס אַ שלעכטער מענטש, דידאָזיקע הויכע מיטסעריע האָט זיך פ אַ ר װ י ר ק ל ע כ ט אין יענע זעקס אָדער זיבן מענטשן, וועלכע האָבן געגרינדעט די גרויסע רע־ליגיעס פון דער מענטשהייט. דערמיט אונטערשיידן זיי זיך פון אייגנטלעכן זשעני, אין וועלכן עס וועגט איבער פון געבורט אָן די נטיה צום גוטן.

יעדער אַנדערער זשעני געניסט דעם חסד נאָך פאַר דער געבורט; דער רעליגיע־שעפער אין לויף פון זיין לעבן. אין אים שטאַרבט אַן עלטער וועזן פולשטענדיק אָפּ און טרעט צוריק פאַר אַ גענצלעך נייעם. וואָס גרעסער אַ מענטש וויל ווערן, אַלץ מער איז אין אים אַזוינס, וועמעס טויט ער מוז באַשליסן. איך מיין, אַז אויך ס אָ ק ר אַ ט ע ס דערנענטערט זיך דאָ צו דעם רעליגיע־שעפער (אַלס דער איינציקער צווישן אַלע גריכן*)); אפשר האָט ער געפירט דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף מיט דעם שלעכטס אין יענעם טאָג, אין וועלכן ער איז הינטער פּאָטידעע געשטאַנען גאַנצע פיר און צוואָנציק שעה אָן באַוועגונג אויף איין און דעמזעלביקן אָרט.

דער רעליגיע־שעפער איז דעריעניקער מענטש, פאַר וועלכן ס'איז באַ זיין געבורט קיין שום פּראָבלעם נאָכנישט געלייזט. ער איז דער מענטש מיט דער קנאַפּסטער אינדיווידועלער זיכערקייט; אין אים איז אומעטום געפאַר, צווייפל, און ער מוז ערשט אין לעבן אַ ל ץ אַליין זיך דעראָבערן. מחמת אינדערצייט ווען איין מענטש האָט צו קעמפן מיט דער קראַנקייט און ליידט פון פיזישער שוואַכקייט, ציטערט אַן אַנדערער פאַר דעם פאַרברעכן, ווייל עס ליגט אין אים אַלס אַ מעגלעכקייט; יעדער האָט מיט זיך באַ דער געבורט עפּעס מיטגעברענגט, זיך מיט וועלכער ס'איז זינד באַלאָדן. בלויז פאָרמעל איז די ירושה־זינד פאַר אַלע דיזעלביקע, מאַטעריעל איז זי פאַר יעדן איינעם אַ פאַרשידענע. דאָ האָט דער, דאָרט יענער אויסגעוויילט נישטיקס, ווערטלאָזס, בעת ער האָט אויפגעהערט צו וועלן, ווען זיין ווילן איז מיטאַמאָל געוואָרן דראַנג, זיין אינדיווידואַליטעט — אינדיוויד, זיין ליבע — תאווה, בעת ער איז געבוירן געוואָרן; און דידאָזיקע זיינע אינדיווידועלע ירושה־זינד, דערדאָזיקער גאָרנישט אין דער אייגענער פּערזאָן, ווערט דורך אים אָפּגעפילט אַלס שולד, אַלס טונקעלער פלעק, אומפולקאָמענהייט, און פאַרוואַנדלט זיך פאַר אים, אַלס דענקענדיקע פּערזענלעכקייט, אין פּראָבלעם, רעטעניש און אויפגאַבע. נאָר דער רעליגיע־שעפער אַליין איז אינגאַנצן באַגאַנגען די ירושה־זינד, און

*) ניטשע איז בלי־ספק גערעכט געווען, זעענדיק אין אים אַן אומעכטן העלענער, דערקעגן איז פּלאַטאָן ווידער דורכויס גריך.

זיין באַרוף ווערט עס, זי אינגאַנצן אויסצוקויפן: אַלץ אין אים, די אַלוועלט אין אים איז פּראָבלעמאַטיש, אָבער ער לייזט אויך אַלץ, און דערלייזט אויך זיך, צונויפגיסנדיק זיך מיט דער אַלוועלט. ער פאַרענטפערט יעדן פּראָבלעם און באַפרייט זיך לגמרי פון דער שולד. ער שפּאַנט מיט דעם פעסטסטן טריט איבער דעם טיפסטן תהום, ער איז גובר דעם „גאָרנישט אין זיך" און באַנעמט די „זאַך אין זיך". דאָס „זיין אין זיך". און טאַקע אין דאָזיקן זינען קאָן מען וועגן אים זאָגן, אַז ער איז באַפרייט פון דער ירושה-זינד, אַז אין אים איז גאָט געוואָרן אינגאַנצן מענטש, אָבער אויך דער מענטש האָט זיך אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין גאָט; מחמת אין אים איז אַלץ געווען שולד און אַלץ פּראָבלעם, און אַלץ פאַרוואַנדלט זיך אין אויסקויף – אין אויסלייזונג.

יעטוועדע געניאַליטעט איז אָבער נאָר העכסטע פרייהייט פונם נאַטורגעזעץ.

„Von der Gewalt, die ale Wesen bindet,
Befreit der Mensch sich, der sich überwindet".

ווי ב אַ ל ד די ז אַ ך א י ז אַ ז ו י, ד אַ ן א י ז ד ע ר ר ע ל י ג י ע-ש ע פ ע ר ד ע ר ג ע נ י אַ ל ס ט ע ר מ ע נ ט ש. מחמת ע ר האָט גובר געווען אַ מ י י ס ט ן. ער איז דער מענטש, וועמען ס'איז געלונגען דאָס, וואָס די טיפסטע דענקער פון דער מענטשהייט האָבן נאָר אומדרייסט, אין נאָמען פון זייער עטישן וועלטבאַנעם, און נאָמען פון פרייהייט פון דער בחירה, אַרויסגעשטעלט נאָר אַלס עפּעס מעגלעכס: די פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע ב י י ג ע ב ו ר ט פ ו נ ם מ ע נ ט ש, זיין „רעגענעראַציע", דער גענצלעכער איבערקער פון זיין ווילן. די אַנדערע גרויסע גייס-טער האָבן אַפילו אויך צו פירן אַ קאַמף מיט דעם שלעכטס, אָבער באַ זיי נויגט זיך די וואָגשאָל לכתחילה אַנטשיידנ-דיק צום גוטן. נישט אַזוי באַם רעליגיע-שעפער. אין אים איז אַזויפיל שלעכטס, אַזויפיל מאַכט-ווילן, אַזויפיל ערדישע ליידנ-שאַפט, אַז ער מוז פערציק טעג אין דער מדבר, אָן אַפּרו, אָן שפּייז, אָן שלאָף, קעמפן מיט דעם שונא אין זיך. ערשט דאַן האָט ער געזיגט: אָבער ער איז נישט אַריין אין טויט, נאָר ער האָט אין זיך באַפרייט דאָס העכסטע לעבן. וויבאַלד

ס'וואָלט געווען אַנדערש, דאַן וואָלט אין אים נישט געווען קיין שום אימפולס צו דער גרינדונג פון אַן אמונה.

דער רעליגיע-שעפער איז דאָ דער גאַנץ היפּוכדיקער פּאָליוס פון אימפּעראַטאָר, דער קייזער—דער היפך פונם גאַלילעער: אויך אין נ אַ פּ אָ ל ע אָ נ ע ן איז אין אַ באַשטימטן צייט-משך פון זיין לעבן פאָרגעקומען אַן איבערקער, אָבער נישט קיין ווענדונג פון ערדישן לעבן אַוועק, נאָר אַן ענדגילטיקע אַנטשיידונג לטובת זיינע אוצרות, זיין מאַכט און הערלעכקייטן. נאַפּאָלעאָן איז גרויס דורך די קאָלאָסאַלע אינטענסיווקייט, מיט וועלכער ער וואַרפט די אידעע הינטער זיך, דורך די געוואַלטיקע שפּאַנונג פון זיין אָפּקער פון אַבסאָלוטן, דורך דעם אומפאַנג פון דער א ו מ אָ פּ ג ע ק ו מ ע נ ע ר שולד. דער רעליגיע-גרינדער דערקענט וויל און מוז געבן די מענטשן נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס ס'איז אים, דעם אַמייסטן פון אַלע באַלאַסטעטן, געלונגען: דאָס שליסן דעם בונד מיט דער גאָטהייט. ער ווייסט, אַז ער איז דער שולד-באַלאַדנסטער מענטש; און ער קומט אָפּ דעם גרעסטן שולד-סכום דורך טויט אויפן קרייץ.

אין יידנטום זענען געווען צוויי מעגלעכקייטן. ביז דער געבורט פון קריסטוס האָבן זיך דידאַזיקע מעגלעכקייטן געפונען צוזאַמען, און דער גורל איז נאָכנישט געווען געוואָרפן. עס האָט עקזיסטירט אַ גלות, און צוגלייך ווייניקסטנס אַ מין מלוכה: נעגאַציע און אפירמאַציע, ביידע האָבן עקזיסטירט לעבן אייגאַנדער. קריסטוס איז דער מענטש, וועלכער איז אין זיך גובר די שטאַרקסטע נעגאַציע, דאָס יידנטום, און שאַפט אַזוינאָך די שטאַרקסטע אַפירמאַציע, דאָס קריסטנטום, דעמדאָזיקן שאַרפסטן היפך פון יידנטום. פון דעם צושטאַנד פּ אַ ר דעם זיין ט יי ל ן זיך אָפּ זיין און נישטזיין. א י צ ט איז דער גורל געוואָרפן: דאָס אַלטע ישראל טיילט זיך אויף יידן און קריסטן; דער יי ד, ווי מיר קענען אים, ווי איך האָב אים באַשריבן, אַנטשטייט צוגלייך מיטן ק ר י ס ט. דער גלות ווערט דערנאָך פולשטענדיק, און פון דעם יידנטום פאַרשווינדט די מעגלעכקייט צו גרויסקייט: מענער ווי ש מ ש ו ן און י ה ו ש ע, די נישט-יידישסטע אין אַלטן ישראל, האָט דאָס

יידנטום פון זינט דעמאָלט נישט געקאָנט אַרויסברעכן. קריסטנטום און יידנטום זענען זיך מחייב וועלטהיסטאָריש ווי אַפירמאַציע און נעגאַציע. אין ישראל האָבן עקזיסטירט די העכסטע מעגלעכקייטן, וועלכע זענען אַמאָל וועלכן עס איז פֿאָלק באַשערט געווען: די מעגלעכקייט פון קריסטוס. די אַנדערע מעגלעכקייט איז דער ייד.

איך פֿאַרהאָף, אַז מ׳האָט מיך ריכטיק פֿאַרשטאַנען: כ׳האָב נישט בדעה צוצושרייבן דעם יידנטום וועלכע ס׳איז באַציונג צום קריסטנטום, וועלכע איז אים פרעמד. דאָס קריסטנטום איז די אַבסאָלוטע נעגאַציע פון יידנטום; אָבער עס האָט צום דאָזיקן דאָסזעלביקע פֿאַרהעלטעניש, וואָס פֿאַרבינדט אַלע זאַכן מיט זייער היפך, יעדע אַפירמאַציע מיט דער נעגאַציע, וועלכע איז דורך איר איבערגעוועלטיקט. דאָס קריסטנטום און יידנטום לאָזן זיך, נאָכמער ווי פרומקייט און יידנטום, נאָר דורך קעגנזייטיקער אויסשליסונג דעפינירן. נישטאָ קיין לייכטערע זאַך ווי צו זיין ייד, נישטאָ קיין שווערערע ווי קריסט. דאָס יידנטום איז דער אָפּגרונט, איבער וועלכן ס׳איז אויפגעשטעלט דאָס קריסטנטום, און איז דערפֿאַר דער ייד דער געגנשטאַנד פון דער שטאַרקסטער מורא און טיפסטער אָפּנייגונג מצד דעם אַריער.

כ׳קאָן נישט מסכים זיין מיט טשעמבערלענען, אַז די געבורט פון גואל אין פּאַלעסטינע האָט געקאָנט זיין אַ בלויזער צופאַל. קריסטוס איז געווען אַ ייד, אָבער נאָר, כדי יידנטום אין זיך פולשטענדיק גובר צו זיין; מחמת ווער ס׳האָט געזיגט איבער דעם מעכטיקסטן צווייפל, דער איז דער גלויביקסטער, ווער ס׳האָט זיך דערהויבן איבער דער וויסטסטער נעגאַציע, איז דער פּאָזיטיווסטער באַשטעטיקער. דאָס יידנטום איז געווען די באַזונדערע ירושה־זינד פון קריסטוס; זיין ניצחון איבערן יידנטום איז דאָס, וואָס מאַכט אים רייכער פון בודאַ, קאָנפוציוס און אַלע אַנדערע. קריסטוס איז דער גרעסטער מענטש, ווייל ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיטן גרעסטן קעגנער אין זיך. אפשר איז ער דער איינציקער ייד און וועט עס בלייבן, וועמען דערדאָזיקער זיג איבערן יידנטום איז פולשטענדיק געלונגען: דער ערשטער ייד, וועלכער איז געוואָרן דורכויס קריסט, וואָלט אויף אַזאַ אופן געווען צוגלייך

דער לעצטער; אפשר אָבער ליגט אין יידנטום אויך היינט נאָך די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אויף דער וועלט אַ קריסטוס, אפשר מוז אויך דער קומענדיקער רעליגיע-שעפער ווידעראַמאָל ערשט דורכגיין דורכן יידנטום.

נאָר דערמיט קאָנען מיר זיך דערקלערן די לאַנגלעביקייט פון דעם יידנטום, וועלכעס האָט איבערגעדויערט אַלע אַנדערע פעלקער און ראַסן. לגמרי אָן אַ גלויבן וואָלטן אויך די יידן נישט געקאָנט עקזיסטירן און דערהאַלטן זיך; און דערדאָזיקער איינער גלויבן איז דאָס אומקלאָרע, טיפע און דאָך פאַרצווייפלט זיכערע געפיל, אַז עפעס אזויגס מוז זיך דאָך געפינען אין יידנטום, מוז שטיין אין וועלכן ס׳איז צוזאַמענהאַנג מיטן יידנטום. און אָט-אָ-דאָס איז טאַקע דער משיח, דער גואל. דער גואל פון יידנטום איז דער דערלייזער פון יידנטום. יעדעס פאָלק פאַרווירקלעכט אַ באַשטימטן געדאַנק, אַן איינצלנע, באַזונדערע אידעע; און דערפאַר גייט אויך יעדע אַנדערע נאַציע סוף כל סוף צוגרונט. נאָר דער ייד פאַרווירקלעכט נישט קיין באַזונדערע אידעע; מחמת וויבאַלד ער וואָלט אימ-שטאַנד געווען עפעס צו פאַרווירקלעכן, וואָלט ער געקאָנט פאַר-ווירקלעכן נאָר דידאָזיקע אידעע אין זיך: פון דעם האַרץ פון יהודה מוז אַרויסגיין דער גאָטמענטש. אין שייכות דערמיט געפינט זיך אויך די לעבנסקראַפט פון יידנטום: דאָס יידנטום לעבט פון קריסטנטום נישט בלויז אין זינען פון מאַטעריעלער התעשרות. דער יידישער מהות האָט מעטאַפיזיש קיין שום אַנדערע באַשטימונג נישט, ווי צו דינען אַלס פוסבענקל פאַר דעם רעליגיע-גרינדער. דערמיט דערקלערט זיך אויך די זייער מערקווירדיקע דערשיינונג — דער באַזונ' דערער אופן, אויף וועלכן די יידן דינען צו זייער גאָט: קיינמאָל נישט אַלס איינצלנע מענטשן, נאָר תמיד אין אַ מנין. נאָר בצבור זענען זיי „פרום”, זיי ברויכן דעם „מיטבעטער”, ווייל די האָפענונג פון די יידן איז אידענטיש מיט דער פערמאַנענטער מעגלעכקייט, צו זעען אַרויסקומען פון זייער מין דעם גרעסטן איבערגוועל-טיקער, דעם רעליגיע-שעפער. דאָס איז דער אומבאַוווּסטזיניקער באַטייט פון אַלע משיחישע האָפענונגען אין דער יידישער מסורה: דער קריסט איז דער זין פון די יידן.

אויב בכן אין ייד ליגן נאָך אַלץ די העכסטע מעגלעכ־קייטן, באַזיצט ער אָבער אויך אין זיך גלייכצייטיק די קליינלעכסטע מעגלעכקייטן; ער איז בלי־ספק אַמייסטן באַפעיקט און דאָך צוגלייך דער אינערלעך אַמוויניקסטן מעכטיקער מענטש.

*

אונזער היינטיקע צייט ווייזט דאָס יידנטום אויף דער העכסטער הויך, וועלכע זי האָט זינט הורדוס' צייטן דערגרייכט. יידיש איז דער גייסט פון מאָדער־ניזם, פונוואַנען מען באַטראַכט עס. די סעקסואַליטעט ווערט אָנערקענט, און די היינטיקע מין־עטיק זינגט דעם הימן צום קאָיטוס. דער אומגליקלעכער ניטשע איז, פאַרשטייט זיך, נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרויסער פאַרייניקונג פון נאַטירלעכן געשלעכטס־אָפּקלויב מיט דעם נאַטירלעכן זנות־אָפּ־קלויב, וועמעס שענדלעכער אַפּאָסטאָל רופט זיך ווילהעלם בעלשע. מחמת ער האָט געהאַט אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דעם אַסקעטיזם, אָבער ער האָט צופיל געליטן אונטער דעם אייגענעם אַסקעטיזם, כדי נישט צו געפינען זיין היפּך אָפּט פאַר געוווּנטשענער. אָבער ווייבער און יידן מעקלען, זייער ציל איז: מאַכן די מענטשן שולדיק.

אונזער צייט, וועלכע איז נישט בלויז די יידישסטע, נאָר אויך די ווייבערישסטע פון אַלע צייטן; די צייט, פאַר וועלכער די קונסט איז נאָר אַ שווייסטוך פון אירע שטימונגען, וועלכע פירט אַרויס דעם קינסטלערישן דראַנג אויס דעם שפּיל פון די חיות; די צייט פון לייכטגלויביקסטן אַנאַרכיזם, די צייט אָן פאַרשטענדעניש פאַר מלוכה און רעכט, די צייט פון דער מין־עטיק, די צייט פון דער פלאַכסטער צווישן אַלע דענקבאַרע געשיכטס־אויפפאַסונגען (פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם), די צייט פון קאַפּיטאַליזם און פון מארקסיזם, די צייט, פאַר וועלכער געשיכטע, לעבן, וויסנשאַפט איז נאָר עקאָנאָמיע און טעכניק; די צייט, וועלכע האָט דערקלערט דאָס גאונות פאַר אַ פאָרם פון משוגעת, וועלכע באַזיצט אָבער אויך נישט קיין איינציקן גרויסן קינסטלער, קיין איינציקן גרויסן פילאָזאָף, די צייט פון דער

קנאַפּסטער אָריגינאַליטעט און דער גרעסטער יאָגעניש נאָך אָריגינאַליטעט; די צייט, וועלכע האָט אויפן אָרט פון אידעאַל פון דער יונגפרוילעכקייט אַוועקגעשטעלט דעם קולט פון דער „Demi-Vierge”: דידאָזיקע צייט האָט אויך דעם רום צו זיין די ערשטע, וואָס נישט בלויז אָנערקענט זי און פאַרערט דעם קאָיטוס, נאָר האָט אים אויך ווי צום גליכט דערהויבן: נישט כדי זיך צו פאַרגעסן, ווי דער רוימער און דער גריך אין דער באקכאנאליע, נאָר כדי זיך אָפּצוגעפינען, און דער אייגענער פּוסטקייט צו געבן ערשט אַן אינהאַלט.

אָבער אַנטקעגן דעם נייעם יידנטום רייסט זיך אַ ביי קריסטנטום צום ליכט; די מענטשהייט וואַרט אויפן נייעם רעליגיע-שעפער, און דער קאַמף שטויסט צו דער אַנטשיידונג, ווי אין יאָר איינס.

די מענטשהייט שטייט ווידעראַמאָל פאַר די ברירה צווישן יידנטום און קריסטנטום, צווישן געשעפט און קולטור, צווישן פרוי און מאַנסביל, צווישן מין און פערזענלעכקייט, צווישן אומווערט און ווערט, צווישן ערדישן און העכערן לעבן, צווישן דעם גאָרנישט און דער גאָטהייט. דאָס זענען דיביידע פּאָליוסן: נישט פאַראַן קיין דריט קיניגרייך.

קאַפּיטל XIV

די פרוי און די מענטשהייט

איצט ערשט, געריייניקט און באַוואָפנט, קאָנען מיר נאָכ־אַמאָל צוטרעטן צו דער פראַגע פון דער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי. געריייניקט, מחמת עס טריבן שוין נישט אונזער בליק די טויזנטער פליענדיקע מיקן פון יענע צווייידייטיקייטן, וועלכע ראָיען אַרום דעם געגנשטאַנד; באַוואָפנט, ווייל מיר האָבן אין אונזערע הענט פעסטע טעאָרעטישע באַגריפן און זיכערע עטישע אָנשויונגען. ווייט פון דעם טומלדיקן פלאַץ פון די באַנאַלע חלוקי־דעותן, און אויסמיידנדיק דעם פראָבלעם פון דער אומ־גלייכער באַגאַבונג, איז אונזער אונטערזוכונג צוגעקומען צו יענעם פונקט, וועלכער לאָזט אַנען די ראָלע פון דער פרוי אין וועלטגאַנצן און דעם זין פון איר מיסיע פאַר דעם מענטש. דערפאַר וועלן מיר אויך אין דער ווייטערדיקער באַטראַכטונג אויסמיידן פראַגעס פון ספּעציעלן כאַראַקטער, ווייל מיר זעמיר נישט אויף אַזויפיל אָפּטימיסטיש, כדי צו האָפן, אַז די רעזול־טאַטן פון אונזער אונטערזוכונג קאָנען אויסאיבן וועלכע ס׳איז השפעה אויפן גאַנג פון פּאָליטישע ענינים. מיר זעמיר ווייט פונם געדאַנק אויסצואַרבעטן וועלכע ס׳איז סאָציאַל־היגיענישע פּראָיעקטן, באַהאַנדלענדיק דעם פּראָבלעם פון שטאַנדפּונקט פון יענער אידעע פון דער מענטשהייט, וועלכע שוועבט איבער דער פילאָזאָפיע פון א י מ אַ נ ו ע ל ק אַ נ ט.

גרויס איז די סכנה, וועלכע דראָט דערדאָזיקער אידעע מצד דער ווייבלעכקייט. די פרויען זענען אין אַ הויכער מאָס באַשאָנקען מיט דער קונסט אַרויסצורופן די אילוזיע, ווי זיי וואָלטן כלומרשט געווען אַסעקסועל און זייער סעקסואַליטעט וואָלט נאָר געווען אַ קאָנצעסיע פאַרן מאַן. מחמת ווייבאַלד דידאָזיקע אילוזיע זאָל אַוועקפאַלן, ווי וואָלט דאַן אַהינגעקומען

די קאָנקורענץ פון פיל מענער איבער איין פרוי? אונטערגעשטיצט אָבער דורך די מענער, וועלכע האָבן זיי דערין געגלויבט, האָבן זיי באַוויזן היינט כמעט איינצורעדן דעם אַנדערן געשלעכט, אַז דעם מאַנסבילס וויכטיקסטע, אייגנטלעכסטע באַדערפעניש איז די סעקסואַליטעט, אַז ער קאָן ערשט פון דער פרוי דערוואַרטן די באַפרידיקונג פון זיינע אמתדיקסטע און טיפסטע פאַרלאַנגען, אַז די צניעות איז פאַר אים עפּעס אומנאַטירלעכס און אוממעגלעכס. ווי אָפט קומט אויס יונגע מענער, וועלכע געפינען באַפרידיקונג אין ערנסטער אַרבעט, צו הערן מצד פרויען, וועמען זיי ווייזן זיך נישט אויס באַזונדערס מיאוס און נישט ווייניק צוזאָגנדיק אַלס ליבהאָבערס און איידעמס, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַזויפיל אַריינלאָזן אין שטודירן, און בעסער „געניסן פון לעבן". אין דידאָזיקע פריינטלעכע עצות שטעקט, נאַטירלעך גאַנץ אומבאַוווסטזיניק, אַ עפּיל פון דער פרוי, אַז זי וועט זיך פאַרוואַנדלען אין גאָרנישט, אַז זי וועט פאַרלירן יעטוועדע באַדייטונג, וועלכע איז געריכטעט אויסשליסלעך אויף דעם פּרוכפּערונגס-אַקט, וויבאַלד דער מאַנסביל וועט זיך אָנהויבן צו פאַרנעמען נישט מיט קיין סעקסועלע, נאָר מיט אַלערליי אַנדערע ענינים.

צי די פרויען וועלן זיך ווען עס איז ענדערן אין דערדאָזיקער הינזיכט, איז זייער צווייפלהאַפט. מען דאַרף אויך נישט גלויבן, אַז זיי זענען אַמאָל געווען אַנדערש. דער זינלעכער עלעמענט טרעט טאַקע היינט אויף שטאַרקער ווי אַמאָל, מחמת אומענדלעך פיל אין דער „באַוועגונג" שטאַמט נאָר פון דעם באַגער איבערצוּוואַרפן זיך פון מוטערשאַפט צו פּראָסטיטוציע; זי איז אַלס גאַנצעס מער זונות-עמאַנציפּאַציע איידער פרויע-עמאַנציפּאַציע, און אורטיילנדיק לויט אירע ווירקלעכע רעזולטאַטן איז זי געוויס קודם-כל אַ מוטיקער אויפטריט פון קאָקעטהאַפטן עלעמענט אין דער פרוי. ב י י שיינט צו זיין דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די מ אַ נ ס ב י ל ן. אונטער דעם איינפלוס פון יידנטום זענען זיי היינט נאָענט דערצו, אונטערצוּוואַרפן זיך גופא דער ווייבלעכער אָפּשאַצונג, יאָ, אַפילו אַליין זיך צו פאַראייגענען דידאָזיקע ווערטונג. די מענלעכע צניעות ווערט אויסגעלאַכט און קיינער פאַרשטייט זי שוין מער נישט, די

פרוי ווערט שוין נישט אָפּגעפּילט אַלס זינד, אַלס שיקזאַל, די אייגענע תּאווה וועקט שוין נישט אין מאַנסביל קיין בושה מער.

מען זעט יעצט, פונוואַנען עס שטאַמט די פאָדערונג פון „זיך-אויסלעבן", דער קאַפּעהויז-באַגריף פון דיאָניזישן, דער קולט פון געטע, אויף וויפל געטע איז אָווידיוס, פונוואַנען עס ציט איר יניקה דידאָזיקע גאַנצע מאָדערנע קאָיטוס-קולטור. די זאַך איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס'געפינט קוים עמיצער נאָך אין זיך גענוג מוט מודה צו זיין זיך אין זיין צניעות, און כמעט יעדער וויל ליבערשט אַרויפציען אויף זיך די מאַסקע פון אַ נואף. געשלעכטלעכע אויסגעלאַסנקייטן בילדן דעם באַליבטסטן נעגנשטאַנד פון דער באַרימעריי, יאָ, די סעקסואַליטעט ווערט אַזוי הויך געשאַצט, אַז דער באַרימער מוז זיך שוין געבן נישט ווייניק מי, כּדי מ'זאָל גלויבן אין זיינע רייד; די צניעות דערקעגן ווערט שוין אַזוי ווייניק געאַכט, אַז גראָד דער באמת צניעותדיקער באַהאַלט זיך אָפּט הינטער דעם שלייער פון אויסגעלאַסנקייט. עס איז דורכויס אמת, אַז דער שעמעוודיקער שעמט זיך אויך מיט זיין בושה; אָבער יענע אַנדערע, היינטיקע בושה, איז נישט די בושה פון דער עראָטיק, נאָר די בושה פון דער פרוי, מחמת זי האָט נאָכנישט געפונען קיין מאַן, און נאָכנישט באַקומען קיין ווערט פון אַנדערן געשלעכט. דערפאַר באַמיט זיך יעדער איינער צו ווייזן דעם אַנדערן, מיט סאַראַ טרייקייט, תּענוג און געוויסנהאַפטיקייט ער דערפילט די סעקסועלע פונקציעס. אַזוינאָך באַשטימט היינט די פרוי, וועלכע קאָן לויט איר נאַטור אָפּשאַצן אין מאַנסביל נאָר די סעקסועלע זייט, וואָס ס'איז מענלעך: פון אירע הענט נעמען די מענער דעם קריטעריום פון אייגענער מענלעכקייט. אַזוינאָך איז די צאָל פון די באַהעפטונגס-אַקטן, די „באַציונגען", דאָס „מיידל" געוואָרן אינדעראמתן די לעגיטימאַציע פון איין זכר לגבי דעם אַנדערן. אָבער ניין: מחמת דאַן וואָלט שוין גאָר קיין מענער נישט געווען.

דערקעגן איז יעטוועדע הויכשעצונג פון דער מיידלשאַפט אורשפּרינגלעך אַרויסגעגאַנגען און גייט ווייטער אַרויס פונם מאַנסביל, ווו ס'זענען נאָך פאַראַן מענער:

זי איז די פּראָיעקציע פון דעם אינם מאָנסביל אימאַנענטן אי־דעאַל פון אומבאַפלעקטער ריינקייט אויפן געגנשטאַנד פון זיין ליבע. מען דאַרף זיך נאָר אין דערדאָזיקער הינזיכט נישט לאָזן אַראָפּפירן פון וועג נישט דורך די מורא און שרעק פאַר דער באַרירונג, וועלכע פאַרוואַנדלט זיך אַזוי גערן און מעג־לעכסט גיך אין צוטרוילעכקייט, נישט דורך די היסטערישע אונ־טערדריקונג פון די סעקסועלע פאַרלאַנגען; נישט דורך דעם אויסערלעכן צוואַנג, כּדי צו באַפרידיקן דעם מענ־לעכן פאַרלאַנג פון פיזישער ריינקייט, ווייל אַנדערש וואָלט זיך אויף איר נישט געפינען קיין בעלן; אָבער אויך נישט דורך יענעם באַדערפעניש פון דער פרוי צו באַקומען ווערט, צוליב וועלכן די פרוי וואַרט אָפט אַזוי לאַנג אויף יענעם מאָנ־סביל, וועלכער קאָן איר שענקען אַמייסטן ווערט (וואָס מען באַצייכנט געוויינלעך, פאַרקערט, אַלס הויכע זעלבסטשעצונג פון אַזעלכע מיידלעך). וויבאַלד מ׳וויל וויסן, סאַראַ מיינונג די פרויען האָבן וועגן דער מיידלשאַפט, טאָ קאָן דאָס שוין איצט קוים זיין צווייפלהאַפט, נאָכדעם ווי מיר האָבן דערקענט, אַז דער הויפּטציל פון די פרויען איז די דערפירונג צום גע־שלעכטס־אַקט בכלל, דורך וועלכן זיי געווינען ערשט עקזיסטענץ; און אַז די פרוי וויל דעם קאָיטוס און נישט עפּעס אַנדערש, אַפילו ווען זי אַליין זאָל זיך אויסווייזן נאָך אַזוי אינדיפערענט צו דער תּאווה — דאָס איז דערוויזן געוואָרן דורך די אַלגע־מיינקייט פון דער מעקלעריי.

כּדי זיך אויפסנייַ דערין איבערצוצייגן, דאַרף מען נאָר באַטראַכטן, מיט סאַראַ אויגן עס קוקט די פרוי אויף דער מיידלשאַפט פון די אַנדערע אָנגעהעריקע פון איר געשלעכט.

און דאַן וועלן מיר באַמערקן, אַז דער צושטאַנד פון די אומפאַרהייראַטע ווערט דורך די פרויען גופא זייער נידריק גע־האַלטן. יאָ, דאָס איז אייגנטלעך דער ווייבלעכער צושטאַנד, וועלכן די פרוי שאַצט נעגאַטיוו אָפּ. די פרויען שאַצן יעדע פרוי איבערהויפּט ערשט דאַן, ווען זי איז פאַרהייראַט; אַפילו ווען זי איז „אומגליקלעך" פאַרהייראַט מיט אַ העסלעכן, שוואַכן, אָרעמען, געמיינעם, טיראַנישן און נישטיקן מאַן, זי איז אָבער פאָרט פאַרהייראַט, דאָס הייסט, זי האָט ווערט, האָט

באַקומען עקזיסטענץ. און ווען זי האָט אָפילו בלויז אַ קורצע צייט פאַרזוכט די הערלעכקייטן פון אַ מעטרעסן-לעבן, יאָ, ווען זי איז אַפילו געוואָרן גאַסנמיידל, שטייט זי אויך העכער אין דער ווייבלעכער שעצונג, איידער די אַלטע פריילין, וועלכע פאַרברענגט איינזאַם אין איר צימער מיט נייען און לאַטען, נישט האָבנדיק אָנגעהערט צו קיין מאַנסביל אין געזעצלעכער אָדער אומגעזעצלעכער פאַרבינדונג, במשך פון אַ לאַנגער אָדער ראַש פאַרגאַנגענער שיכּרות.

און אויך דאָס יינגע מיידל, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט קערפּערלעכע מעלות, ווערט דורך די פרוי פּאָזיטיוו געשאַצט נישט צוליב איר שיינקייט — דער פרוי פעלט דער אָרגאַן פון אָפּפילן דאָס שיינע, ווייל זי האָט נישט קיין אינער-לעכן ווערט, וועלכן זי זאָל קאָנען פּראָיעקציאָנירן — נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט לייכטערע אויסזיכטן צוצובינדן צו זיך אַ מאַנסביל. וואָס שענער אַ מיידל איז, אַן אַלץ זיכערערע הבטחה איז זי פאַר די אַנדערע פרויען, אַלס ווערטפולער איז זי פאַר דער פרוי אַלס מעקלערין, לויט איר באַשטימונג אַלס היטערין פון דער געמיינשאַפט; נאָר דערדאָזיקער אומבאַוווּסטזיניקער געדאַנק איז עס, וואָס לאָזט אַ פרוי זיך אַנטציקן מיט אַ שיין מיידל. אַז אַן ענלעכע באַציונג ווייזט זיך אַרויס מיט באַזונדערער בולטקייט נאָר דאַן, ווען דער ווערטנדיקער ווייבלעכער איינצל-אינדיווידו האָט שוין אַליין באַקומען עקזיסטענץ (ווייל אַנדערש מוז יענע רעגונג פאַרטויבט ווערן דורך דער קנאה צו דער קאָנקורענטין און דורכן געפילי אַז אירע אייגענע שאַנסן וועלן אין קאַמף פאַרן ווערט דורך איר פאַרמינערט ווערן), — וועגן דעם האָבן מיר שוין גערעדט. צוערשט מוזן זיי טאַקע זיך פאַרשדכענען, מחמת פריער קאָנען עס דאָך די אַנדערע פון זיי נישט פאַרלאַנגען.

די ליידער אַזוי פּאָפּולערע גרינגשעצונג פון דער „אַלטער בתולה״ שטאַמט דורכויס פון דער פרוי. וועגן אַ באַיאָרטער פריילין קאָן מען הערן מענער אָפט מיט רעספּעקט רעדן;

אָבער יעדע פרוי און יעדעס מיידל, אַלציינס, צי באַמאַנט אָדער נישט, האָט פאַר איר נאָר די עקסטרעמסטע גרינגשעצונג, הגם זיי גיבן זיך אַליין אָפט דערפון קיין חשבון נישט אָפּ. כ'האָב אַמאָל געהערט, ווי אַ געוויסע פאַרהייראַטע דאַמע, וועלכע האָט געקאָנט אַנגיין פאַר גייסטרייך און רייך טאַלענטירט, און אַדאַנק איר אויסערלעכקייט געהאַט אַזויפיל פאַרערערס, אַז וועגן קנאה קאָן אין דאָזיקן פאַל קיין רייד נישט זיין, האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער איר נישט שיינער און עלטלעכער איטאַליענישער לערערין, באשר די פלעגט תמיד באַטאָנען: Io sono ancora una ergine (אַז זי איז נאָך אַ בתולה).

וואָס אַן אמת, אָנגענומענדיק, אַז דער דאָזיקער אויסדרוק איז ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן, דאַרף מען אָבער מודה זיין, אַז יענץ עלטערע מיידל האָט נאָר געמאַכט אַ טוגנט פון דער נויט, און וואָלט יעדנפאַלס געוועזן זייער צופרידן פטור צו ווערן פון איר מיידלשאַפט אויף וועלכן ס'איז אופן, נישט מוזנדיק כלל דורכדעם פאַרלירן איר אָנזען אין דער געזעלשאַפט.

מחמת דאָס איז ס'וויכטיקסטע: די פרויען פאַראַכטן און לאַכן אויס נישט בלויז די מיידלשאַפט פון אַנדערע פרויען, נאָר אויך די אייגענע מיידלשאַפט באַטראַכטן זיי פאַר אַ גאַר מינדערוועכטיקן צושטאַנד. אמת, די פרוי איז פעיק צוצוגעבן אַ געוויסע באַדייטונג אויף דער מיידלשאַפט, אָבער נאָר פון שטאַנדפונקט פון אַ סחורה, וואָס האָט אין די אויגן פון מענער אַ הויכן ווערט. דערפאַר קוקן זיי אויף יעדער חתונה-געהאַטער ווי אויף עפּעס אַ העכער וועזן. ווי זייער דער פרוי גייט אין טיפסטן תוך ספּעציעל וועגן סעקסואַל־אַקט, קאָן מען פשוט זען אָן דער אמתדיקער פאַרערונג, וועלכע עס געניסן נישטלאַנג פאַרהייראַטע פרויען באַ די יינגע מיידלעך: איז דאָך דער זין פון זייער דאָזיין געוואָרן צו יענע טאַקע אַנטפּלעקט, און זיי אַליין האָבן דערגרייכט זייער זעניט. דערקעגן קוקט יעדעס יינגע מיידל אויף יעדער אַנדערער ווי אויף אַן אומפּולקאָמען וועזן, וואָס שטרעבט, פונקט ווי זי אַליין, ערשט צו דערגרייכן איר באַשטימונג.

דערמיט גלויב איך צו האָבן דערוויזן, אַז די דערפאַרונג באַשטעטיקט פולשטענדיק די פון דער פאַרמיטלעריי אַרויסגעפירטע

הנחה, אַז דער מיידלשאַפטס-אידעאַל מוז זיין פון מענלעכן און נישט פון ווייבלעכן אורשפרונג. דער מאַנסביל פאַרלאַנגט צניעות פון זיך און פון אַנדערע, אַמייסטן פון דעם ווען, וואָס ער ליבט; די פרוי וויל קאָנען זיין אומצניעותדיק, און זי וויל זינלעכקייט אויך פון מאַנסביל, נישט קיין טוגנט. פאַר „לייטישע בחורים" האָט די פרוי קיין פאַרשטענדעניש נישט. דערקעגן איז באַוווּסט, אַז זי פליט תמיד אין די אָרעמס פון דעם, וועמען דער רום פון דאָן זשואַן לויפט מיילנווייט פאָרויס. די פרוי וויל דעם מאַנסביל סעקסועל, ווייל נאָר דורך זיין סעקסואַליטעט געווינט זי עקזיסטענץ. אַפילו פאַר דער עראָטיק פונם מאַנסביל, אַלס אַ דערשיינונג, וואָס קומט פאָר אויף אַ געוויסן מרחק, האָבן די פרויען קיין חוש נישט, נאָר פאַר דעריעניקער זייט אין אים, וועלכע שטויסט אים אויפן וועג פון אָנגרייפן און באַזיצן דעם אָביעקט פון זיין באַגער; און מענער, אין וועלכע די ברוטאַליטעטס-אינסטינקטן זענען גאָרנישט אָדער ווייניק אַנטוויקלט, ווירקן נישט אויף זיי. אַפילו די העכערע פּלאַטאָנישע ליבע פונם מאַנסביל איז פאַר זיי אין תוך נישט געוווּנטשן; זי חנפעט זיי און גלעט זיי, אָבער זי זאָגט זיי גאָרנישט. און ווען דאָס געבעט אויף די קני פאַר איר זאָל דויערן צו לאַנג, וואָלט בעאַטריטשע געוואָרן פונקט אַזוי אומגעדולדיק ווי מעסאַלינא.

אין געשלעכטס-אַקט ליגט די טיפּסטע דערנידערונג, אין דער ליבע די העסטע דערהויבונג פון דער פרוי. דער פאַקט, וואָס די פרוי פאַרלאַנגט דעם געשלעכטס-אַקט און נישט די ליבע, באַטייט, אַז זי וויל ווערן דערנידריקט און נישט דערהויבן. די לעצטע קעגנערין פון דער פרויען-עמאַנציפּאַציע איז די פרוי.

דער געשלעכטס-אַקט איז אומזיטלעך נישט דערפאַר, וואָס ער איז תאוותפול, וואָס ער איז דאָס אורבילד פון יעטוועדן תענוג פון נידריקערן לעבן. דער אַסקעטיזם, וועלכער אָנערקענט דעם תענוג פאַר דאָס אומזיטלעכע אין זיך, איז אַליין אומ-

זיטלעך; מחמת ער זוכט דעם מאָסשטאָב פון אומרעכט אין אַ באַגלייט-דערשיינונג און אויסערלעכן פועל-יוצא פון דער האַנדלונג, און נישט אין דעם כאַראַקטער: ער איז העטעראָנאָם. דער מענטש מעג שטרעבן צום תענוג, ער קאָן זיך באַמיען צו געשטאַלטן זיין לעבן אויף דער ערד לייכטער און פריילעכער; אָבער ער טאָר דערצו קיינמאָל נישט מקריב זיין אַ מאָראַליש געבאָט. אין דעם אַסקעטיזם אָבער וויל דער מענטש די מאָראַליטעט אויספרעסן מיט דער הילף פון זעלבסטצעפליקונג, ער וויל זי דערגרייכן אַלס אַ פועל-יוצא פון אַ געוויסן גרונט, ער וויל די אייגענע זיטלעכקייט אַלס רעזולטאַט און באַלוינונג דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזויפיל זאַכן. דערפאַר דאַרף מען אָפּוואַרפן דעם אַסקעטיזם הן אַלס פרינציפיעלער שטאַנדפונקט און הן אַלס פסיכאָלאָגישע שטימונג; מחמת ער פאַרבינדט די טוגנט מיט עפּעס אַנדערש, אַלס רעזולטאַט פון לעצטן, מאַכט פון איר די ווירקונג פון אַ געוויסער סיבה, און שטרעבט נישט צו איר גופא, אַלס אוממיטלבאַרער זעלבסטצוועק. דער אַסקעטיזם איז אַ געפערלעכער פאַרפירער: ער פירט זייער אָפט אַריין אין אַ טעות דערמיט, וואָס די תאווה איז דער אָפּטסטער באַוועג-מאָטיוו, צו פאַרלאָזן דעם וועג פון געזעצלעכקייט; און אָט-דאָ ליגט די מעגלעכקייט פון אַ טעותדיקן פועל-יוצא, אַז, פאַרביי'טנדיק דעם תענוג מיט דעם שמערץ, איז פאַראַן מער זיכערקייט זיך צו דערהאַלטן אויף דעם רעכטן וועג. פאַר זיך גופא אָבער איז תאווה נישט זיטלעך און נישט אומזיטלעך. נאָר ווען דער דראַנג צו דער תאווה באַזיגט דעם ווילן צום ווערט, דאַן איז דער מענטש געפאַלן.

דער געשלעכטס-אַקט איז דערפאַר אוממאָראַליש, ווייל ס'איז נישט פאַראַן קיין מאַנסביל, וועלכער זאָל אין דאָזיקן מאָמענט נישט געברויכן די פרוי אַלס מיטל צום צוועק, און נישט אָפּוואַרפן צוליב דער תאווה דעם ווערט פון דער מענטשהייט אין זיין אייגענער, ווי אין איר פערזאָן. אינם קאָיטוס פאַרגעסט דער מאַנסביל זיך גופא צוליב דער תאווה און פאַרגעסט אָן דער פרוי; די פרוי האָט שוין פאַר אים דעמאָלט נישט קיין פסיכישע, נאָר אַ בלויז פיזישע עקזיסטענץ. ער

וויל פון איר אָדער אַ קינד, אָדער די באַפרידיקונג פון דער אייגענער תאווה: איןביידע פאַלן באַנוצט ער זי נישט אַלס צוועק אין זיך גופא, נאָר צוליב אַ פרעמדער כוונה. נאָר צוליבן דאָזיקן, און נישט צוליב עפּעס אַן אַנדערן טעם איז דער געשלעכטס-אַקט אוממאָראַליש.

געוויס איז די פרוי די מיסיאָנערין פון דער אידעע פון קאַנטוס, און באַנוצט זיך גופא, ווי אַלץ אַנדערע אין דער וועלט, נאָר אַלס מיטל צום דאָזיקן צוועק; זי וויל דעם מאַנ-סביל אַלס מיטל צו דער תאווה אָדער צום קינד; זי וויל אַליין באַנוצט ווערן דורכן מאַנסביל אַלס מיטל צום צוועק, זי וויל באַ-האַנדלט ווערן ווי אַ זאַך, ווי אַן אָביעקט, ווי זיין אייגנטום; זי וויל, אַז ער זאָל זי פאַרענדערן, צוגעבנדיק איר די-יעניקע פאָרם, וועלכע ס'ווער אים געפעלן. אָבער נישט נאָר דאַרף קיינער זיך נישט לאָזן געברויכן דורכן אַנדערן אַלס מיטל צום צוועק; נאָר מען דאַרף אויך דעם שטאַנדפּונקט פון מאַנסביל לגבי דער פרוי נישט באַשטימען לויט דעם, וואָס זי וויל די באַהעפטונג, וואָס זי פאַרלאַנגט באמת פון אים קיינמאָל נישט עפּעס אַנדערש, הגם זי איז זיך דערין כּלל נישט מודה, אַזוי גוט פאַר אים ווי פאַר זיך גופא. קונדרי אַפּעלירט טאַקע צו פּאַרסיפאַלס מיטלייד איבער איר בענקשאַפט: אָבער גראָד דאָ אַנטפּלעקט זיך די גאַנצע שוואַכקייט פון דער מיטליידס-מאָראַל, וועלכע צווינגט אונז צו דערפילן יעדן ווונטש פונם אַנדערן מענטש, און זאָל ער אפילו זיין ווי אומבאַרעכטיקט. די קאָנסעקוועטע סימפּאַטיע-מאָראַל און די קאָנסעקוועטע סימפּאַטיע-עטיק זענען ביידע גלייך אומזיניק, מחמת זיי מאַכן אָפּהענגיק דאָס דאַרפן פון וועלן (צי פון אייגענעם, אָדער פון פרעמדן אָדער פון געזעלשאַפטלעכן — דאָס איז אַלצאיינס), אַנשטאָט דאָס וועלן פון דאַרפן. זיי ווילן אויס אַלס מאָסשטאַב פון דער זיטלעכקייט קאָנקרעטן מענטשלעכן שיקזאַל, קאָנקרעט מענטשלעך גליק, קאָנקרעטן מענטשלעכן מאָמענט, אַנשטאָט דער אידעע.

די פראַגע איז: ווי אַזוי זאָל דער מאַנסביל באַהאַנדלען די פרוי? צי ווי זי אַליין וויל באַהאַנדלט ווערן, אָדער ווי די זיטלעכע אידעע פאַרלאַנגט

עס? וויבאַלד ער דאַרף זי באַהאַנדלען אַזוי, ווי זי וויל עס, דאַן מוז ער זי קאָטירן, ווייל זי וויל קאָטירט ווערן, שלאָגן, ווייל זי וויל געשלאָגן ווערן, היפּנאָטיזירן, ווייל זי וויל היפּנאָטיזירט ווערן, ער מוז איר אַרויסווייזן דורך גאַלאַנטעריע, ווי נידריק ער שעצט איר ווערט אין זיך; מחמת זי וויל קאָמפּלעמענטן און וויל נישט אין זיך געאַכטעט ווערן. וויבאַלד אָבער ער וויל זיך לגבי דער פרוי פאַרהאַלטן אַזוי, ווי ס'פאַרלאַנגט עס די מאָראַלישע אידעע, מוז ער אין איר זען דעם מ ע נ ט ש און זיך באַמיען זי צו אַכטן. וואָס אַן אמת איז פ אַ פונקציע פון מ, אַ פונקציע, וועלכע ער קאָן באַשאַפן און פאַרניכטן, און די פרויען ווילן נישט זיין עפּעס מער, ווי טאַקע דאָס, נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס: די אלמנות אין אינדיע לאָזן זיך גערן און מיט פולער אמונה פאַרברענען, יאָ, זיי רייסן זיך פשוט צום דאָזיקן טויט; אָבער דערדאָזיקער מנהג בלייבט דאָך דער שרעקלעכסטער באַרבאַריזם.

מיט דער עמאַנציפּאַציע פון די פרויען איז פונקט אַזוי ווי מיט דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן און די נעגערן. וויבאַלד מ'האָט דידאָזיקע פעלקער באַהאַנדלט אַלס שקלאַוון, וויבאַלד מ'האָט זיי אומעטום זייער נידריק געשעצט, ליגט די הויפּטשולד פון דעם אַלעמען בלי-ספק אין זייערע אייגענע קנעכטישע נטיות; זיי האָבן נישט אַזאַ שטאַרקע באַדערפעניש נאָך פרייהייט ווי די אינדאָגערמאַנער. און הגם ס'האָט זיך היינט אין אַמעריקע אַרויסגעוויזן פאַר די וויסע די נויטווענדיקייט פולשטענדיק זיך אָפּצוזונדערן פון די נעגערן, ווייל דידאָזיקע נוצן אויס זייער פרייהייט אויף אַ פאַרברעכערישן און אומווירדיקן אופן: טאָ איז פאָרט אין דעם קריג פון די צפון-שטאַטן קעגן די פעדעראַטיווע, וועלכער האָט געגעבן די שוואַרצע די פרייהייט, דאָס רעכט געווען דורכויס אויף דער זייט פון די ערשטע. הגם דער מענטשלעכער שורש אינם ייד, נאָך מער אינם נעגער, און נאָך ווייט מער אין דער פרוי, איז באַלאַסטעט מיט אַ גרעסערער צאָל אַמאָראַלישע אינסטינקטן; הגם ער האָט דאָ אויך מיט מער מניעות צו קעמפן, איידער אין אַרישן מאַנסביל, מוז דער מענטש אַכטן זיין לעצטן, אַפילו דעם קנאַפּסטן רעשט פון דער מענטשהייט, ער מוז נאָך דאָ ערן די אידעע פון

דער מענטשהייט (דאָס הייסט נישט: פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, נאָר דאָס מענטש-זיין, די נשמה אַלס טייל פון דער איבערזינלעכער וועלט). אויך אויף דעם נידעריקסטן פאַרברעכער טאָר קיינער נישט אָנווענדן געוואַלט, אַחוץ דאָס געזעץ; קיין מענטש האָט נישט דאָס רעכט צו לינטשען אים.

דער פּראָבלעם פון דער פרוי און דער פּראָבלעם פון דעם ייד זענען גאַנץ אידענטיש מיט דעם פּראָבלעם פון דער שקלאַוועריי, און מוזן פּונקט אַזוי געלייזט ווערן ווי דער לעצטער. קיינער דאַרף נישט ווערן אונטערדריקט, אַפילו ווען ער זאָל זיך אַליין פילן צום בעסטן אין דער אונטערדריקונג. בײַ דער הויז-חיה, וועלכע איך באַנוץ, נעם איך נישט צו קיין פרייהייט, ווייל זי האָט נישט געהאַט אַזעלכע, איידער כ'האָב זי מיר געמאַכט דינסטבאַר; אָבער אין דער פרוי שטעקט נאָך אַן אָנמעכטיק געפיל פון נישט-אַנדערש-קאָנען, אַלס אַ לעצטער, ווען אַפילו נאָך אַזוי קנאַפּער שפּור פון דער אינטעליגיבלער פרייהייט: געוויס דערפאַר, וואָס ס'איז נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע פרוי. די פרויען זענען מענטשן און מוזן אַלס אַזעלכע באַהאַנדלט ווערן, אַפילו ווען זיי אַליין וואָלטן דאָס קיינמאָל נישט געוואָלט. **פרוי און מאַנסביל האָבן גלייכע רעכט.**

דערפון דאַרף מען נאָכנישט אַרויסדרינגען, אַז די פרויען זאָלן מוזן באַלד צוגעלאָזט ווערן צום אָנטייל אין דער פּאָליטישער הערשאַפט. פון אוטיליטאַרן שטאַנדפּונקט וואָלטן מיר דערווייל,— און אפשר אויך תמיד, אָפּגעראַטן פון דערדאָזיקער קאָנצעסיע; אין **ניי-זעלאַנד**, ווו דער עטישער פּרינציפּ איז געשטאַנען אויף אַזאַ הויך, אַז מ'האָט די פרויען געגעבן וואַלרעכט, האָט מען אין דאָזיקער היגזיכט צונויפגעזאַמלט די ערגסטע דערפאַרונגען. פּונקט ווי מ'וועט מיט רעכט קיין קינדער, שוואַכזיניקע און פאַרברעכער נישט דערלויבן וועלכן ס'איז איינפלוס אויף דער לייטונג פון קאָלעקטיוון לעבן, אַפילו ווען זיי זאָלן פּלוצלינג דערגרייכן די ציפערדיקע גלייכהייט אָדער גאָר מערהייט, אַזוי דאַרף מען לעת-עתה די פרוי האַלטן ווייט פון געוויסע ענינים, וויבאַלד ס'איז פאַראַן אַ באַגרינדעטע מורא, אַז דורכן ווײַבלעכן איינפלוס קאָנען זיי ליידן. פּונקט ווי די רעזולטאַטן

פון דער וויסנשאַפט זענען אומאָפּהענגיק דערפון, צי אַלע מענטשן שטימען איין מיט זיי אָדער נישט, אַזוי קען אויך די פראַגע וועגן רעכט און אומרעכט פון דער פרוי גאַנץ גענוי געלייזט ווערן אויך אָן איר אָנטייל. דערביי דאַרפן די פרויען כלל נישט מורא האָבן, אַז מען וועט זיי באַעוולען, וויבאַלד די אַנט־שפּרעכנדיקע אַנטשיידונג וועט באַשטימט ווערן דורך די פּרינ־ציפּן פון רעכט, און נישט פון מאַכט.

דאָס רעכט אָבער איז נאָר איינס און דאָס זעלביקע פאַר מאַנסביל און פרוי. קיינער דאַרף נישט דער פרוי עפּעס פאַרווערן אָדער פאַרביטן אַלס אַן „אומווייבלעכע זאַך"; און גאַנץ נידערטרעכטיק איז אַן אור־טייל, וואָס באַפרייט אַ מאַנסביל, וועלכער האָט געטויט זיין אומטרייע פרוי, גלייך ווי זי וואָלט געווען געזעצלעך זיין זאַך. מען דאַרף די פרוי אורטיילן אַלס אינדיווידועל וועזן און לויט דער אידעע פון דער פרייהייט, נישט אַלס מין־וועזן, נישט לויטן מאָסשטאַב, וועלכער איז אַרויסגעפירט פון דער עמפּיריע אָדער פון די ליבעס־באַדערפענישן פונם מאַנסביל: אַפילו ווען זי גופא זאָל זיך קיינמאָל נישט אַרויסווייזן פאַר ראוי צו אַזאַ מדרגה פון באַאורטיילונג.

דערפאַר איז דאָסדאָזיקע בוך די העכסטע ערע, וועלכע איז ווען עס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן די פרויען. אויך לגבי דער פרוי איז נאָר מעגלעך איין זיטלעכע פאַרהעלטעניש פונם מאַנסביל; נישט די סעקסואַליטעט, נישט די ליבע — מחמת ביידע באַנוצן זי אַלס מיטל צו פרעמדע צוועקן: נאָר בלויז דער פרוון, זי צו פאַרשטיין. די מייסטן מענטשן האַלטן טעאָרעטיש, אַז זיי ערן די פרוי, כדי אין דער פּראַקטיק נאָך גרינטלעכער די פרויען צו פאַראַכטן: דאָ איז דאָסדאָזיקע פאַרהעלטעניש געוואָרן איבערגעקערט. די פרוי האָט מען נישט געקאָנט הויך שאַצן, אָבער די פרויען דאַרף מען נישט לכתחילה איין פאַר אַלעמאָל אויסצושליסן פון יעטוועדער אַכטונג.

ליידער האָבן זיך זייער באַרימטע און באַדייטנדיקע מענער פאַרקוקט אויף דערדאָזיקער פראַגע אייגנטלעך גאַנץ טרי־וויאַל. איך דערמאָן אָן שאָפּענהויערס און אָן

דעמאָסטענעס׳ שטעלונג צו דער פרויען-עמאַנציפּאַציע. און געטעס:

„Immer ist so das Mädchen beschäftigt und reifet im stillen
Häuslicher Tugend entgegen, den klugen Mann zu beglücken.
Wünscht sie dann endlich zu lesen, so wählt sie gewisslich ein Kochbuch“.

שטייט נישט העכער פון מאָליערס:

„... Une femme en sait toujour assez,
Quand la capacité de son esprit se hausse
A connaitre un pourpoint d'avec un haut-de-chausse“.

דער מאַנסביל דאַרף אין זיך גובר זיין די נעגאַטיווע באַציונג צו דער מענלעכער פרוי; מחמת זי איז אַ רעזולטאַט פון נידריקן עגאָיזם. ווען די פרוי זאָל ווערן מענלעך, אין לאָגישער און עטישער הינזיכט, וואָלט זי זיך שוין נישט מער אַזוי גוט נעאייגנט צום פּאַסיוון סובסטראַט פון אַ פּראָיעקציע; אָבער דאָס איז נישט קיין גענוגנדיקער גרונט, בדי צו לאָזן דערציען די פרוי, ווי דאָס געשעט היינט, אויסשליסלעך פאַר דעם מאַן און קינד מיט דער הילף פון אַ נאָרם, וועלכע פאַרביט איר געוויסע זאַכן, ווייל זיי זענען מענלעך.

מחמת ווען אַפילו ס׳עקזיסטירט נישט פאַר דער אַבסאָלוטער פרוי קיין מעגלעכקייט פון זיטלעכקייט, איז נאָך פון דער דערקענטעניש פון דערדאָזיקער אידעע פון דער פרוי נישט געדרונגען, אַז דער מאַנסביל זאָל דער עמפּירישער פרוי לאָזן פולשטענדיק און רעטונגסלאָז אין דערדאָזיקער אידעע פאַרזינקען; נאָך פאַרברעכערישער וועט עס זיין פון זיין זייט, וויבאַלד ער וועט אַליין שטויסן די פרוי אויפן וועג פון דערדאָזיקער אידעע. אין דער לעבעדיקער „מענטשלעכער“ פרוי דאַרף מען נאָך אַלץ טעאָרעטיש אָננעמען

„אַ שפּראָצל פון גוטס״, לויט דער קאַנטישער טערמינאָלאָגיע; דאָס איז יענער רעשט פון אַ פרייען ווען, וואָס דערמעגלעכט דער פרוי דאָס טויבע געפיל פון אַ פרייען גורל*). וועגן דער אוממעגלעכקייט צו פאַרפלאַנצן אויפן דאָזיקן שפּראָצל עפּעס מער נאָך, דאַרף מען קיינמאָל טעאָרעטיש נישט רעדן אָן באַוואָרעניש, הגם אין דער פּראַקטיק האָט זיך דאָס זיכער נאָך קיינמאָל נישט איינגעגעבן, און אַפילו ווען ס'זאָל אין דער צוקונפט קיינמאָל נישט געלונגען.

דער טיפסטער יסוד און צוועק פון אוניווערס איז דאָס גוטע; אונטער דער זיטלעכער אידעע שטייט די גאַנצע וועלט; אפילו די חיות ווערן געשאַצט אַלס דערשיינונגען, דער העלפאַנט ווערט מאָראַליש העכער געשאַצט פאַר די שלאַנג, ווען אַפילו צ. ב. די טויטונג פון אַן אַנדער חיה ווערט זיי אַלס פּערזאָנען נישט פאַררעכנט פאַר קיין שולד. די פרוי דערקעגן ציען מיר צו צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט; און דערויף שטיצט זיך די פאָדערונג, אַז זי זאָל ווערן אַנדערש. און וויבאַלד יעטוועדע ווייבלעכקייט איז אומזיטלעכקייט, טאָ מוז די פרוי אויפהערן צו זיין פרוי און ווערן מאַנסביל.

וואָס אַן אמת, מוז גראָד דאָ צום פאָרזיכטיקסטן אויסגעמיטן ווערן די געפאַר פון אויסערלעכער פאַרענלעכונג, וועלכע שטויסט תמיד צום אינטענסיווסטן די פרוי אין איר ווייבלעכקייט צוריק. די אויסזיכטן פון דער אונטערנעמונג, באמת צו עמאַנציפּירן די פרויען, צו געבן זיי די פרייהייט, וועלכע זאָל נישט זיין ווילקיר, נאָר ווילן, זענען גאָר קנאַפּע. וויבאַלד מ'זאָל אורטיילן לויט די פאַקטן, שיינען פאַר די פרויען צו בלייבן נאָר צווייערליי מעגלעכקייטן: די ליגנערישע אַקצעפּטירונג פון דעם, וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן דורכן מאַנסביל, גלויבנדיק, אַז זיי ווילן דאָס, וואָס איז סותר זייער גאַנצער, נאָך אומאָפּגעשוואַכטער נאַטור, די אומבאַוווסטזיניקע ליגנערישע אויפגעבראַכטקייט קעגן דער אומזיטלעכקייט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען זיטלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן די אומזינלעכע ליבע; אָדער דאָס אָפענע מודה

*) זע קאַפּ. XII.

זיין זיך*), אַז דער אינהאַלט פון דער פרוי איז דער מאַן און דאָס קינד, נישט אָפּגעבנדיק זיך לגמרי קיין חשבון דערפון, אין וואָס זיי זענען זיך דערמיט מודה, סאַראַ בושהלאָזיקייט, סאַראַ מפלה עס ליגט אין דערדאָזיקער דערקלערונג. *אומבאַוווּסטזיניקע צביעות אָדער צינישע אידענטיפיקאַציע מיט דעם נאַטור־דראַנג:* קיין אַנדער מעגלעכקייט פאַר דער פרוי עקזיסטירט משמעות נישט.

אָבער נישט וועגן דער באַווילקונג און נישט וועגן דער פאַרלייקענונג גייט דאָ, נאָר וועגן דער פאַרניינונג, וועגן גובר זיין די ווייבלעכקייט. ווען למשל אַ פרוי זאָל באמת וועלן די צניעות פון דעם מאַנסביל, טאָ וואָלט זי טאַקע דערמיט גובר געווען אין זיך די פרוי; מחמת פאַר אים וואָלט שוין דער קאָיטוס נישט געווען מער העכסטער ווערט און זיין פאַרווירקלעכונג — נישט מער לעצטער ציל. די מעשה איז אָבער, וואָס מיר קאָנען נישט גלויבן אין דער עכטקייט פון אַזעלכע פאָדערונגען, אַפילו ווען זיי זאָלן דאָ און דאָרטן באמת אויפגעהויבן ווערן. מחמת אַ פרוי, וועלכע פאַרלאַנגט די צניעות פון דעם מאַנסביל איז, אָפּגעזען פון איר היסטעריע, אַזוי נאַריש און אַזוי אומפעיק צו יעטוועדן אמת, אַז זי האָט צומאָל נישט דאָס אומקלאָרע געפיל פון דעם, אַז זי פאַרניינט דערמיט זיך גופא, אַז זי מאַכט זיך אַבסאָלוט און אָן רעטונג ווערטלאָז, אַוועקרויבנדיק זיך די אייגענע עקזיסטענץ. מ׳קאָן דאָ כמעט נישט אַנטשיידן, וועלכער מעגלעכקייט מ׳זאָל געבן דעם יתרון; צי דער גרעניצלאָזער ליגנערישקייט, וועלכע איז עלול אויפצוהויבן די פאָן אַפילו פון דעם פאַר איר פרעמדסטן, *אַסקעטישן* אידעאַל; אָדער דער אומפאַרשעמטער באַוווּנדערונג פאַר דעם אויסגעלאַסענעם פאַרשוין, אין וועמעס אָרעמס עס וואַרפט זיך די פרוי.

היות אָבער ווי אַלע ווירקלעכע פאַרלאַנגען פון דער פרוי זענען איןביידע פאַלן אויף אַ גלייכן אופן גערייכטעט דערויף, צו מאַכן דעם מאַנסביל שולדיק, ליגט בכן דערין דער הויפּט־פּראָבלעם פון דעם פרויענפראַגע: און אין דאָזיקן זינען

*) ווי, למשל, לאורא מאַרהאָלם.

איז זי פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פראַגע פון דער מענטשהייט.

פרידריך ניטשע זאָגט אין איין שטעל פון זיינע שריפטן: „שטרויכלען זיך אינם גרונט-פראָבלעם „מאַנסביל און פרוי”, אָפּלייקענען דאָ דעם תּהומישסטן אַנטאַגאָניזם און די נויטווענדיקייט פון אַן אייביק-פיינטלעכער שפּאַנונג, און טרוימען דאָ אפשר וועגן גלייכע רעכט, גלייכער דערציונג, גלייכע פּרעטענזיעס און התחייבותן: דאָס איז אַ טיפּישער צייכן פון פלאַכקעפּיקייט, און אַ דענקער, וועלכער האָט זיך אין דאָזיקן געפערלעכסטן אָרט אַרויסגעוויזן פאַר פלאַך — פלאַך אין אינסטינקט! — דאַרף איבערהויפּט אָנגיין פאַר פאַרדעכטיק, מער נאָך, פאַר דעמאַסקירט, פאַר אויפגעדעקט: וואַרשיינלעך וועט ער בנוגע אַלע גרונטפראַגעס פון לעבן, אויך פון צוקונפטיקן לעבן, האָבן אַ צו „קורצן אָטעם” און נישט זיין בכוח זיך אַריינצולאָזן אין קיין שום טיפקייט. אַ מענטש דערקעגן, וועלכער פאַרמאָגט טיפקייט, אין זיין גייסט ווי אין זיינע אינסטינקטן, אויך יענע טיפקייט פון דער גינציקייט, וועלכע איז פעיק צו האַרטער שטרענגקייט און ווערט מיט איר לייכט פאַרטוישט, קאָן איבער דער פרוי דענקען תּמיד נאָר אָריענטאַליש: — ער מוז באַנעמען די פרוי אַלס באַזיץ, אַלס פאַרשליסבאַר אייגנטום, אַלס עפּעס פאָרבאַשטימטס צו דינסטבאַרקייט און וואָס געפינט אויך דערין זיין תּיקון — ער מוז זיך דאָ שטיצן אויף דעם אומגעהויערן פאַרשטאַנד פון אַזיע, אויף איר אינסטינקט-איבערגעוויכט, ווי דאָס האָבן אַמאָל געטון די גריכן, דידאָזיקע בעסטע יורשים און תּלמידים פון אַזיע — וועלכע זענען, כּידוע, פון האָמערן ביז צו די צייטן פון פעריקלעסן, צוזאַמען מיטן שטייגן פון דער קולטור און דער פאַרברייטערונג פון זייער קראַפט, געוואָרן טריט בײַ טריט אויך שטרענגער לגבי דער פרוי, מיט איין וואָרט: מער אָריענטאַליש. ווי נויטוועגדיק, ווי לאָגיש, ווי מענטשלעך-געווונטשן אַפילו דאָס איז געווען, זאָל מען וועגן דעם בײַ זיך נאָכדענקען!”

דער אינדיווידואַליסט דענקט דאָ דורכויס סאָציאַל-עטיש: זיין טעאָריע פון קאַסטעס און גרופּעס, זיין פאַרשליסונגס-טעאָריע צעשטערט דאָ, ווי דאָס געשעט אַזוי אָפט בײַ אים, די אויטאָנאָמיע

פון זיין מאָראַל-לערע. מחמת ער וויל אין אינטערעס פון דער געזעלשאַפט און דער שטערונגסלאָזער רו פון די מענער אַוועקשטעלן די פרוי אונטער אַזאַ מאַכט-פאַרהעלטעניש, אַז זי זאָל שוין צומאָל קיין פּיפּס נישט טון מכוח עמאַנציפּאַציע, און אַפילו מער נישט אַרויסשטעלן יענע ליגנערישע און אומעכטע פריי-הייטס-פאָדערונג, פאַר וועלכער עס קעמפן די היינטיקע פרויען-רעכטלערינס: וועלכע אַנען כלל נישט אין וואָס עס באַשטייט אייגנטלעך די אומפרייהייט פון דער פרוי און וואָס עס זענען אירע סיבות.

אָבער ניטשען האָב איך ציטירט נישט צוליב דעם, כדי אים צו כאַפּן אויף אַן אומקאָנסעקווענץ; נאָר כדי להיפך צו זיינע ווערטער צו דערווייזן, ווי דער פּראָבלעם פון דער מענטשהייט איז נישט לייזבאַר אָן דער לייזונג פון דעם פרויען-פּראָבלעם. מחמת ווען עס שיינט צו זיין צו גוזמאדיק די פאָדערונג, אַז דער מאַנסביל באַדאַרף אַכטן די פרוי צוליב דער אידעע, צוליב דעם נאָומענאָן, און נישט באַנוצן זיך מיט איר אַלס מיטל צו אַ מחוץ איר געלעגענעם צוועק, אַז ער דאַרף איר דערפאַר אָנערקענען די גלייכע רעכט, אָבער אויך די גלייכע פליכטן (פון דער זיטלעכער און גייסטיקער זעלבסט-בילדונג) ווי זיך גופא: דער זאָל אַ טראַכט טון, אַז דער מאַנסביל קאָן נישט לייזן דעם עטישן פּראָבלעם פאַר זיין אייגענער פּערזאָן, וויבאַלד ער נעגירט אַלץ ווייטער אין דער פרוי די אידעע פון דער מענטשהייט, באַנוצנדיק זי נאָר אַלס מיטל צום געניס. דער קאָיטוס איז אין גאַנצן אַזיאַטיזם דער שכ-ר, וועלכן דער מאַן מוז באַצאָלן דער פרוי פאַר איר אונטערדריקונג. און ווי זייער דאָס זאָל נישט כאַראַקטעריזירן די פרוי, וואָס פאַרן דאָזיקן פּרייז איז זי גרייט זיך אונטערצוּוואַרפן דעם ערגסטן שקלאַווישן יאָך, דאַרף פונדעסטוועגן דער מאַנסביל נישט איינגיין אויפן דאָזיקן האַנדל, ווייל אויך ער באַגייט דאַן מאָראַליש אַן עוולה.

ובכן, אַפילו טעכניש איז דער מענטשהייטס-פּראָבלעם

נישט לייזבאַר פאַר דעם מאַנסביל אַליין; ער מוז די פרוי מיטנעמען, ווען ער זאָל אַפילו נאָר זיך וועלן דערלייזן, ער מוז זיך באַמיען זי צו באַוועגן צום מוותר זיין אויף אירע אומזיטלעכע כוונות לגבי אים. זי מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם קאָיטוס פרייוויליק, אינערלעך און אויפריכטיק. און דאָס באַטייט פאָלגנדיקס: די פרוי מוז אַלס אַזעלכע אונטערגיין, און כל־זמן דאָס וועט נישט געשען, איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט פאַר אַן אויפשטעלונג פון גאָטס־קיניגרייך אויף דער ערד. דערפאַר האָבן פיטאַגאָראַס, פּלאַטאָן, דאָס קריסטנטום (להיפך צום יידנטום), טערטוליאַן, סוויפט, וואַגנער, איבסען אַרויסגעטרעטן פאַר די באַפרייונג, פאַר די דערלייזונג פון דער פרוי, נישט פאַר די עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי פונם מאַנסביל, נאָר פאַר די עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי פון איר גופא. און אין אַזאַ געזעלשאַפט צו טראָגן דעם חרם פון ניטשען איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך.

מיט די אייגענע כוחות וועט אָבער דער פרוי שווער זיין צו דערגרייכן דעמדאָזיקן ציל. דער פונק, וועלכער טליעט אין איר אַזוי שוואַך, מוז זיך כסדר אָנצינדן בײַ דעם פייער פונם מאַנסביל: דער ביישפיל מוז געגעבן ווערן. אַזאַ ביישפיל האָט געגעבן קריסטוס; ער האָט דערלייזט מאַגדאַלענע. ער האָט זיך צוריקגעקערט צום דאָזיקן מאָמענט פון זיין פאַרגאַנגענהייט און האָט אויך אים אויסגעקויפט. וואַגנער, דער גרעסטער מענטש זינט קריסטוסן, האָט אויך דאָס צום אינערלעכסטן פאַרשטאַנען: כל־זמן די פרוי וועט נישט אויפהערן צו עקזיסטירן פאַרן מאַן אַלס פרוי, קאָן זי אויך אַליין נישט אויפהערן צו זיין פרוי; קונדרי קאָן באַפרייט ווערן פון קלינגסאָרס קללה נאָר דורכן זינדלאָזן, אומבאַפלעקטן פאַרסיפאַל. אַזוי דעקט זיך דידאָזיקע פסיכאָלאָגישע דעדוקציע מיט דער פילאָזאָפישער, פונקט ווי זי שטימט אויך דאָ פולשטענדיק מיט וואַגנערס פאַרסיפאַל, דער טיפסטער דיכטונג פון דער וועלט־ליטעראַטור. יעטוועדע מאַטעריע האָט נאָר אַזויפיל עקזיסטענץ, וויפל עס מאַכט אויס דער שולד־סכום אין אוניווערס: אויך די פרוי וועט לעבן אַזוי לאַנג נאָר, ביז

דער מאַנסביל וועט אינגאַנצן אויסקויפּן זיין שולד, ביז ער וועט זיין אַ יי ג ע נ ע סעקסואַליטעט באמת גובר זיין.

נאָר אַזויערנאָך ווערט דערליידיקט די אייביקע טענה קעגן אַלע אַנטיפעמיניסטישע טענדענצן: די פרוי, אַ וואָסערע זי זאָל נישט זיין, עקזיסטירט איין פאַר אַלעמאָל, זי איז אומפאַרענדערלעך. מיט איר עקזיסטענץ מוז מען שלום מאַכן; דער קאַמף נוצט לגמרי נישט, ווייל ער קאָן נישט באַזייטיקן גאָרנישט. מיר האָבן אָבער אויפגעוויזן, אַז די פרוי איז גאָרנישט און שטאַרבט אין דעם אויגנבליק, ווען דער מאַנסביל דרינגט זיך געזעגענען דורך מיטן דאָרשט נאָך ז יי ן. דאָס, קעגן וועלכן ס'ווערט געפירט דער קאַמף, איז נישט קיין זאַך פון אייביק אומפאַרענדערלעכער עקזיסטענץ און עסענץ: דאָס איז עפּעס, וואָס קאָן און דאַרף ווערן אונטערגעבראָכט.

די אַלטע בתולה איז טאַקע די פרוי, וועלכע טרעפט שוין נישט אָן אויף דעם מאַנסביל, וואָס זאָל זי באַשאַפן; זי גייט בכן אויך צוגרונט; און די אַלטע פרוי איז אַלץ בייזער, וואָס מער זי איז אַלטע בתולה. וויבאַלד דער מאַנסביל און די דורך אים געשאַפענע פרוי באַגעגענען זיך ווידער אין שלעכטן, טאָ מוזןביידע שטאַרבן; באַגעגענען זיי זיך אין גוטן ווידער, דאַן געשעט דער נס.

נאָר אַזוי קאָן געלייזט ווערן די פרויען-פראַגע דורך דעם, וועלכער האָט זי פאַרשטאַנען.

דידאַזיקע לייזונג וועט מען געפינען פאַר אוממעגלעך, איר גייסט פאַר עקזאַלטירט, אירע טענות פאַר איבערגעטריבן, אירע פאָדערונגען פאַר אומגעדולדיקע. און אין תוך געגומען: וועגן דער פרויען-פראַגע, וועגן וועלכער עס רעדן די פרויען, איז שוין דאָ לאַנג די רייד נישט מער; עס האַנדלט זיך וועגן יענער פראַגע, וועגן וועלכער די פרויען ש וו ײ ג ן, מ ו ז ן אייביק שווייגן: וועגן דער א ו מ פ ר ײ ה ײ ט, וועלכע ליגט אין דער ג ע ש ל ע כ ט ל ע כ ק ײ ט. ד י ד אַ ז י ק ע פרויען-פראַגע איז אַזוי אַלט ווי דאָס געשלעכט, און נישט יונגער ווי די מענטשהייט. און דער ענטפער אויף איר: דער מאַנסביל מוז זיך דערלייזן פונם געשלעכט, און אַזויערנאָך, נאָר אַזויערנאָך דערלייזט ער די פרוי. בלויז זיין צניעות, נישט

ווי זי מיינט, זיין אומצניעות׳ איז איר ישועה. וואָס אַן אמת גייט זי, אַלס פרוי, אַזוינאָך אונטער: אָבער נאָר, כדי זיך אויפצוהויבן פון אש ניי, פאַריונגערט,! אַלס דער רײנער מענטש.

דערפאַר וועט די פרויען-פראַגע דויערן, כל-זמן ס׳וועלן עקזיסטירן צוויי געשלעכטער, און נישט פריער פאַרשווינדן ווערן ווי דער פראָבלעם פון דער מענטשהייט. אין דאָזיקן גייסט האָט קריסטוס, לויט דער צייגניש פון קירכן-פאָטער קלעמענס, גערעדט צו סאַלאָמע, אָן יענער אָפּטימיסטישער פאַרשענערונג, וועלכע ס׳האָבן שפּעטער אויסגעפונען פאַרן געשלעכט פויל און לוטער: אַזוי לאַנג וועט דער טויט דויערן, כל-זמן פרויען וועלן געבוירן, און נישט פריער וועט דער אמת געזען ווערן׳ ביז פון צוויי וועט ווערן איינס׳ פון מאַנסביל און פרוי — עפּעס אַ דריטס, וואָס וועט נישט זיין נישט מאַנסביל, נישט פרוי.

*

דערמיט ערשט, פון דעם העכסטן שטאַנדפּונקט פון דער פרויען-פראַגע אַלס דעם מענטשהייטס-פּראָבלעם, איז די פאָדערונג פון אָפּהאַלטעוודיקייט פאַר ביידע געשלעכטער פולשטענדיק באַגרינדעט. אַרויספירן זי פון די געזונטהייטס-שעדלעכע פאָלגן פון פאַרקער איז אַ פלאַכקייט, וועלכע די מליצים פון קערפּער וועלן אייביק אָפּשפּאַרן; באַגרינדן זי אויף דער אומזיטלעכקייט פון דער תאווה איז פאַלש, מחמת אַזויערנאָך ווערט אַריינגעפירט אַ העטעראָנאָמישער מאָטיוו אין די עטיק. שוין אויגוסטינען, וועלכער דאָט געפּרעדיקט די צניעות צווישן מענטשן, איז אויסגעקומען צו הערן די טענה, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט די מענטשהייט אין גאָר אַ קורצער צייט פאַרשוונדן געוואָרן פון דער ערד. אין דערדאָזיקער מערקווירדיקער מורא, פאַר וועלכער די שרעקלעכסטע זאַך שיינט צו זיין דער געדאַנק, אַז דער מין קאָן חלילה אויסשטאַרבן, שטעקט נישט בלויז עקסטער אומגלויבן

אין דער אינדיווידועלער אומשטערבלעכקייט און אין אַן אייביק לעבן פון דער זיטלעכער אינדיווידואַליטעט, זי איז נישט באַר פאַרצווייפלט אירעליגיעז: מען באַווייזט מיט איר צוגלייך די אייגענע קליינמוטיקייט און אומפעיקייט צו לעבן מחוץ דער טשערעדע. ווער עס דענקט אַזוי, קאָן זיך נישט פאָר־שטעלן די ערד אָן דעם געווימל און געשוויבל פון די מענטשן אויף איר, אים כאַפּט אַרום אַ פחד נישט אַזוי זייער פאַר דעם טויט, ווי פאַר דער איינזאַמקייט. וואָלט די אין זיך אומשטערבלעכע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט געהאַט גענוג קראַפט אין אים, דאַן וואָלט ער באַזעסן מוט צו קוקן דערדאָזיקער קאָנסעקווענץ אין די אויגן אַריין; ער וואָלט זיך נישט געשראָקן פאַרן פיזישן טויט און וואָלט נישט געזוכט, אָנשטאָט דעם אים פעלנדיקן גלויבן אין דעם אייביקן לעבן, דעם יעמערלעכן סוראָגאַט אין דער זיכערקייט פון אַ ווייטער־דיקן קיום פונם מין. די פאַרניינונג פון דער סעקסואַליטעט טויט בלויז דעם קערפּערלעכן מענטש, און נאָר אים, כדי ערשט צו געבן דעם פולן דאָזיין דעם גייסטיקן מענטש.

דערפאַר קאָן עס אויך נישט זיין קיין זיטלעכע פליכט צו זאָרגן פאַר דעם קיום המין, ווי מ׳הערט עס אַזוי אָפט באַ־הויפּטן. דאָס איז אַן אויסרייד פון אַן אומגעהויער פרעכן שקר, וועלכער וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן, אַז כ׳האָב מורא זיך לעכערלעך צו מאַכן דורך די פראַגע, צי האָט שוין אַמאָל עמיץ אויסגעפירט דעם קאָיטוס מיט דעם געדאַנק, אַז ער איז מחויב צו באַזייטיקן די גרויסע געפאַר פון אונטערגאַנג פון דער מענטשהייט; אָדער צי האָט עמיצער זיך אַמאָל געהאַלטן באַרעכטיקט פאָרצוואַרפן דעם צניעותדיקן מענטשן, אַז ער האַנדלט אוממאָראַליש? יעטוועדע fécondité (* איז באָר עקלהאַפט; און קיין שום מענטש האַלט נישט פאַר זיין חוב צו זאָרגן פאַר די דויערנדיקע עקזיסטענץ פון מענטשלעכן מין. אָבער דאָס, וואָס דער מענטש פילט נישט אָפּ אַלס זיין פליכט, איז כלל נישט קיין פליכט.

להיפך: ס׳איז אוממאָראַליש צו מאַכן אַ מענטשלעך וועזן צום פועל־יוצא פון אַ געוויסער סיבה, צו געבוירן עס אַלס עפּעס

*) פרוכפּערונג.

באַדינגטס, ווי דאָס איז מחייב די עלטערנשאַפט; און דער מענטש איז אין טיפסטן תוך נאָר דערפאַר אומפריי און דעטערמינירט לעבן זיין פרייהייט און ספּאָנטאַנישקייט, ווייל ער איז אַנטשטאַנען אויפן דאָזיקן אומזיטלעכן אופן. דער אייביקער קיום פון דער מענטשהייט איז לגמרי נישט אין די אינטערעסן פון שכל; ווער עס וויל פאַראייביקן די מענטשהייט, דער וויל פאַראייביקן אַ פּראָבלעם און אַ שולד, דעם איינציקן פּראָבלעם, די איינציקע שולד, וועלכע זענען נאָר פאַראַן. דער ציל איז דאָך גראָד די גאָטהייט, און דאָס פאַרגיין פון דער מענטשהייט אין דער גאָטהייט; דער ציל איז די ריינע פונאַנדערגרעניצונג צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן עפּעס און גאָרנישט. די מאָראַלישע סאנקציע בכן, וועלכע מ'האָט געפּרוווט צו געבן דעם געשלעכטס-אַקט (און אין וועלכער ער נויטיקט זיך בלי-ספק שטאַרק), צוטראַכטנדיק אַן אידעאַלן קאָיטוס, אין וועלכן עס קומט בלויז אין באַטראַכט די פאַרמערונג פון מענטשלעכן מין — דידאָזיקע ליבעפולע פאַרצירונג ווייזט זיך אַרויס אַלס אַן אומגענוגנדיקער שוץ: מחמת דער כלומרשט אים דערלויבנדיקער און הייליקנדיקער מאָטיוו איז נישט נאָר קיין געבאָט, וואָס שטעקט אין מענטש אַלס אימפּעראַטיוו, נאָר איז גיכער אַליין אַ מאָראַליש אומווירדיקער אימפּולס. ,מחמת דעם מענטש, פון וועלכן מען ווערט פאָטער און מוטער, פרעגט מען קיינמאָל נישט וועגן זיין הסכמה. וואָס שייך דעם אַנדערן קאָיטוס, באַ וועלכן די מעגלעכקייט פון אַ באַפרוכפערונג ווערט קינסטלעך באַזייטיקט, פאַלט אַוועק אויך דידאָזיקע, אַזוי שוואַך באַגרינדעטע רעכטפערטיקונג.

ובכן, איז דער קאָיטוס סותר אין יעדן פאַל די אידעע פון דער מענטשהייט; נישט ווייל אַסקעטיזם איז פליכט, נאָר קודם-כל, ווייל די פרוי וויל אין אים ווערן אָביעקט, זאַך, און דער מאַנסביל טוט איר דאָ באמת די געפעליקייט און זעט אין איר בלויז אַ זאַך, נישט קיין לעבעדיקן מענטש, מיט אינערלעכע, פסיכישע איבערלעבענישן. דערפאַר פאַראַכט אויך דער מאַנסביל די פרוי תיכף, קוים האָט ער זי נאָר באַנוצן, און די פרוי פ י ל ט, אז זי ווערט דאַן פאַראַכט, הגם מיט צוויי מינוט פריער איז זי געווען פאַרגעטערט.

דער מענטש קאָן רעספּעקטירן אין צווייטן מענטש נאָר די אידעע, די אידעע פון דער מענטשהייט; אין דער פאַראַכטונג פון דער פרוי (און פון זיך גופא), וועלכע אַנטשטייט נאָך דעם קאָיטוס, ליגט דער זיכערסטער באַווייז, אַז דאָ איז אָנגעגריפן געוואָרן די אידעע. און ווער עס קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס מיר מיינען דאָ אונטער דערדאָזיקער קאַנטישער אידעע פון דער מענטשהייט, דער זאָל עס זיך וויניקסטנס צום באַוווּסטזיין ברענגען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן זיינע שוועסטערן, זיין מוטער, זיינע ווייבלעכע קרובות: צוליב אונזערטוועגן גופא דאַרף די פרוי באַהאַנדלט ווערן אַלס מענטש, געאַכט און נישט דערנידריקט ווערן, ווי דאָס געשעט דורך יעטוועדע סעקסואַליטעט.

אָבער דער מאַנסביל וועט ערשט דאַן אימשטאַנד זיין באמת צו ערן די פרוי, ווען זי אַליין וועט אויפהערן צו וועלן זיין פאַרן מאַנסביל אָביעקט און מאַטעריע, ווען זי וועט אָנהויבן שטרעבן צו דער אייגנטלעכער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי, און נישט צו דער עמאַנציפּאַציע פון דער זוגה. ס'איז נאָך קיינמאָל אָפן נישט געזאָגט געוואָרן, ווו מ'דאַרף אויסשליסלעך זוכן די אונטערטעניקייט פון דער פרוי: אין דער סווערענער, פאַרגעטערטער מאַכט, וועלכע עס באַזיצט איבער איר דער פאַלוס פונם מאַנסביל. דערפאַר האָבן תּמיד נאָר די מענער אויפריכטיק געוואָלט די פרויען-עמאַנציפּאַציע. נישט גאָר סעקסועלע, נישט גאָר ליבעס-באַדערפטיקע, נישט גאָר טיפבליקנדיקע, אָבער איידלע און פאַר דער גערעכטיקייט באַגייסטערטע מענער, — דערין קאָן קיין שום ספק נישט זיין. איך וויל נישט פאַרשענערן די עראָטישע מאָטיוון פונם מאַנסביל, און זיין אַנטיפּאַטיע צו דער „עמאנציפּירטער פרוי" מאַכן קלענער, ווי זי איז: ס'איז גלייכער צו לאָזן זיך מיטציען, ווי געטע, איידער איינזאַם צו שטייגן, כּסדר צו שטייגן, ווי קאַנט. אָבער זייער פיל דערשיינונגען, וואָס ווערן אויסגעטייטשט אַלס שנאה צו דער עמאַנסציפּאַציע מצד דעם מאַנסביל, זענען אינדעראמתן נאָר אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי און צווייפל אין איר מעגלעכקייט. דער מאַנסביל וויל נישט די פרוי אַלס

שקלאַווין, ער זוכט גענוג אָפּט קודם-כל אַ חברטע, וועלכע זאָל אים פאַרשטיין.

נישט אַזאַ דערציונג, ווי די פרוי באַקומט היינט, איז די אַנטשפּרעכנדיקע פּאָרברייטונג, כּדי צו פאַרלייכטערן דער פרוי דעם אַנטשלוס גובר צו זיין אין זיך איר אמתדיקע אומ־פרייהייט. דאָס לעצטע מיטל פון דער מוטערלעכער פּעדאַגאָגיק איז דאָס דראָען דער טאָכטער, וועלכע פאָלגט זי נישט אין וועלכער ס'איז זאַך, אַז זי וועט נישט באַקומען קיין מאַן. די דערציונג, וועלכע פאַלט אויס אויפן חלק פון די פרויען, איז קיין זאַך נישט אויסן, ווי נאָר זייער פאַרמעקלערונג, אין וועמעס גליקלעכער דערליי־דיקונג זי געפינט איר תיקון. אויפן מאַנסביל איבן אַזעלכע איינפלוסן אויס אַ גאַנץ קנאַפּע ווירקונג; אָבער די פרוי ווערט דורך אַזאַ דערציונג נאָך מער באַפעסטיקט אין איר ווייבלעכקייט, אומזעלבשטענדיקייט און אומפרייהייט.

די דערציונג פון דער פרוי מוז אַרויסגענומען פון די הענט פון דער פרוי, די דערציונג פון דער גאַנצער מענטשהייט — פון די הענט פון דער מוטער.

דאָס וואָלט געווען דער ערשטער תנאי, וועלכער וואָלט געמוזט דערפילט ווערן, כּדי צו שטעלן די פרוי אין דינסט פון דער מענטשהייטס-אידעע, קעגן וועלכער קיינער האָט נישט, אַזוי ווי זי, פון תחילת אָן אַקעגנגעווירקט.

*

אַ פרוי, וועלכע זאָל באמת רעזיגנירן, וועלכע זאָל אין זיך אַליין זוכן די רו, אַזאַ פרוי וואָלט שוין נישט געווען קיין פרוי. זי וואָלט אויפגעהערט צו זיין פרוי, זי וואָלט צו איר אויסערלעכן טויף אָנגענומען לסוף דער אינערלעכן טויף.

קאָן דאָס פאָרקומען?

נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע פרוי — און דאָך שיינט אונז דער פּאָזיטיווער ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע ווי די באַשטעטיקונג פון עפּעס אַ נס.

גליקלעכער וועט די פרוי נישט ווערן דורך אַזאַ עמאַנ־ציפּאַציע: קיין דערלייזונג קאָן זי איר נישט צוזאָגן, און דער וועג צו גאָט איז נאָך ווייט. קיין שום ווען, וואָס געפינט זיך צווישן פרייהייט און אומפרייהייט, קען נישט דאָס גליק. צי וועט זיך אָבער די פרוי קאָנען אַנטשליסן אויפצוגעבן די שקלאַוועריי, כדי צו ווערן א ו מ ג ל י ק ל ע ך.

דאָ קאָן זיך נישט באַלד האַנדלען וועגן דעם, צו מאַכן די פרוי הייליק; די פראַגע באַשטייט גיכער דערין: צי קאָן די פרוי ערלעך דערלאַנגען צום פּראָבלעם פון איר דאָזיין, צום באַגריף פון דער ש ו ל ד? צי וועט זי ווייניקסטנס ו ו ע ל ן די פרייהייט? דאָ גייט בלויז וועגן דער דורכזעצונג פונם אידעאַל, וועגן דערבליקן דעם לייט־שטערן. בלויז וועגן דעם: צי קאָן אין דער פרוי אויפלעבן דער קאַטעגאָרישער אימפעראַטיוו? צי וועט זיך די פרוי שטעלן אונטער דער זיטלעכער אידעע, אונטער דער א י ד ע ע פ ו ן ד ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט?

מחמת בלויז דאָס וואָלט געווען פרויען־עמאַנציפּאַציע.

אינהאַלט פון דער צווייטער טייל

די סעקסועלע טיפּן

קאַפּיטל I: מאַנסביל און פרוי — — 125

ביסעקסואַליטעט און אוניסעקסואַליטעט. מען איז מאַנסביל אָדער פרוי. דאָס פּראָבלעמאַטישע אין דאָזיקן זיין און די הויפּטשוועריקייט פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע. דער עקספּערימענט, דער עמפּינדונגס-אַנאַליז און די פּסיכאָלאָגיע. דילטעי. באַגריף פון עמפּירישן כאַראַקטער. ציל און נישט-ציל פון דער פּסיכאָלאָגיע. כאַראַקטער און אינדיווידואַליטעט. פּראָבלעם פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע און פּראָבלעם פון די געשלעכטער.

קאַפּיטל II: מענלעכע און ווייבלעכע סעקסואַליטעט — 135

פּראָבלעם פון אַ ווייבלעכער פּסיכאָלאָגיע. דער מאַנסביל אַלס פּסיכאָלאָג פון דער פרוי. אונטערשידן אין „געשלעכטס-דראַנג“. „קאָנטרעקטאַציע“ און

„דעטומעסצענץ-דראַנג". אינטענסיוויטעט און אַקטי-
וויטעט. סעקסועלע רייצבאַרקייט פון דער פרוי.
ברייטערע ספערע פון סעקסואַל-לעבן בא פ. געשלעכט-
לעכע אונטערשידן אין עמפינדן פון דער געשלעכט-
לעכקייט. אָרטלעכע און צייטלעכע אָפּזונדערונג פון
דער מענלעכער סעקסואַליטעט. אונטערשידן אין
באַוווסטזיינס-גראַד פון דער סעקסואַליטעט.

קאַפּיטל III: מענלעך און ווייבלעך
באַוווסטזיין — 149

עמפינדונג און געפיל. זייער פאַרהעלטעניש. אַווע-
נאַריוס׳ איינטיילונג אין „עלעמענטן" און „כאַראַק-
טערן". אויף אַ פריסטן סטאַדיום נאָך נישט דורכ-
פירבאַר. פאַרקערטע פאַרהעלטעניש צווישן געניקייט
און כאַראַקטעריזירונג. פּראָצעס פון דער לייטערונג.
אַנונגען. גראַדן פון פאַרשטיין. פאַרגעסן. וועגדורכ-
לייג און אַרטיקולאַציע. באַגריף פון דער „הענידע".
די הענידע אַלס די איינפאַכסטע פסיכישע דאַטע.
געשלעכטלעכער אונטערשיד אין דער אַרטיקולאַציע
פון די אינהאַלטן. סענסיביליטעט. אורטיילס-זיכער-
קייט. דאָס אַנטוויקלטע באַוווסטזיין אַלס מענלעכער
געשלעכטס-כאַראַקטער.

קאַפּיטל IV: באַגאַבונג און געניאַליטעט — 166

זשעני און טאַלאַנט. געניאַל און גייסטרייך. פאַר-
שטענדעניש פאַר מער מענטשן. וואָס עס הייסט:
פאַרשטיין אַ מענטש? גרעסערע קאָמפּליצירטקייט
פון זשעני. פּצריאָדן אין פסיכישן לעבן. קיין פּחיתת-
הכבוד פון באַדייטנדיקע מענטשן. פאַרשטיין און
באַמערקן. אינערלעכער צוזאַמענהאַנג פון ליכט און
וואַכיקייט. ענדגילטיקע פעסטשטעלונג פון די באַ-
דינגונגען פון פאַרשטיין. אַלגעמיינערע באַוווסטזיניקייט
פון זשעני. גרעסטע דערווייטערונג פון הענידן-
סטאַדיום; פונדאַנען העכערער גראַד פון מענלעכקייט.

נאָר אוניווערסאַל-זשעניס. פ אומגעניאַל און אַן העלדן-
פאַרערונג. באַגאַבונג און געשלעכט.

קאַפּיטל V: באַגאַבונג און זכרון — 184

אַרטיקולאַציע און רעפּראָדוצירבאַרקייט. זכרון פאַר איבערלעבעניש אַלס סימן פון דער באַגאַבונג. דערינערונג און אַפּערצעפּציע. אָנווענדונגען און אויספירן. פעיקייט פון פאַרגלייכן און אָקעגנשטעלן. טעמים פאַר דער מענלעכקייט פון דער מוזיק. צייכענונג און פאַרב. גראַדן פון דער געניאַליטעט; דאָס פאַרהעלטעניש פונם גאון צום אומגעניאַלן מענטש. זעלבסטביאָגראַפיע. אידעע-פיקסן. דערינערונג אָן דאָס זעלבסטגעשאַפענע. קאָנטינויִרלעכער און דיסקאָנטינויִרלעכער זכרון. איינהייט פון ביאָגראַפישן זעלבסטבאַוווסטזיין נאָר בא מ. כאַראַקטער פון די ווייבלעכע דערינערונגען. קאָנטינויִטעט און פיעטעט. פאַרגאַנגענהייט און גורל. עבר און עתיד. אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש. ביזאַהעריקע פסיכאָלאָגישע דערקלערונגס-פּרוּוון. אמתער וואָרצל. אינערלעכע אַנטוויקלונג פונם מענטש ביז צום טויט. אַנטאָגענעטישע פסיכאָלאָגיע אָדער טעאָרעטישע ביאָגראַפיע. די פרוי אָן יעדן אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש. — פאָרשריט צום טיפערן אַנאַליז פון צוזאַמענהאַנג מיטן זכרון. זכרון און צייט. פאָסטולירונג פון צייטלאָזן. ערשטער געזעץ פון דער ווערטטעאָריע. באַווייזן. אינדיווידואַציע און דויער אַלס קאָנסטיטוטיוו פאַר דעם ווערט. ווילן צום ווערט. דאָס אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש אַלס ספּעציעלער פאַל. אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש פון זשעני, צונויפפאַלנדיק מיט זיין צייטלאָזיקייט דורך זיין אוניווערסאַלן זכרון און די אייביקע דויער פון זיינע ווערק. דער גאון און די געשיכטע. דער גאון און די נאַציע. דער גאון און די שפּראַך. די „מענער פון טאַט״ און די „מענער פון וויסנשאַפט״ האָבן

נישט קיין רעכט אויפן טיטול זשעני; אַנדערש דער פילאָזאָף (רעליגיע-שעפער) און קינסטלער.

קאַפּיטל VI: זכרון, לאָגיק, עטיק — 229

פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיזם. ווירדע פון זכרון. איבונגס-און אַסאָציאַציע-לערעס. פּאַרטוישונג מיט דעם ווידערדערקענען. זכרון נאָר דעם מענטשן אייגנטימלעך. מאָראַלישע באַדייטונג. ליגנט און צורעכענונג. איבערגאַנג צו דער לאָגיק. זכרון און אידענטיטעטס-פּרינציפּ. זכרון און פּרינציפּ פון גענוגנדיקן גרונט. די פּרוי אַלאָגיש און אַמאָראַליש. אינטעלעקטועל און זיטלעך געוויסן: אינטעליגיבלער איך.

קאַפּיטל VII: לאָגיק, עטיק און דער איך — 247

די קריטיקער פונם איך-באַגריף: יום, ליכטענבערג, מאַך. דער מאַכישער איך און די ביאָלאָגיע. אינדיווידואַציע און אינדיווידואַליטעט. לאָגיק און עטיק אַלס עדות לטובת דער עקזיסטענץ פונם איך. — ערשטנס, די לאָגיק: די פּרינציפּן פון אידענטישקייט און סתירה. זייער נוצן און באַדייטונג. דער לאָגישער אַקסיאָם אַלס אידענטיש מיט דער באַגריפלעכער פונקציע. דעפיניציע פון דעם לאָגישן באַגריף אַלס נאָרם פון דער עסענץ. די לאָגישע אַקסיאָמען. עקזיסטענץ אַלס דאָס אַבסאָלוטע זיין אָדער דאָס זיין אַלס אַבסאָלוטער איך. קאַנט און פיכטע. לאָגישקייט אַלס נאָרם. דענק-פרייהייט לעבן ווילנס-פרייהייט. — צווייטנס, די עטיק. צורעכענונג. דאָס פאַרהעלטעניש פון דער עטיק צו דער לאָגיק. די פאַרשידנקייט פון די סוביעקט-באַוויזן אין דער לאָגיק און עטיק. די דורכלאָזונג פון קאַנטן. די זאַכלעכע און פּערזענלעכע טעמים פון דערדאָזיקער דורכלאָזונג. צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דער קאַנטישער עטיק. קאַנט און ניטשע.

קאַפּיטל VIII : איך-פּראָבלעם און
געניאַליטעט — 265

די כאַראַקטעראָלאָגיע און דער גלויבן אין דעם איך. דאָס איך געשעעניש: זשאַן פּאָל, נאָוואַליס, שעלינג. איך-געשעעניש און וועלטאַנשויונג. זעלבסטבאַוווסטזיין און פאַראייגענונג. דעם זשעניס אַנשויונג ווערט העכער געשעצט, איידער די אַנשויונגען פון פּשוטע מענטשן. ענדגילטיקע פעסטשטעלונגען וועגן דעם באַגריף פון זשעני. די געניאַלע פּערזענלעכקייט אַלס דער אַלבאַוווסטזיניקער מיקראָקאָסמאָס. נאַטירלעך-סינטעטישע און חושימפּולע טעטיקייט פון זשעני. באַדייטונג און סימבאָלן. דעפיניציע פון זשעני אין פאַרהעלטעניש צום געוויינלעכן מענטש. אוניווערסאַלישקייט אַלס פרייהייט. זיטלעכקייט אָדער אומזיטלעכקייט פון זשעני? פליכטן לגבי זיך און לגבי אַנדערע. וואָס ס׳איז אַזוינס פליכט לגבי אַנדערע. קריטיק פון דער סימפּאַטיע-מאָראַל און דער סאָציאַלער עטיק. פאַרשטענדעניש פונם נעבנמענטש אַלס איינציקע פאָדערונג פון דער זיטלעכקייט, ווי פון דער דערקענטעניש. איך און דו. אינדיווידואַליזם און אוניווערסאַליזם. זיטלעכקייט נאָר צווישן מאָנאַדן. דער געניאַלסטער מענטש אַלס דער זיטלעכסטער מענטש. פאַרוואָס דער מענטש איז ζῷον πολιτικόν. באַוווסטזיין און מאָראַליטעט. דער „גרויסער פאַרברעכער". געניאַליטעט אַלס פליכט. זשעני און פאַרברעכן, זשעני און משוגעת. דער מענטש אַלס שעפער פון זיך גופא.

קאַפּיטל IX: מענלעכע און ווייבלעכע פּסיכאָלאָגיע — 300

נשמהלאָזיקייט פון דער פרוי. געשיכטע פון דער דאָזיקער דערקענטעניש. די פרוי גענצלעך אומגעניאַל. נישטאָ קיין מענלעכע פרויען אין שטרענגן זינען. אומבאַגריפלעכע נאַטור פון דער פרוי דרינגט

אַרויס פונם מאַנגל אין דעם איך. קאָראַקטור פון
דער העגידן-טעאָריע. דאָס ווייבלעכע דענקען. באַגריף
און אורטייל. מהות פון אורטייל. די פרוי און דער
אמת אַלס ריכטשנור פון דענקען. דער כּלל פון
גענוגנדיקן גרונט און זיין פאַרהעלטעניש צום כּלל
פון דער אידענטישקייט. אַמאָראַלישקייט, נישט אַנ-
טימאָראַלישקייט פון דער פרוי. די פרוי און דער
פּראָבלעם פון איינזאַמקייט. צונויפגעזאָסנקייט, נישט
געזעלשאַפט. ווייבלעך מיטלייד און ווייבלעכע שע-
מעוודיקייט. דער איך פון די פרויען. ווייבלעכע
אייטלקייט. מאַנגל אין אייגנוועָרט. זכרון פאַר
כּיבודים. זעלבסטבאַאָבאַכטונג און חרטה. גערעכטי-
קייט און קנאה. נאָמען און אייגנטום. באַאיינפלוס-
באַרקייט. — ראַדיקאַלער אונטערשיד צווישן מענלעכן
און ווייבלעכן גייסטיקן לעבן. פסיכאָלאָגיע אָן און
מיט נשמה. פסיכאָלאָגיע אַ וויסנשאַפט? פרייהייט
און געזעצלעכקייט. די גרונטבאַגריפן פון דער פּסי-
כאָלאָגיע זענען פון טראַנסצענדענטער נאַטור. פסיכע
און פסיכאָלאָגיע. די הילפלאָזיקייט פון דער נשמה-
לאָזער פסיכאָלאָגיע. ווו ס'איז אַליין מעגלעך
„שפּאַלטונגען פון דער פּערזענלעכקייט". פסיכאָפיזי-
שער פּאַראַלעליזם און קעגנזייטיקע ווירקונג. פּראָב-
לעם פון דער ווירקונג פון פסיכישע סעקסואַל-אייגנ-
שאַפטן פון מאַנסביל אויף דער פרוי.

קאַפּיטל X: מוטערשאַפט און פּראָסטיטוציע — 352

ספּעציעלע ווייבלעכע כאַראַקטעראָלאָגיע. מוטער און
זונה. די נטיה צו פּראָסטיטוציע אַן איינגעבוירענע,
אָבער נישט אַנטשיידנדיקע. איינפלוס פונם מאַנסביל.
דאָס פאַרקוקן זיך. פאַרהעלטעניש פון ביידע טיפּן
צום קינד. די פרוי פּאָליגאַם. חתונה און טרייִשאַפט.
מדה און רעכט. אַנאַלאָגיעס צווישן מוטערשאַפט
און סעקסואַליטעט. מוטער און מין-צוועק. די „אַלמא-
מאטער". די מוטער-ליבע עטיש אינדיפערענט. די
זונה מחוץ דעם מין-צוועק. די פּראַסטיטוטקע און

די סאָציאַל אָנערקענטע מאָראַל. די פּראָסטיטוטקע, דער פאַרברעכער און דעראָבערער. נאָכאַמאָל דער „ווילנס-מענטש" און זיין פאַרהעלטעניש צום זשעני. העטערע און אימפּעראַטאָר. מאָטיוו פון דער זונה. קאָיטוס — זעלבסטצוועק. קאָקעטעריע. די עמפינדונגען פון דער פרוי באַם קאָיטוס און פאַרהעלטעניש צו איר נאָרמאַלן לעבן. מוטעררעכט און פאָטערשאַפט. „פאַרקוקן זיך" און אינפעקציע-טעאָריע. די זונה אַלס פיינטין. באַשטעטיקונג און פאַרניינונג. לעבנספריינטלעכקייט און לעבנספיינטלעכקייט. קיין פּראָסטיטוציע באַ די חיות. דאָס רעטעניש אין אורשפּרונג.

קאַפּיטל XI: עראָטיק און עסטעטיק — — 397

ווייבער און ווייבער-שנאה. עראָטיק און סעקסואַליטעט. פּלאַטאָנישע ליבע און זינלעכקייט. פּראָבלעם פון אַן אידעע פון דער ליבע. — די שיינהייט פון דער פרוי. איר פאַרהעלטעניש צום סעקסואַל-דראַנג. ליבע און שיינהייט. דער אונטערשיד פון דער עסטעטיק פון דער לאָגיק און עטיק אַלס נאָרמאַטיווע וויסנשאַפטן. מהות פון דער ליבע. פּראָיעקציע-פענאָמען. שיינהייט און זיטלעכקייט. שיינהייט און פולקאָמענהייט. נאַטור און עטיק. נאַטור-שיינהייט און קונסט-שיינהייט. נאַטורגעזעץ און קונסטגעזעץ. נאַטורצוועקמעסיקייט און קונסטצוועקמעסיקייט. די איינצל-שיינהייט. די געשלעכטס-ליבע אַלס שולד. שנאה און ליבע אַלס פאַרלייכטערונג פון מאָראַלישן שטרעבן. די שאַפונג פונם טייוול. ליבע און מיטלייד-ליבע און שעמעוודיקייט. ליבע און אייפערזוכט. ליבע און דערלייזונגס-באַדערפעניש. די פרוי אין דער עראָטיק מיטל צום צוועק. פּראָבלעם פון צוזאַמענהאַנג פון קינד און ליבע. קינד און סעקסואַליטעט. גרויזאַמקייט נישט בלויז אין דער תאווה, נאָר אויך אין דער ליבע. ליבע און מאָרד. ליבע אַלס פחדנות, אומרעכט, טעות. דער

מאַדאָנען-קולט. די מאַדאָנע אַ געדאַנקלעכע קאָנצעפּ-
ציע פונם מאַנסביל; אָן יסוד אין דער רעאַלער
ווייבלעכקייט. די ליבע פונם מאַנסביל צו דער פרוי
אַלס ספּעציעלער פאַל. די פרוי נאָר סעקסועל,
נישט עראָטיש. דער שיינהייטס-חוש פון די פרויען.
שיין און היפּש. ליבע און פאַרליבטקייט. מיט וואָס
דער מאַנסביל ווירקט אויף דער פרוי. דער פאַטום
פון דער פרוי. אַריינפירונג פון נייע דערקענטענישן
צווישן די פריערדיקע. די ליבע כאַראַקטעריסטיש
פאַר דעם מהות פון דער מענטשהייט. פאַרוואָס דער
מאַנסביל ליבט די פרוי. מעגלעכקייטן.

קאַפּיטל XII: דער מהות פון דער פרוי
און איר זין אין אוניווערס — 433

גלייכהייט אָדער גלייכשטעלונג. פ. י. מעביוס. זינ-
לאָזיקייט אָדער באַדייטונג פון דער ווייבלעכקייט.
צוויפאָרעריי. אינסטינקטיווער דראַנג. דער מאַן און
די מעקלעריי. וועלכע דערשיינונגען זענען אויך
מעקלעריי. הויכשאַצונג פון קאָיטוס. דער אייגענער
געשלעכטס-דראַנג אַ ספּעציעלער פאַל. מוטער—זונה.
דער מהות פון דער פרוי איז אויסגעדריקט נאָר אין
דער פאַרמיטלעריי. פאַרמיטלעריי = ווייבלעכקייט =
אוניווערסאַלע סעקסואַליטעט. סיסטעם פון איינווענדן
און סתירות. נויטווענדיקייט פון דער אויפלייזונג.
באַאיינפלוסבאַרקייט און פאַסיוויטעט. אומבאַוווסט-
זיניקע פאַרלייקענונג פון דער אייגענער נאַטור אַלס
פועל-יוצא. אָרגאַנישע ליגנערישקייט פון דער פרוי.
די היסטעריע. פּסיכאָלאָגישע סכעמע פאַר דעם
„מעכאַניזם" פון דער היסטעריע. דעפיניציע פון דער
לעצטער. צושטאַנד פון דער היסטעריקערין. אייגנ-
טימלעכער בייט-שפּיל. די פרעמדע נאַטור אַלס די
אייגענע, די אייגענע אַלס די פרעמדע. דער „פרעמד-
קערפּער". צוואַנג און שקר. העטעראָנאָמיע פון דער
היסטעריקערין. ווילן און קראַפט צום אמת. דער

אוניווערס. דער מאַנסביל אַלס דער עפּעס, די פרוי אַלס דער גאָרנישט. דער פּסיכאָלאָגישער פּראָבלעם פון דער מורא פאַר דער פרוי. די ווייבלעכקיים און דער פאַרברעכער. דער גאָרנישט און דער נישט. די באַשאַפונג פון דער פרוי דורכן פאַרברעכער אינם מאַנסביל. די פרוי אַלס די באַוויליקטע סעקסואַליטעט פונם מאַנסביל. די פרוי אַלס די שולד פונם מאַנסביל. וואָס די ליבע פון מאַנסביל צו דער פרוי איז אין טיפסטן תוך. דעדוקציע פון דער ווייבלעכקייט.

קאַפּיטל XIII: דאָס יידנטום — — — — 314

אונטערשיד צווישן די מענער. די צווישנפאָרמען. און די ראַסן-אַנטראָפּאָלאָגיע. אַמפיבאָליע פון דער ווייבלעכקייט מיט דעם יידנטום. דאָס יידישע אַלס אידעע. דער אַנטיסעמיטיזם. ריכאַרד וואַגנער. קיין אידענטיטעט מיט דער ווייבלעכקייט. געמיינזאַמע אייגנשאַפטן: אייגנטום, מלוכה, געזעלשאַפט, אַדל, מאַנגל אין פּערזענלעכקייט און אייגנווערט, אַמאָראַלישקייט און אַנטימאָראַלישקייט. מין-לעבן, משפחה, מעקלעריי. איינציקער אופן פון אַ לייזונג פון דער יידן-פראַגע. גאָט-באַגריף פונם ייד. נשמהלאָזיקייט און דערפאַר מאַנגל אין אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש. יידנטום אין דער וויסנשאַפט. דער ייד אַלס כעמיקער. דער ייד אומגעניאַל. שפּינאָזאַ. דער ייד, לויט זיין נאַטור, נישט געניגט צו מאָנאַדאָלאָגיע. דער ענגלענדער און דער ייד. די ענגלענדער אין פילאָזאָפיע, מוזיק, אַרכיטעקטור. אונטערשידן. הומאָרלאָזיקייט פונם ייד. מהות פונם הומאָר. הומאָר און סאַטירע. די יידין. נישטזיין, פולשטענדיקע פאַרפאַרענדערונגס-פעיקייט. מיטלבאַרקייט באַם ייד ווי בא דער פרוי. גרעסטע אידענטישקייט און גרעסטע דיפערענץ. אַקסיוויטעט און באַגריפלעכקייט פון דעם ייד. טיפסטער מהות פון יידנטום. גלויבנסלאָזיקייט

היסטערישער פּראַקסיזם. וואָס ס׳ווערט אָפּגעשטויסן. די היסטערישע קאָנסטיטוציע. דינסטמיידל און מע-
גערע. די מעגערע אַלס היפוך פון דער היסטערי-
קערין. די וואָרהייטס-ליבע פון דער היסטעריקערין
אַלס איר שקר. די היסטערישע צניעות און אָפּנייי-
גונג קעגן דעם געשלעכטס-אַקט. דאָס היסטערישע
שולדבאַוווסטזיין און די היסטערישע זעלבסטבאַ-
אָבאַכטונג. די וויזיאָנערין און זעערין אין דער פרוי.
די היסטעריע און די אומפרייהייט פון דער פרוי.
איר גורל און די האָפנונגסלאָזיקייט פון דאָזיקן גורל.
נויטווענדיקייט פון דער צוריקפירונג אויף איין
לעצטן פּרינציפּ. אונטערשידן צווישן מענטש און חיה,
צווישן מאַנסביל און פרוי. איבערבליקס-טאַבעל. דאָס
צווייטע אָדער העכערע לעבן, דאָס מעטאַפיזישע
זיין אינם מענטש. אַנאַלאָגיעס צום נידריקערן לעבן.
נאָר אינם מאַנסביל אייביק לעבן. דאָס פאַרהעלטע-
ניש פון איין לעבן צום אַנדערן און די ירושה-
זינד. געבורט און טויט. פרייהייט און גליק. דאָס
גליק און דער מאַנסביל. דאָס גליק און די פרוי.
די פרוי און דער פּראָבלעם פון לעבן. נישטזיין פון
דער פרוי. דערפון דרינגט קודם-כל די מעגלעכקייט
פון שקר און מעקלעריי. אַמאָראַלישקייט און אַלאָ-
גישקייט. נאָכאַמאָל די מעקלעריי. געמיינשאַפט און
סעקסואַליטעט. מענלעכע און ווייבלעכע פריינט-
שאַפט. מעקלעריי דערלאָזט נישט קיין קנאה. מעק-
לעריי אידענטיש מיט ווייבלעכקייט. פאַרוואָס די
פרויען זענען מענטשן. מהות פון געשלעכטס-קעגנ-
זאַץ. קעגנזאַצן : סוביעקט — אָביעקט = פאָרם —
מאַטעריע = מאַנסביל — פרוי. קאָנטרעקטאַציע און
טאַפ-חוש. אויפקלערונג פון די הענידן. נישטזיין
פון דער פרוי; אַלס פועל-יוצא אוניווערסאַלע אי-
בערנעמעוודיקייט. געשטאַלטונג און בילדונג פון
דער פרוי דורכן מאַנסביל. געשלעכטס-דואַליטעט און
וועלט-דואַליזם. דער באַטייט פון דער פרוי אין

אַן אַחיזהלאָזיקייט. דער ייד נישט אַמיסטיש, נאָר
אומפּרום. מאַנגל אין ערנסט, באַגייסטערונגס-פעי
קייט און התלהבות. אינערלעכע פּילדייטיקייט. קיין
שום פשטות פון גלויבן. אינערלעכע ווירדעלאָזי-
קייט. דער ייד אַלס דער היפּך פונם העלד. —
קריסטנטום און יידנטום. אורשפּרונג פון קריסטנטום.
פּראָבלעם פון דעם רעליגיע-שעפער. דער רעליגיע-
שעפער אַלס אויספירער פון אַן אייגענער רייניקונג
פון פאַרברעכן און פון דער גאָטלאָזיקייט. אין אים
אַליין איז פאַרווירקלעכט אַ נייע ווידערגעבורט.
ער אַלס דער מענטש מיט דעם טיפסטן שולדגע-
פיל. קריסטוס אַלס איבערגעוועלטיקער פון יידנטום
אין זיך, קריסטנטום און יידנטום אַלס לעצטע
היפּוכים. דער רעליגיע-שעפער אַלס דער גרעסטער
מענטש. די איבערגעוועלטיקונג פון יידנטום, אַ נויט-
ווענדיקייט פאַר יעדן רעליגיע-שעפער.—דאָס יידנטום
און די היינטיקע צייט. יידנטום, ווייבלעכקייט ; קולטור
און מענטשהייט.

קאַפּיטל XIV: די פרוי און די מענטשהייט — 68

די אידעע פון דער מענטשהייט און די פרוי
אַלס מעקלערין. דער געטע-קולט. פאַרווייבלעכונג
פון די מענער. מיידלשאַפט און צניעות, מענלעכער
אורשפרונג פון דאָזיקן אידעאַל. דאָס אומפאַר-
שטענדעניש פון דער פרוי פאַר די עראָטיק, איר
פאַרשטענדעניש פון דער סעקסואַליטעט. דער קאָיטוס
און די ליבע. די פרוי אַלס קעגנערין פון דער
עמאַנציפאַציע. אַסקעטיזם אומזיטלעך. דער גע-
שלעכטס-פאַרקער אַלס אומנ֞כטונג פון מיטמענטש.
פּראָבלעם פונם ייד = פּראָבלעם פון דער פרוי =
פּראָבלעם פון דער שקלאַפעריי. אין וואָס באַשטייט
זיטלעכע פאַרהאַלטונג לגבי דער פרוי. דער מאַנס-
ביל אַלס קעגנער פון דער פרויען-עמאַנציפאַציע.
עטישע פאָסטולאַטן, צוויי מעגלעכקייטן. די פרויען-

פראַגע אַלס די מענטשהייטס-פראַגע. אונטערגאַנג פון דער פרוי. — אַבסטינענץ און אויסשטאַרבונג פונם מענטשלעכן מין. מורא פאַר דער איינזאַמקייט. די אייגנטלעכע טעמים פון דער אומזיטלעכקייט פון געשלעכטס-פאַרקער. די ערדישע פאַטערשאַפט. פאַדערונג אויפצוגעמען די פרוי אונטער דער מענטשהייטס-אידעע. די מוטער און די דערציִונג פון מענטשלעכן מין. לעצטע פראַגעס.